אויגען האָבען זיך איינגעגעסען אין דעם מאַן אין דעם יוניפארם, וועלכער איז געשטאַנען א צוקאָכטער און געשטאַמעלט:

— שווייג, שווייג, הערסטו, שווייג!

אָבער זי האָט ניט געשוויגען. זי האָט געשריען:

— אָה, יא, דו ביזט א פיינער יונג! איך קען דיך, איך קען דיך, מיין אינגעל! איך זאָג דיר, איך האָב זיי מעהר שלעכטס געטהאָן ווי דו. איך האָב מעהר פון זיי געטויטעט, ווי דיין גאַנ־צער רעגימענט צוזאמענגענומען. און איצט טראָג זיך אָב, געה, געה פון דאנען דו... מיאוס'ער פייגלינג...

און ער איז טאקע אוועק. ער האָט זיך געלאָזט לויפען מיט לאנגע טריט צווישעןביידע רייהען בעטען אין וועלכע די קראַנקע זיינען געלעגען און ער האָט נאָך אלץ געהערט הינטער זיך איר־מא'ס פייפענדיגע, כאָרכלענדע שטימע, וועלכע האָט איהם פער־פאָלגט:

— מעהר ווי דו, יא, יא, איך האָב מעהר געטויטעט ווי דו...

ער איז געלאָפען איבער די טרעפ פיער טרעפלאַך אויף א מאָל, איז געפלויגען אהיים און זיך דאָרט איינגעשלאָסען.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מען איהם אָנגעזאָגט, אז זי איז געשטאָרבען.

דאָך, אַז זיי האָבען מיך פאַרגעוואַלטיגט און אַנגעשטעקט. און איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז איך האָב זיך ניט געלאָזט היילען, ווייל איך האָב זיי אַלעמען געוואָלט פערגיפטען. ווען איך זאָל זיך דאַן וועלען לאָזען קורירען, וואָלט עס געווען אַ קליינינקייט. אָבער איך האָב זיי געוואָלט טויטען. און איך האָב זיי געטויטעט, פאַרשטעהסטו שוין?

ער איז געבליבען שטעהן:

— אַ שאַנדע איז עס אויף יעדען פאַל!

די אויפרעגונג האָט זי גענומען שטיקען און זי האָט אויס־גערופען:

— וואָס איז אַ שאַנדע? וואָס איך געה אין קבר, אום זיי צו פערניכטען? נים אַזוי האָסטו צו מיר גערעדט, ווען דו פלעגסט קומען צו מיר אין דער דו דזשאַ־דע־אַרק. אַך, עס איז ווירקליך אַ שאַנדע! דו מיט דיין עהרען לעגיאָן האָסט ניט אַזויפיעל אויפ־געטהאָן. איך האָב די אויסצייכנונג מעהר פערדיענט, ווי דו. פערשטעהסטו, מעהר ווי דו. איך האָב אַ סך מעהר פּרייסען געטויטעט, ווי דו.

ער איז געבליבען שטעהן פאַר איהר ווי אַ צונעשמידטער צום אָרט און האָט געציטערט פאַר כעס:

— וועסטו זיין רוהיג... וועסטו אויפהערען רעדען... ווייל אַזעלכע זאַכען... דו ווייסט, איך... איך ערלויב ניט, אַז מען זאָל זיי אָנריהרען.

אָבער זי האָט איהם ניט געהערט:

— איהר, איהר האָט די פּרייסען גאַנץ ווייניג שלעכטעס געטהאָן. וואָלט עס געקענט פּאַסירען, ווען איהר וואָלט זיי ניט דערלאָזען, אריינמאַרשירען אין רוען? איהר האָט זיי געדאַרפט אויפהאַלטען, זיי הינדערן, פאַרשטעהסטו? און איך האָב זיי מעהר שלעכטעס געטהאָן ווי דו. יאָ, יאָ, מעהר, אַ סך מעהר שלעכ־טעס.... און איך מוז דערפאַר שטאַרבען, בעת דו ביזט געזונד און שטאַרק און פרעהלאך... קענסט זיך אויספּיינען און ווידער אַרומ־לויפען זיך יאַגען נאָך ווייבער.

אין יעדער בעט האָט זיך אויפגעהויבען אַ קאָפּ, און אַלע

א געוויסע אירמאַ פּאוואלין בעשווערט איהם אויף איהר טוי־טענבעט, ער זאָל נאָך איין מאָל קומען איהר בעזוכען.

ער האָט ניט געוואגט צו ענטזאגען דעם פּריסטער. אָבער ער איז אוועק צו איהר פול מיט בייזע ראַבע גערדאנקען, פול מיט געקריינקטער אייטעלקייט, פול מיט בעליידיגטען שטאָלץ.

ער האָט זי געפונען ניט פיעל פערענדערט און האָט געמיינט אז זי מאכט פון איהם חוזק.

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב דיר געוואָלט זאָגען לעבוואָהל. מיט מיר איז אויס.

— הער אויס, דו מאכסט מיך לעכערליך פאר'ן גאנצען רע־גימענט. דאָס מוז נעהמען א סוף.

זי האָט געפרעגט:

— וואָס האָב איך דיר געטהאָן?

ער איז געווארען בייז, ווייל ער האָט ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן, דאן האָט ער געזאָגט:

— זאָלסט נור ניט רענקען, אז איך וועל קומען אהער זיך צו בלאמירען פאר דער גאנצער וועלט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט האלב צושראָקענע אויגען פון וועלכע עס האָט ארויסגעשיינט דער כעס און געזאגט:

— וואס אזוינס האָב איך דיר געטהאָן? בין איך ניט גע־ווען איידעל אנטקעגען דיר? האָב איך פון דיר ווען עס איז עפּעס פערלאנגט? ווען ניט דו, וואָלט איך נאָך ביז היינטיגען טאָג געווען ביי טעמפּלער־פּאפּאָן און וואָלט איצט ניט געלעגען דאָ אין אזא צושטאנד. ניין, אויב אימיצער קען מיר עפּעס אויפ־ווארפען, ביזטו עס אָבער יעדענפאלס ניט.

ער האָט געענטפערט און זיין שטימע האָט געציטערט:

— איך האָב דיר ניט געמאכט קיין פּארווירפע. אָבער איך קען מעהר אהער ניט קומען. ווארים דיין אויפיהרונג מיט די פּרייסען איז געווען אן אָפענער סקאנדאל.

זי האָט זיך היציג א זעץ אויף געטהאָן אין בעט:

— מיין אויפיהרונג מיט די פּרייסען? אבער איך זאָג דיר

— זי האָט געהאט א לונגען ענטצינדונג. זי איז זעהר קראַנק.

אָבער א יונגער לייטענאַנט האָט אין זיינע רייד עפּעס דער־שמעקט, ער האָט זיך אליין גענומען נאָכפרעגען און ווען דער קאַפּיטאַן איז אויפ׳ן צווייטען טאָג געקומען אין קאַסינאָ, האָט מען איהם דאָרט אויפגענומען מיט העלישען געלעכטער און אלער־ליי גלייכווערטלאַך. אָט דאָס איז געווען די לאַנג ערוואַרטעטע פערגעלטונג.

דערצו האָט מען זיך נאָך דערוואוסט, אז אירמא האָט גע־לעבט א גוטען טאָג מיט די פּרייסען, אז זי איז רייטענדיג אויף א פערד ארומגעפאָהרען מיט א קאָלאָנעל פון די בלויע הוזארען איבער׳ן לאַנד, און האָט געהאַט צו טהאָן נאָך מיט פיעלע אנדע־רע, אזוי אז אין רוען האָט מען זי אנדערש ניט גערופען, ווי די פּרייסישע פּראָסטיטוטקע.

אכט טאָג נאָכאַנאַנד איז דער קאַפּיטאַן געווען דער אָפּפער פון זיין רעגימענט. דורך פּאָטשט האָט ער געקראָגען אלערליי גוטע עצות, רעצעפּטען פון ספּעציאליסטען, זאַגאר מעדיצינען, און פון אויבען אויף די פּאַקעטען איז געווען בעשריעבען ווי עס היילט און פון וואס עס היילט.

און דער קאָלאָנעל, וועלכער האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט געזאָגט מיט אַן ערנסטען טאָן:

— דער קאַפּיטאַן האָט געהאט א פיינע בעקאַנטע. איך וועל איהם ווינשען גליק.

אין צוועלף טעג ארום האָט אירמא׳ס א בריעף איהם גע־רופען צו זיך. ער איז געוואָרען א צוקאָכטער, האָט איהם צו־ריסען און ניט געענטפערט.

אין אכט טעג ארום האָט זי איהם ווידערראַמאָל געשריעבען, עס געהט איהר זעהר שלעכט און זי וואָלט זיך וועלען מיט איהם זעגענען.

ער האָט ניט געענטפערט.

נאָך עטליכע טעג זיינען אוועק און דער גייסטליכער פון שפּיטאָל איז געקומען צו איהם.

וויזיאָן אין א פוס צושמעטערט געוואָרען און פאקוועט האָט פער־לאָרען די רעכטע אויג.

זי האָט צוגעהערט פול אינטערעס. דאן האָט זי פלוצים אויס־געשטאמעלט:

— גיעב מיר א קוש, איידער דו געהסט אוועק. מאדאם לאנגלאָים איז נישטאָ.

און טראָץ דעם עקעל וואָס האָט איהם די ליפען פערגליווערט, האָט ער צוגעדריקט זיין מויל צו איהר איינגעפאלענעם שטערן, בעת זי האָט איהם ארומגעכאַפּט מיט איהרע ארעמס און פערצווייפעלט געקושט דאָס בלויע געוואנד פון זיין יוניפאָרם.

דאן האָט זי געזאָגט עטליכע מאָל נאָכאנאנד:

— דו וועסט נאָך צו מיר קומען, ניט אמת, דו וועסט ווידער קומען? פארשפרעך מיר, אז דו וועסט ווידער קומען!

— יא, איך פארשפרעך.

— ווען? קענסטו קומען דאָנערשטאג?

— יא, דאָנערשטאָג.

— דאָנערשטאָג צוויי אזייגער?

— יא, דאָנערשטאָג צוויי אזייגער.

— פארשפרעכסטו עס מיר?

— איך פארשפרעך עס דיר.

— אדיע, מיין ליעבסטער!

— אדיע!

און ער איז אוועק א צומישטער. אלעמענס בליק אין זאאל האָבען איהם נאָכגעפאָלגט, און ער האָט זיין הויכע געשטאלט איינגעבויגען, ווי ער וואָלט זיך וועלען קליין מאכען. און ווען ער איז אויף דער גאַס ארויס, האָט ער טיעף אָבגעאָטהעמט.

* * *

און דעמזעלבען אבענד האָבען איהם זיינע קאמעראדען גע־פרעגט:

— נו, וואס מאכט אירמא?

ער האָט געענטפערט עטוואס פערלעגען:

אָברעכענען. ווען עס זאָל מיר אפילו קאָסטען דאָס לעבען. און איך האָב אַן זיי ראַכע גענומען; איך האָב זיי פּארגיפטעט, אלע, אלע, וויפיעל איך האָב נאָר געקענט. אלע וואָס זיינען געווען אין רוען. איך האָב גאָרנישט געטהאָן אום זיך אויסצוהיילען.

ער האָט געזעגנט עטוואָס פערלעגען מיט א טאָן פון פערבאָרגענער פרייד:

— נו, דאָ האָסטו געטהאָן א גוטע זאַך!

און זי האָט גערעדט, ווערענדיג לעבעדיגער און איהרע באַקען האָבען זיך פּאררויטיגט:

— יא, יא, איך האָב גענוג פון זיי אין קבר אריינגעיאָגט. איך אָג דיר, איך האָב זיך מיט זיי גוט אָבגערעכענט!

ער האָט בלויז געענטפערט:

— איז טאַקע גוט.

דאָן האָט ער זיך אויפגעהויבען.

— איך מוז געהן. פיער א זייגער מוז איך זיין ביים קאַנאָנעל.

זי איז געוואָרען צושראָקען:

— דו ווילסט שוין אוועק? אָבער דו ביזט דאָך ערשט נור וואָס געקומען.

אָבער ער האָט געוואָלט אוועקגעהן אונטער אלע אומשטענדען.

—דו זעהסט דאָך, איך בין גלייך צו דיר געקומען. אָבער איצט מוז איך דורכאוים געהן צום קאָלאָנעל.

זי האָט געפרעגט:

— איז עס נאָך אלץ קאָלאָנעל פּרונע?

— יא, דער איינענער. ער איז צוויי מאָל געוואָרען פערוואונדעט.

זי האָט געפרעגט:

— זיינען וועלכע פון דיינע קאַמעראַדען געפאַלען?

— יא. סיינט טימאָן, סאַוואַנגאַט, פּאָלי, סאַפּרעוואַל, ראָבערט, דע־קאורסאָן, פּאַסאָפּיל, סאַנטאַל, קאַראַוואַן, פּאַיוורין זיינען טויט. סאַהיל׳ן האָט מען ארונטערגעשאָסען א האַנד, ביי קאור־

— דו האָסט עס דאָך געלעזען. עס שטעהט אָנגעשריבען אויפ'ן טהיר.

און זי האָט בעהאַלטען איהרע אויגען אונטער דער דעקע. פארצווייפעלט און פארשעהמט האָט ער געזאָגט:

— ווי אזוי האָסטו עס געקראָגען, מיין אָרימע מיידעל?

זי האָט געפּליסטערט:

— פון די פּרייסען, די בעסטיעס. זיי האָבען מיך גענומען מיט געוואַלד און מיך אָנגעשטעקט, מיך פארגיפטעט.

ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל זאָגען. ער האָט זי אָנגעקוקט און גערדרעהט דאָס היטעל אין האנד.

די אַנדערע קראַנקע האָבען איהם אָנגעקוקט און איהם האָט זיך געדאכט, אז א גערוך פון פארפוילקייט, פון פארדאָרבענע פלייש, פון שאנדע שטראָמט אויף איהם פון דעם דאָזיגען שלאָף־צימער פול מיט מיידלאַך, אַלע קראַנק מיט דער דאָזיגער העס־ליכער, מורא'דיגער קראַנקהייט.

זי האָט געשעפּצעט:

— איך דענק, אז מיין סוף איז שוין ניט וויים. דער דאָק־טאָר זאָגט, אז איך האלט זעהר שמאָל.

און ווען זי האָט דערזעהן אן אָרדען אויפ'ן אָפּיציער'ס ברוסט, האָט זי אויסגערופען:

— אַך, דו האָסט געקראָגען דעם קרייץ. דאָס פרעהט מיך, דאָס פרעהט מיך זעהר שטארק. אַך, ווען איך זאָל דיך קענען א קוש טהאָן.

א קאַלטער שוידער איז איבער דעם קאַפּיטאַן'ס לייב אריבער פאר אנגסט און עקעל, ביי דעם געדאַנק אָן דעם דאָזיגען קוש. עס האָט זיך איהם געוואָלט אנטלויפען, כאַפּען א ביסעל פרישע לופט און ניט אָנקוקען מעהר דאָס דאָזיגע מיידעל. אָבער ער איז גע־בליבען אויף זיין אָרט. ער האָט ניט געוואוסט ווי אזוי אוועק־צוגעהן, ווי זיך מיט איהר צו זעגענען. און ער האָט נור געשטאָ־מעלט:

— פאר וואָס האָסטו ניט אכטונג געגעבען אויף זיך?

— איך האָב ניט געוואָלט, איך האָב זיך געוואָלט מיט זיי

— איך וועל אייך אהין אריינפיהרען! — האָט זי געזאָגט,
— עס איז די בעט נומער ניין און צוואנציג.

און זי איז געגאַנגען אין פאָרויס. דאַן האָט זי אָנגעוויזען אויף אַ בעטעל.

— דאָס איז עס.

מען האָט געזעהען בלויז אַ הויפען דעקעס, אפילו דער קאָפּ איז געווען בעהאַלטען אונטער דער דעקע.

פון איבעראַל האָבען זיך אויפגעהויבען בלייכע פּנים'ער, ער־שטוינטע פרויען־אויגען, וואָס האָבען אָנגעקוקט די בליסטשענדיגע יוניפאָרם. צווישען זיי זיינען געווען אי יונגע, אי אַלטע פרויען, אָבער אַלע זיינען זיי געווען העסליך אין זייערע גרויע קראַנקען־קליידער.

דער קאַפּיטאַן איז געוואָרען צוטומעלט, האָט געהאַלטען דעם שווערד אין איין האַנד און דאָס היטעל אין דער אַנדערער. דאַן האָט ער אַ רוף געטהאָן:

— אירמאַ!

אין בעט האָט זיך עפּעס בעוועגט און דער פּנים פון זיין געליעבטער איז ארויסגעטראָטען, אָבער אַזוי פאַרענדערט, אַזוי מאָגער, אַזוי מיעד, אַז ער האָט איהם ניט דערקענט.

איהר האָט פאַרכאַפּט דעם אָטהעם און זי האָט געשטאַמעלט שטאַרק בעוועגט:

— אַלבערט, אַלבערט, דו ביזט עס. אַך, ווי גוט פון דיר... ווי גוט...

און טרעהרען האָבען פון איהרע אויגען אַ שטראָם געטהאָן.

די וועכטערין האָט געבראַכט אַ שטול:

— זיצט, מיין הערר.

ער האָט זיך געזעצט און געקוקט אויף דעם בלייכען, אויסגע־מוטשעטען פּנים פון דער דאָזיגער מיידעל, וועלכע ער האָט פאַר־לאָזען אַזוי שעהן, אַזוי יונג, אַזוי בליהענד.

ער האָט געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר געשעהן?

זי האָט געענטפערט וויינענדיג:

לעם דעם גאַרטעל און איז אוועק מיט שנעלע טריט צום שטאָדטי־
שען שפּיטאָל.

אָבער דער אריינגאַנג אין שפּיטאָל איז איהם פון די בעאַמטע
שטרענג פערבאָטען געוואָרען, הגם ער האָט געדענקט, אז דאָס וועט
איהם אָנקומען גאָר לייכט און ער האָט געמוזט אפריהער געהן צו
זיין קאָלאָנעל, איהם ערקלעהרען די אורזאכען און קריגען פון איהם
א רעקאָמענדאציאן צו דעם הויפּט דאָקטאָר פון שפּיטאָל.

דער קאָלאָנעל האָט איהם א ווײַלע געלאָזט ווארטען אין פּאָר־
צימער און ערשט דאַן האָט ער דעם שעהנעם קאפּיטאן באלד און
ניט גאָר פריינדליך אויסגעהערט און איהם געגעבען די רעקאָ־
מענדאציע.

אזוי שנעל ווי ער איז אריין אין שפּיטאָל, אין דעם ראָזיגען
ווינקעל פון עלענד, ליידען און טויט, האָט ער זיך גלייך דערפיהלט
אונאנגענעהם. א וועכטערין האָט איהם געפיהרט.

ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, כדי ניט צו מאכען
קיין טומעל, איבער די לאנגע קאָרידאָרען, וואו עס האָט זיך גע־
טראָגען א גערוך פון פּארפּוילטקייט, פון קראנקהייט און פון מע־
דיצין. נור פון צייט צו צייט האָבען שטילע שטימען אונטער־
בראָכען די אונהיימליכע שטילקייט פון'ם שפּיטאָל.

אלע ווײַלע האָט ער דורך אן אָפענער טהיר געזעהען א זאַאל
מיט א לאנגע רייהע בעטען, אויף וועלכע עס האָבען זיך אָבגעצײ־
כענט די קראנקע קערפּערס.

מאנכע קראנקע זיינען געזעסען אויף שטולען צופוסען פון
זייערע בעטלאַך, אלע אין דיזעלבע קליידער פון גרויען לייווענט,
מיט ווייסע מיצען אויף די קעפּ.

זיין פיהרערין האָט זיך פּלוצים אָבגעשטעלט פאַר א זאַאל,
פול געפּאקט מיט קראנקע. איבער דער טיהר איז געשטאנען מיט
גרויסע בוכשטאבען: סיפיליטישע. דער קאפּיטאן האָט זיך א
טרייסעל געטהאָן. ער האָט דערפיהלט, אז ער איז רויט געוואָרען.
א וועכטערין האָט צורעכט געמאכט עפּעס א רפואה אויף א קליי־
נעם הילצערנעם טישעל נעבען אריינגאנג.

ער האָט זאָגאר געשיקט זיין דענשטשיק אין ראטה־הויז, אום דאָרט נאָכצוזעהען די ליסטע פון די טויטע. דער נאָמען פון זיין געליעבטער האָט זיך דאָרט ניט געפונען.

ער איז געווען זעהר פארטרויערט און האָט עס אָפען ארויס־געוויזען. ער האָט זאָגאר אַרויסגעוואָרפען די שולד פון זיין אונ־גליק אויפ'ן שונא, און האָט די פּרייסען, וועלכע האָבען באזעצט רוען, געמאכט פעראַנטוואָרטליך פאר איהר פערשווינדען. און דאן האָט ער צוגעלייגט:

— זיי וועלען מיר אָבער דערפאר בעצאָהלען אין דער נעקס־טער מלחמה!

דאן, איין מאָל אין א געוויסען טאָג, ווען ער איז געקומען עסען פריהשטיק אין קאסינאָ, איז צו איהם צוגעגאַנגען א בעדיענטער, אַן אַלטער מאַן אין א בלוזע און א סאראטענער היטעלע, און איהם דערלאַנגט א בריף. ער האָט איהם געעפענט און געלעזען:

„מיין ליעבער!

איך ליג אין שפּיטאָל, בין קראַנק, זעהר קראַנק. ווילסטו מיך בעזוכען? דאָס וואָלט מיך זעהר גליקליך געמאכט.

אירמאַ".

דער קאפּיטאַן איז בלייך געוואָרען און געזאָגט פול מיטלייד:

—אַ רחמנות נעבאך! די אָרימע מיידעל... גלייך נאָך פריהש־טיק געה איך צו איהר.

און די גאַנצע צייט ביים עסען האָט ער אַלץ דערצעהלט די אָפיציערען, אַז אירמאַ ליגט א קראַנקע אין שפּיטאָל.

אָבער צום טייפעל, ער וועט זי שוין פון דאָרט ארויסנעהמען. די פערפלוכטע פּרייסען, דאָס איז אודאי זייער שולד. זי איז וואהרשיינליך געווען אַליין, אָהן געלד, און עלענדע, איהר הויז האָ־בען זיי אודאי געפּלינדערט — אָך די לומפּען!

אַלע האָבען איהם בעוועגט אויסגעהערט.

ווי נאָר ער האָט אַריינגעלעגט זיין סערוועטקע אין רינג, איז ער אויפגעשטאַנען, גענומען זיין שוועֶרד פון קליידער סטענדער, אָנגעבלאָזען די ברוסט, כדי צו מאַכען די טאַליע שמאָל, פּאַרשפּיע־

צולאָזענע האָר איז אירמא געהאנגען אויף דעם אָפיציער׳ס האלז, האָט איהם אלע ווײלע ארומגענומען, דאַן אָבגעלאָזען איהם, זיך געוואָרפען אָן דר׳ערד, אויפגעוואָרפען שטוהלען, געריסען די פרענז פון די פאטעל׳ן, געביסען אין פערצווייפלונג די ווענטלאך פון שטו־לען, בעת דער קאפּיטאַן, שטארק געריהרט, אָבער ניט געפינענדיג קיין טרייסט, האָט נאָכאנאנד געזאָגט:

— אירמא, מיין אָרימע אירמא, מען קען זיך ניט העלפען; עס מוז אזוי זיין.

און פון צייט צו צייט האָט ער מיט א שפּיץ פינגער אָבגע־ווישט א טרעהר, וואָס האָט זיך אין זיינע אוינגענווינקלען בעוויזען.

ווען עס איז טאָג געוואָרען, האָבען זיי זיך געזעגענט. ביז צו דער ערשטער סטאנציאָן האָט זי נאָכגעפאָלגט איהר געליעבטען אין א קארעטע, און ווען זיי האָבען זיך דאַן צושיידט, האָט זי איהם געקושט כמעט פאר דעם גאנצען רעגימענט אין די אויגען. אלע־מען איז דאָס זעהר געפעהלען, זיי האָבען עס געפונען זעהר ריהר־רענד, זעהר שעהן און זאָגאר זעהר ווירדיג. און די קאמעראדען האָבען דעם קאפּיטאַן געדריקט די האנד און געזאָגט:

— דו אלטער בעל עבריה׳ניק, די קליינע האָט א גוט הארץ, מען מוז צוגעבען.

אלע האָבען אין איהר האלטונג געזעהן א פאטריאָטישע טהאט.

* * *

דער רעגימענט האָט אין דער מלחמה שווערע פערלוסטען גע־האט. דער קאפּיטאַן האָט זיך געשלאָגען ווי א העלד און ענדליך האָט ער געקריגען דעם קרייץ פון דעם עהרען לעגיאָן. און ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט איז ער צוריק געקומען צו זיין גאר־ניזאָן אין רוען.

ער האָט זיך גלייך נאָכגעפרעגט אויף אירמא׳ן. אָבער קיינער האָט פון איהר גאָרנישט געוואוסט.

אייניגע האָבען געזאָגט, אז זי איז אוועק צו די פּרייסען און געהאט מיט זיי פארקעהר.

אנדערע ווידער, אז זי איז אוועק צו איהרע עלטערן. פויערים ניט ווייט פון הוועטאט.

נאָך אין דעם זעלבען אָבענד איז ער געוואָרען איהר געליעב־
טער.

זיי האָבען זיך איבעראל געציינט צוזאמען, האָבען זיך ביידע
קאָמפּראָמעטירט, און ביידע זיינען זיי שטאָלץ געווען איינער אויף
דעם אנדער׳ן.

אין דער גאנצער שטאָדט האָט מען פון קיין אַנדער זאַך ניט
גערעדט, ווי פון דער ליעבע צווישען דער שעהנער אירמא און דעם
אָפיציער. נור איין הערר טעמפּליער פּאפּאָן האָט זיך ניט ווייסענדיג
געמאַכט.

קאפּיטאַן עפּיוועגט האָט געשטראהלט פאר גליק און שטאָלץ
און יעדען מאָמענט האָט ער געזאָגט:

— די נאכט זאָגט צו מיר אירמא... ווען איך האָב געכטען
מיט אירמא׳ן געגעסען...

א יאָהר נאָכאנאַנד האָט ער טריאומפירט און זיך געציינט
אין גאנץ רוען מיט זיין ליעבע, ווי מיט א פאָהן, וועלכע ער וואָלט
גענומען צוגענומען ביים שונא. דורך דעם דאָזיגען זיעג האָט ער
זיך געפיהלט בעדייטענד גרעסער, פון אַלעמען בענייידעט, די צו־
קונפט האָט זיך איהם געמאָהלען שעהן און זיכער, ווי דער קרייץ
פון דעם עהרען לעגיאָן, וועלכע ער האָט אזוי געגאַרט צו האָבען.
די גאנצע וועלט האָט אויף איהם געקוקט, און ווען מען האָט איינ־
מאָל ערוועקט די אַלגעמיינע אויפמערקזאמקייט, דאן קען מען ניט
ווידער פארגעסען ווערען.

* * *

אָבער דאָ האָט אויסגעבראָכען די מלחמה און דעם קאפּיטאַנ׳ס
רעגימענט איז אוועקגעשיקט געוואָרען צום גרענעץ. דער אבשיעד
איז געווען שווער און ריהרענד, ער האָט געדויערט די גאנצע נאַכט.

דער שווערד, די רויטע הויזען, די קעפּקע, זיינען
ארונטערגעפאַלען פון שטול און געלעגען אויף דר׳ערד; קליידער,
אונטער־רעקען, זיידענע זאָקען האָבען זיך אויסגעמישט מיט פער־
שיעדענע טהיילען פון דער יוניפאָרם און זיך אומעדיג צושפּרייט
איבער׳ן קאָווייאָר; דאָס גאנצע צימער איז געווען צוואוואָרפען,
צודרעהט עפּעס ווי מיט׳ן קאָפּ אראָפּ. א פארצווייפעלטע, מיט

קאמעראד געגאנגען, האָט יענער יעדעס מאָל ווען זיי זיינען פארביי פרויען פערבייגעגאנגען, געזאָגט מיט קנאָ און אייפערזוכט :

— נו, נו, האָסטו אָבער גליק !

צווישען די עפענטליכע מיידלאַך פון שטאָדט האָט אויסגע־בראָכען א שטרייט, א קאָנקורענץ, ווער פון זיי עס וועט איהם קריגען. א זייגער פינף, אין דער זעלבער צייט ווי די אָפיציערען, זיינען זיי אַלע געקומען אויף דעם שפּאציער־פּלאַץ, און זיך געלאָזט געהן זאלבענאנד, צו צוויי מיידלאַך הין און צוריק, שורשענדיג מיט זייערע לאנגע שלעפּעס, בעת די קאַפּיטאַנען, די לייטינאנטען, די אָפיציערען זיינען אויך געגאנגען צו צוויי, צו פּאָארלאַך, קלינגענדיג מיט זייערע שווערדען איבער'ן טראָטואר, איידער זיי זיינען אין קאַפע־הויז אריין.

דאן האָט איין מאָל אָן אָבענד די שעהנע אירמא, פון וועלכער מען האָט געזאָגט, אז זי איז די געליעבטע פון'ם רייכען פאברי־קאנט טעמפּליער־פּאַפּאָן, אָבגעשטעלט איהר קארעטע אנטקעגען טהעאטער, איז ארויס און געמאכט אָן אָנשטעל, אז זי וויל קויפען פּאַפּיר אָדער וויזיט קארטען ביי דעם גראווירער פּולארד. אָבער זי האָט עס נור געטהאָן, כדי זי זאָל קענען פארבייגעהן פארביי דעם אָפיציערישען טיש און דעם קאַפּיטאַן עפּיוועגט ווארפען א בליק, וועלכער האָט קלאָהר גערעדט :

— אויב דו ווילסט... בין איך בערייט.

און דאָס איז געווען אזוי אויפאלענד, אז דער קאָלאָנעל פּרונע, וועלכער האָט געטרונקען גרינעם שנאַפּס מיט זיין לייטענאנט, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און אויסגעברומט :

— זעה, וואָס פאר א גליק ער האָט, דער קערל !

די ראָזיגע בעמערקונג פון'ם קאָלאָנעל האָט זיך צושפּרייט צווישען אַלע אָפיציערען און דער קאַפּיטאַן עפּיוועגט האָט זיך געפיהלט גליקליך צו הערען אזעלכע לויב ווערטער פון דעם מויל פון זיין קאָלאָנעל. און צוליעב דעם טאקע איז ער אויפ'ן צווייטען טאָג אין פאָלנער פאָרמע אוועק שפּאציערען אונטער די פענסטער פון דער שעהנהייט.

זי האָט איהם דערזעהן, האָט זיך בעוויזען און געשמייכעלט.

חברה אמאָל האָבען, אָבער מען האָט זיי גערופט האַלטען בע־האַלטען און ניט לאָזען ארומגעהן אין די גאסען אין רויטע הויזען און בלויע רעק, ווי די קאָמעדיאַנטען. דעם תליון לאָזט מען דאָך ניט ארומגעהן יעדען טאָג אין זיין יוניפאָרם, ניט אמת?

די פרוי פלעגט ניט ענטפערען, פלעגט בלויז א ציה טהאָן מיט די אקסלען און דער מאַן פלעגט ווערען נאָך מעהר אין כעס און אויסגערופען:

— די חברה־לייט זיינען בלויז פאַר די נארישע ווייבער!

אויף יעדען פאַל איז קאַפּיטאַן עפּיוועגט געוועזען בעקאַנט אין דער גאַנצער פראַנצויזישער ארמעע אַלס א יעגער אויף מיידלאַך.

דאַן איז זיין רעגימענט אין יאָהר 1868 אָנגעקומען אין רועז.

באַלד האָט איהם געקענט די גאַנצע שטאָדט. יעדען אָבענד א זייגער פינף פלעגט ער זיך בעוויזען אין טהעאַטער קאַפע, אום דאָרט צו טרינקען אן אבסינטי. אָבער איידער ער איז אריין אין קאַפע־הויז, האָט ער א צייט פריהער ארומגעשפּאַצירט, כדי צו ווייזען זיינע פיס, זיין טאַליע און זיינע וואָנצעס.

די געשעפטסלייט פון רועז, וועלכע האָבען אויך ארומגעשפּאַצירט מיט הענד הינטער׳ן רוקען פאַרלעגט און גערעדט צווישען זיך איבער זייערע געשעפטען, האָבען פון צייט צו צייט געוואָרפען אויף איהם א בליק און געמורמעלט:

— צום טייפעל, וואָס פאַר א שעהנער יונג ער איז!

און די, וואָס האָבען איהם שוין געקענט, האָבען צוגעלייגט:

— אה, קאַפּיטאַן עפּיוועגט. ער זעהט ווירקליך אויס אינ־טערעסאַנט.

ווען פרויען האָבען איהם באַגעגענט, האָבען זיי אויף א גאַנץ בעזונדערן שטייגער אָבגעקעהרט דעם קאָפּ און זייגען רויט געוואָ־רען פאַר שאַנדע, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אַנטקעגען איהם געפיהלט שוואַך אָדער נאַקעט. זיי האָבען עטוואָס איינגעבויגען דעם קאָפּ און א שמייכעל איז איבער זייערע ליפּען אריבער, א שמייכעל וואָס האָט אויסגעדריקט דעם וואונש איהם צו געפעהלען, דעם פערלאַנג צו כאַפּען פון איהם א בליק. ווען ער איז מיט א

קאַפּיטאַן עפּיווענט אליין האָט געהאַט גרויס ערפאָלג ביי דעם שעהנעם געשלעכט.

יעדעס מאָל וואָס ער האָט געגעסען מיט א פּרוי סאַפּער, איז ביי איהם געווען א זיכערע זאַך, אז ער וועט פארברענגען מיט איהר די נאַכט אויף דיזעלבע קאָפּ־קישענס. און ווען שטאַרקע היגדער־ניסע האָבען איהם אונמעגליך געמאַכט אויסצופיהרען זיין פערלאַנג היינטיגען אָבענד, איז ער אָבער געווען זיכער אין זיין זיעג אויפ'ן צווייטען טאָג. די קאַמעראַדען זיינע האָט ניט געשמעקט, ווען ער האָט זיך געטראָפען מיט זייערע געליעבטע, און די אייגענטהימער פון מאַגאַזינען וועלכע האָבען געהאַט שעהנע פרויען, האָבען פאַר איהם מורא געהאַט און איהם געהאַסט.

ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען א געשעפט, האָט די פרוי היג־טער די שוי־פענסטער זיך ניט וועלענדיג איבערגעוואָרפען מיט איהם מיט א בליק, איינער פון יענע בליקען, וואָס זאָגען מעהר ווי צערטליכע ווערטער, וואָס ענטהאַלטען אי א פראַגע אי אַן ענטפער, אי א וואונש, אי א צוזאָג. און דער מאַן, געוואָרענט פון זיין אייגענעם אינסטינקט, האָט זיך אומגעקוקט און געוואָרפען א בייזען בליק אויף דער שטאָלצער געשטאַלט פון'ם אָפיציער. און ווען דער קאַפּיטאַן איז שוין געווען פאַרבייגעגאַנגען שמייכלענדיג און צופריעדען מיט זיין ערפאָלג, האָט דער סוחר גערוועז א וואָרף געטהאָן דעם געגענשטאַנד וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד און זיך אָבגערופען:

— אזא אַלטער פראַנט. ווען וועלען מיר שוין אמאָל אויפ־הערען צו קאָרמענען אָט די דאָזיגע טויגעניכטסען, די פּוסט און פאַסניקעס, וואָס געהן ארום איבער'ן שטאָדט און קלינגען מיט זייער געוועהר. מיר איז א קצב ליעבער ווי א סאָלדאַט. אויב זיין שירץ איז פערבלוטיגט, דאַן איז עס פון בלוט פון חיות און ער טויג כאָטש אויף עפּעס, און זיין מעסער האָט ער אויך ניט כדי אומצוברענגען מענשען. איך פערשטעה נור ניט פאַרוואָס מען פאַרוועהרט ניט אָט די דאָזיגע עפענטליכע מערדער ארומצושלע־פען זייער געוועהר איבער די גאַסען. איך ווייס, אז מען דאַרף די

הגם ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרשטעהן, פאַרוואָס די האָאַר זיינען ביי איהם אויסגעפאַלען. ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, אַז צו גרויסע וואָנצעס פּאַסט זיך טאַקע אַ קאָפּ, וואָס איז אַביסעלע פּליכעוואַטע.

אין אַלגעמיין האָט ער פאַראַכטעט די גאַנצע וועלט, דאָך זיי־נען אין זיין פאַראַכטונג געוועזן פאַרשיעדענע שטופען.

פריהער פאַר אַלעמען האָט פאַר איהם ניט עקזיסטירט דער מענש פון מיטעל קלאַס. ער האָט ביי איהם געשפּיעלט דיזעלבע ראָלע, ווי עפּעס אַ חיה, און ער האָט זיך אויף איהם ניט אַרומ־געקוקט מעהר ווי אויף אַ פויגעל, אָדער אַ הוהן. פאַר איהם האָט זיך דער מענש ערשט אָנגעהויבען פון׳ם אָפיציער, אָבער אפילו ניט אַלע אָפיציערען האָט ער בעטראַכט פאַר זיין גלייכען. אייגענטליך האָט ער געשעצט בלויז די שעהנע יונגען, ווארום אַ שעהנער אויס־זעהען איז נאָך זיין מיינונג, געוועזן דאָס איינציגע און דאָס אמת מיליטערישע אין׳ם אָפיציער. דער סאָלדאַט איז פאַר איהם געוועזן אַ יונג, געמאַכט בלויז פאַר מלחמה און פאַר ליעבע. אַ מענש מיט מוסקולען, מיט וואָנצעס און שטאַרקע לענדען, מעהר גאָרנישט. די גענעראַלען פון דער פראַנצויזישער אַרמעע האָט ער געשעצט נאָך זייער אויסערליכען אויסזעהן, זייער האַלטונג און דער ליינג פון זייערע וואָנצעס. באורבאַקי איז דערפאַר געוועזן ביי איהם דער גרעסטער קריעגס־מאַן פון דער נייער צייט.

איבער זיינע קאַמעראַדען, פון ניעדעריגען וואוקס, האָט ער בלויז געלאַכט. איבערהויפּט האָט ער שרעקליך פאַראַכטעט די אָרימע יונגען, וועלכע זיינען געקומען פון דער פּאָליטעכנישער שוהלע; יענע קליינע אונגעלומפּערטע, אונגעשיקטע מענשען אין ברילען, פּאַסען זיך אַזוי צום מיליטערישען יוניפאָרם, ווי אַ קאַניג־כען צו לערנען די מעססע, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. ער איז געוועזן אויסער זיך, פאַרוואָס מען דולדעט אין דער אַרמעע אָט די דאָזיגע אָרימע יונגען מיט זייערע דינע פיס ווי ביי אַ שפּין, וועל־כע טרינקען ניט, עסען ווייניג און האָבען ליעב דאָס שטודירען מעהר ווי אַ שעהן מיידעל.

דאָס בעט נומער 29

ווען קאפיטאן עפיווענט איז געגאנגען אין גאס, האָבען זיך אַלע פרויען אויף איהם אומגעקוקט. ער איז גע־ווען א טיפ פון א שעהנעם הוסאר־אָפיציער. און ער האָט זיך דערפאר טאקע אָפט ארומגעשלעפט אי־בער'ן שטאָדט, אָנגעבלאָזען ווי אן ענדיק, שטאָלץ מיט זיינע פיס, זיין טאַליע, זיינע וואָנצעס. עס איז אמת, ער האָט געהאט שעהנע וואָנצעס, גרויסע, בלאָנדע, פארדרעהטע אויפ'ן עכט מיליטערישען שטייגער. די טאַליע זיינע איז געווען שמאָל און ענג, ווי ער וואָלט געטראָגען א קאָרסעט, בעת די מעכ־טיגע מענליכע ברוסט איז געווען שטארק און ברייט. זיינע פיס זיינען געווען שעהן געפאָרעמט, ווי ביי א טענצער, און די מוס־קעלען האָבען זיך ביי יעדער בעוועגונג אָנגעצויגען אונטער די שמאָ־לע, רויטע הויזען, וואָס האָבען ענג ארומגעכאפט דעם פוס.

ער איז געגאנגען, די פיס און די הענד עטוואָס צושפרייט, מיט דעם וויגענדיגען גאנג פון א רייטער, וועלכער פארשטעהט ווי אם בעסטען צו ווייזען זיין קערפער. אָנגעטהאָן אין זיין יוניפאָרם האָט קאפיטאן עפיווענט אויסגעזעהן ווי א העלד, בעת אין ציוויל וואָלט ער קיין בעזונדערען איינדרוק ניט געמאכט.

ווי א סך אנדערע אָפיציערען, האָט קאפיטאן עפיווענט ניט געקענט זיך ריכטיג אָנטהאָן אין ציווילע קליידער. ווען ער פלעגט אמאָל אָנטהאָן א גרויען אָדער א שווארצען אנצוג, האָט ער אויס־געזעהן ניט א האָר בעסער פון א קלערק אין א קראָם. אָבער אין יוניפאָרם איז עס געווען שוין גאָר אן אנדער געשיכטע. איבערי־גענס האָט ער געהאט א שעהנעם פנים, א פיינעם נאָז, בלויע אוי־גען און א שמאָלען שטערן. ער איז אָבער געווען פליכעוואטע,

איהר יתום אין אַ ברענענדיגען האָס נעגען נעיעג, און ער האָט זיינע קינדער אַזוי ערצויגען. און אַזוי בין איך אויך ערצויגען געוואָרען אין האָס געגען געיעג.

דער מאַרקיז דע אַרוויל איז אַנשוויגען געוואָרען.

— דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע געשיכטע, ניט אמת?

דער מאַרקיז האָט געענטפערט:

— איך קען שווערען, אַז די געשיכטע איז פון אָנהייב ביז'ן סוף אמת.

איינע פון די דאַמען האָט זיך דאַן אָנגערופען מיט אַ שטילער, ווייכער שטימע:

— אַזוי צי אַזוי, עס איז דאָך דאָ עפּעס שעהנעס אין אַזאַ ליידענשאַפט!

האָט געפּיהלט אין זיך כחות גענוג, א באַרג אומצואוואַרפען, שטייי־נער מיט די הענד אויף אַש צו צורייבען. דער וואָלף האָט איהם געוואָלט בייסען, געוואָלט איהם דעם בויך אויפרייסען, אָבער ער האָט איהם ביים האַלז געפּאַקט און איהם געדריקט, געדריקט מיט דער לײדינער האַנד אַהן א געוועהר, ביז ער האָט איהם דערוואָר־גען. ער האָט געהערט, ווי זיין אָטהעם ווערט שוואַכער און שוואַ־כער און ווי זיין האַרץ הערט אויף צו קלאַפּען. און ער האָט גע־לאַכט פאר ווילדער פרייד, וועהרענד ער האָט ווייטער צוגעדריקט, ווייטער און ווייטער און געשריען מיט אַ קול, אין וועלכען נצחון און פערגעניגען האָבען געקלונגען:

— דו זעהסט, זשאַן? דו זעהסט?

די חיה האָט זיך מעהר ניט געוועהרט, דער קערפּער פון'ם וואָלף האָט זיך מעהר ניט גערירט. ער איז געווען טויט.

דאַן האָט איהם זשאַן אויפגעהויבען, געבראַכט איהם צו שלעפּען צו דעם פּלאַץ, וואו זיין טויטער ברודער איז אויף'ן פעלז געזעסען, און איהם צו זיינע פיס אַ שליידער געטהאָן.

— קוק איהם אָן, קוק איהם אָן, ליעבער זשאַן — האָט ער ארויסגערעדט מיט ליעבע אין'ם קול — דאָ ליעגט דער קערל!...

דערנאָך האָט ער אוועקגעלייגט ביידע קערפּערס פּאַרזיכטיג איינעם אויף'ן אַנדערען איבער'ן זאָטעל, און איז אוועקגעריטען.

אז ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אין שלאָס, האָט ער אי גע־וויינט, אי געפּרעהט זיך. מיט א טריאומפירענדער שטימע, ציטע־רענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער פּאר פריידיגער אויפרעגונג, האָט ער דערצעהלט וועגען דעם טויט פון דער חיה; און מיט הייסע טרערען, רייסענדיג אויף זיך די האָאר אין ווילדען שמערץ, האָט ער דערצעהלט וועגען דעם טויט פון זיין ברודער.

און שפּעטער, אז ער האָט אַמאָל וועגען דעם גערעדט, האָט ער אָפט געזאָגט מיט טרערען אין די אויגען:

— דער אונגליקליכער זשאַן וואָלט גערן געשטאָרבען, אבי נור צו קענען זעהן ווי אַזוי איך האָב די חיה דערוואָרגען. אין דעם בין איך זיכער.

די אַלמנה פון מיין עלטער־זיידע'ס פאָטער האָט ערצויגען

דורכ'ן וואַלד, איבער קרומע וועגען און שטעגען, אין דער ברייט און אין דער לענג, האָט ניט געזעהן די בוימער פאַר זיך, די אוינען איינגעגעסען נאָר אין דעם העלען פלעק, וועלכער האָט זיך פאַר איהם געטראָגען אין דער דונקעלער נאַכט.

זיין פערד האָט אויך, דאַכט זיך, איצט אַרויסגעוויזען מעהר קראַפט און דרייסטקייט ווי ווען עס איז פריהער, אויסגעצויגען דעם לאַנגען האַלז, האָט ער זיך געטראָגען ווי אַ שטורעם פאַר־אויס, וועהרענד דער קאָפּ און די פיס פון דעם טויטען, וועלכער איז געלעגען איבער'ן זאָטעל איבערגעלייגט, האָט זיך נאָכאַנאַנד אָנגעקלאַפּט אָן די בוימער און פעלזען.

דער יענער איז געפלויגען און זיינע שפּאָרען האָבען געריסען גאַנצע שטיקער פלייש דעם פערד.

פּלוצים זיינען אַרויסגעקומען חיה און רייטער פון'ם וואַלד און זיינען אַרונטערגעשפּרונגען אין אַ טהאָל, גראַד בשעת די לבנה איז אויפ'ן הימעל אויפגעגאַנגען. דער טהאָל איז פול שטיי־נער געווען, פון מעכטיגע פעלזען אַרומגערינגעלט. קיין אַרויסגאַנג איז ניט געווען, און דער וואָלף האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אומצוקעהרען זיך.

דאַן האָט פראַנץ אַרויסגעלאָזט אַ פריידענס־געשריי, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבער די פעלזען ווי אַ דונער, איז אַרונטער־געשפּרונגען פון'ם פערד מיט דעם הירש־פאַנגער אין דער האַנד.

דער וואָלף האָט געוואַרט אויף איהם מיט אויפגעשטעלטע האָר און אויסגעקרימטען רוקען. זיינע אויגען האָבען געפינקעלט ווי שטערען.

אָבער איידער דער העלדישער יעגער האָט דעם וואָלף אָנגע־גריפען, האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן זיין ברודער, אוועקגעזעצט איהם אויף אַ פעלז, אונטערגעשטיצט זיין קאָפּ, וואָס איז איצט געווען נאָר איין גרויסע בלוטיגע וואונד, מיט שטיינער און זיך געווענדעט צו איהם מיט אַזאַ קול, אַזוי ווי ער וואָלט מיט אַ טויבען גערעדט:

— דו וועסט איצט עפּעס זעהן, זשאַן! דו וועסט איצט עפּעס זעהן!

דערנאָך האָט ער זיך אַ וואַרף געטהאָן אויפ'ן וואָלף. ער

דונקעלער נאַכט, פאַר דער איינזאַמקייט, פאַר דער שטילקייט פון'ם וואַלד און אויך פאַר דעם געהיימניספולען וואָלף, וואָס האָט ערשט זיין ברודער דער'הרג'עט, כדי אָפּצורעכענען זיך מיט זיי ביידען.

ארום איז געוואָרען פינסטערער און פינסטערער. דער וואַלד האָט געקרעכצט פאַר ביטערער קעלט. פראַנץ איז אויפגעשטאַנען, האָט געציטערט, איז ניט אימשטאַנד געווען דאָ לענגער צו בלייבען. ער האָט געפיהלט, אַז אָט באַלד, באַלד וועט ער פאַלען אין חלשות. מען האָט מעהר גאָר נישט געהערט, ניט דעם בילען פון די הינט, ניט קיין אַנדער לעבעדיגען קלאַנג. אַלצדינג האָט געשוויגען אין דער דונקעלער ווייטקייט. און די דאָזיגע איינזאַמע שטילקייט אין דעם דאָזיגען פראָסטיגען, מורא'דיג־קאַלטען אבענד האָט עפּעס ווי מיט שווערען שרעק געהויכט...

ער האָט גענומען דעם ריעזיגען קערפּער פון זיין ברודער זשאַן אין זיינע מעכטיגע אָרעמס אריין, אויפגעהויבען און אוועקגעלעגט איהם איבער'ן זאָטעל, אום צו ברענגען איהם צוריק אין שלאָס. דערנאָך האָט ער זיך אליין ארויפגעזעצט אויפ'ן פערד און איהם לאַנגזאַם געלאָזט געהן, טריט ביי טריט. דערביי האָט ער זיך גע־פיהלט, אזוי ווי ער וואָלט צופיעל געטרונקען, און מורא'דיגע ביל־דער און געזיכטער האָבען זיך פאַר זיינע אויגען געמישט.

פּלוצים איז אריבערגעגאַנגען דעם וועג, וועלכען די דונקעלע נאַכט האָט איינגעהילט, א גרויסע געשטאַלט. עס איז געווען דער ווילדער וואָלף. פערטרוויסעלט איז געוואָרען דער יעגער. עפּעס קאַלטעס, ווי א וואַסער־טראָפּען, האָט זיך ארונטערגעגליטשט אי־בער זיין רוקען און ער האָט זיך איבערגעצלמ'ט, ווי א מאָנאַך, וועלכער וואָלט דעם טייפעל דערזעהן.

אזוי דערשראָקען האָט ער זיך איצט פאַר דער דאָזיגער חיה. אָבער זיינע אויגען זיינען ווידער געפאַלען אויף דעם אונבעוועג־ליכען פּנים פון דעם טויטען, וואָס איז געלעגען פאַר איהם. און פּלוצים האָט זיין מורא אין פלאַמענדיגען צאָרן זיך פערוואַנדעלט, און אַלע זיינע גליעדער האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען.

ער האָט א קלאַפּ געטהאָן זיין פערד מיט די שפּאָרען און זיך א לאָז געטהאָן נאָכ'ן וואָלף. ער האָט זיך געיאָגט נאָך איהם

פערד האָט זיך אויפגעשטעלט מיט די פאָדערשטע פיס און זיין ברו־דער'ס פערד האָט זיך א וואָרף געטהאָן אָן א זייט. פון צווישען די געדיכטע ביימער, וואו טרוקענע בלעטער זיינען געלעגען, האָט זיך בעוויזען פאר זייערע אויגען א מעכטיגע גרויע חיה און זיך אוועק־געטראָגען איבער קרומע וועגען דורכ'ן וואלד.

די ביידע ברידער האָבען ארויסגעלאָזט א מין פריידענס־געש־שריי, אויסגעצויגען זיך אויף זייערע פערד און געקלאפט זיי אין די זייטען מיט די שפּאָרען, געשמיסען זיי מיט די בייטשען, גע־יאָגט זיי מיט זייערע ווילדע געשרייען און עס האָט זיך אויסגע־וויזען, אז די ראָזיגע צוהיצטע רייטער האָבען זייערע פערד צווישען די קנעבלאך געטראָגען און מיט זיי אהין געפלויגען...

אזוי האָבען זיי זיך געטראגען אין משוגענעם געיעג דורך געדיכטע ביימער, געשפרונגען איבער טיעפע גריבער, געקלעטערט אויף משונה'דיגע בערג און ארונטערגעלאָזט זיך משוגענערווייז אין די טיעפע טהאָלען, און געבלאָזען דערביי אין זייערע האָרענס מיט אלע קרעפטען, גערופען זייערע לייט מיט די הינט צו הילף.

און דאָ האָט דער עלטערער ברודער פלוצים מיט'ן שטערען זיך אָנגעשטויסען נעגען א מעכטיגען צווייג, וואָס האָט ארונטער־געהאנגען פון א בוים. דער צווייג האָט איהם צושמעטערט דעם שארבען און א טויטער איז ער ארונטערגעפאלען פון'ם זאָטעל, ווערענד זיין ווילד־געוואָרענער פערד האָט זיך אוועקגעטראָגען ווייטער און איז פערשוואונדען אינ'ם שאָטען פון וואלד.

דער אינגערער האָט גלייך אָפּגעשטעלט זיין פערד, איז ארונ־טערגעשפרונגען אויף דר'ערד, האָט געפּרובט זיין ברודער אויפהוי־בען, און האָט דערזעהן אז פון דער אָפענער וואונד האָט דער מארך איגאיינגעבן מיט'ן בלוט ארויסגעשטראָמט.

האָט ער זיך אוועקגעזעצט נעבען דעם דער'הרג'עטען, ארויפ־געלייגט דעם בלוטיגען, צושפּאלטענעם קאָפּ צו זיך אויף די קניה און איז געבליבען אזוי זיצען דערשלאָגען, די אויגען אויף דעם אונבעוועגליכען פּנים פון זיין ברודער אויסגעשטעלט. און ביס־לעכווייז האָט איהם א פּחד אָנגעכאפּט, אזא פּחד, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל אויף זיין לעבען ניט געפיהלט: דער פּחד פאר דער

פיר די אַנדערע דער'הרג'עטע וועלף, איז בעפאַלען דאָ אַ מענשען, דאָרט אַ הויז־טיער, און אַלע מאָל ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו מען האָט איהם געזוכט.

און איינמאָל ביי נאַכט האָט זיך דער וואָלף אריינגעכאַפּט אין דעם שוויינען־שטאַל פון'ם שלאָס אויך און אַוועקגערויבט צוויי פון די שעהנסטע שוויינען.

דאָס האָט די ביידע ברידער אַנגעצונדען פלאַם־פייער; זיי האָבען עס געהאַלטען פאַר אַ פּערזענליכע בעליידיגונג, פאַר אַ פרעכע אַרויספאָדערונג פון דער ווילדער חיה זיי צום קאַמפּף. און זיי האָבען די אַרויספאָדערונג אָנגענומען. זיי האָבען מיט־גענומען אַלע זייערע הינט, וועלכע האָבען שוין געהאַט דורכגע־מאַכט ניט איין קאַמפּף מיט גרויסע ווילדע חיות, און זיינען אַוועק־געריטען צום וואַלד צו מיט ברענענדיגען צאָרן אין הארצען.

פון גאַנץ פריה ביז די זון האָט זיך פערקייקעלט אַ גליהענדיג־רויטע הינטער די נאַקעטע בוימער, האָבען זיי איהם געזוכט און ניט געפונען.

זיי זיינען שוין געפאָהרען צוריק אהיים דורך'ן וואַלד, טריט ביי טריט, איבער אַן אַלעע, ביידע און פערצווייפעלט. זיי האָבען זיך געוואונדערט איבער די שטיק, וואָס דער וואָלף שפּיעלט מיט זיי און געפיהלט עפּעס אַ סאָרט געהיימע שרעק.

דער עלטערער ברודער האָט זיך אָנגערופען:

— עס קען ניט זיין, אַז עס איז אַ געוועהנליכער וואָלף. ער רעכענט אויס זיינע פּלענער ווי אַ מענש.

דער יונגערער האָט געענטפערט:

— מיר האָבען געדאַרפט בעטען אונזער פעטער דעם בישאָף, ער זאָל געבען אַ ברכה איבער אונזערען אַ קויל, אָדער אַ פריעסטער האָט מען געדאַרפט בעטען...

דערנאָך האָבען זיי אַ ווייל געשוויגען. דאַן האָט זשאַן זיך ווידער אָנגערופען:

— זעה נאָר, ווי די זון איז רויט. אַ סימן, אַז דער גרויסער וואָלף וועט היינטיגע נאַכט ערגעץ ווידער מאַכען אַ חורבן.

ער האָט נאָך ניט דערערעדט דאָס לעצטע וואָרט, ווי זיין

די בלעטער פון די ביימער האָבן געציטערט, בעת ער האָט אַ געשריי אַרויסגעלאָזט.

עס האָט געמוזט זיין גאַנץ אינטערעסאַנט צו זעהן, ווי די דאָזיגע צוויי גבורים האָבן אויף זייער פערד זיך געיאָגט נאָך חיות.

אין׳ם יאָהר 1764 איז דער ווינטער געווען זעהר אַ קאַלטער, אַזוינע מורא׳דיגע פרעסט זיינען דאַן געווען, דאָס די הונגעריגע וועלף זיינען געפעהרליך געוואָרען.

זיי זיינען זאָגאַר בעפאַלען אַ פּאָאַר פּויערים, וועלכע האָבען זיך שפּעט צוריקגעקעהרט אין זייער דאָרף, האָבען ביינאַכט אַרומגערינגעלט די הייזער, געוואויעט פון זונען־אונטערגאַנג ביז גרויסען טאָג און אַריינגעבראָכען זיך אין די פיה־שטאַלען.

באַלד האָט זיך גענומען טראָגען אַ קלאַנג, אַז אַ גרויסער וואָלף מיט אַ גרויען, כמעט ווייסען, פעל, האָט זיך אין דער געגענד בעוויזען. ער האָט צוויי קינדער אויפגעפרעסען, ביי אַ פרוי דעם אָרעם אָפּגעביסען, אַלע געיעג־הינט פון דער געגענד צוריסען, און רייסט זיך אַריין ביינאַכט אין די פערשלאָסענע הויפען און לויערט אַרויס אויף מענשען און אויף פיה. אַלע האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען זיין אָטהעם געשפּירט, פון וועלכען די פלאַמען פון די ליכט האָבען געפלאַקערט. די גאַנצע געגענד איז פערציטערט געוואָרען. קיינער האָט זיך ניט אַטוואַזשעט די טיהר צו עפענען, ווי נאָר עס איז נאַכט געוואָרען. יעדען האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז דאָרט אין דער פינסטערניש וואַרט דער שרעקליכער וואָלף אויף איהם...

די ביידע ברידער האָבען בעשלאָסען, צו דער׳הרג׳ענען דעם וואָלף. און זיי האָבען איינגעלאַדען אַלע פּריצים פון דער געגענד צו דעם גרויסען געיעג.

אָבער אומזיסט. מען האָט איהם געזוכט אין די וועלדער, אין דער גאַנצער געגענד אַרום, אָבער קיין שפּור פון איהם. מען האָט אוועקגעלייגט אַ סך וועלף, אָבער ניט דעם. און שטענדיג, נאָכ׳ן געיעג, ווי נאָר די נאַכט איז צוגעפאַלען, איז אַרויסגעוואַקסען ערגעץ דער דאָזיגער וואָלף, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען נקמה נעהמען

גען מעהר ווי איהר אַלע צוזאַמען. ער איז געשטאָרבען אין'ם יאָהר 1764 און איך וויל אייך דערצעהלען, ווי.

ער האָט געהייסען זשאַן, איז געווען פערהייראַט און דער פאָטער פון אַ קינד, וואָס איז געוואָרען מיין עלטער־זיידע. ער האָט געוואָהנט מיט זיין אינגערען ברודער פראַנץ דע אַרוויל אין אונזער שלאָס אין לאָטהרינגען, וועלכער האָט זיך געפונען אין מיטען וואַלד.

פראַנץ דע אַרוויל איז צוליעב דעם געיעג געבליבען אַן אַלטער בחור.

די ברידער זיינען אויף געיעג געגאַנגען יעדען טאָג דורכ'ן יאָהר. דאָס האָט זיי אינטערעסירט און ווייטער גאָר נישט.

די ליידענשאַפט צום געיעג האָט זיי איינפאַך פערשקלאַפט, וועגען עפּעס אַנדערש האָבען זיי גאָר ניט געקענט טראַכטען. זיי האָבען ניט געוואָלט ליידען, אַז עמיצער אָדער עפּעס זאָל זיי אין דעם שטערען. פאַר קיין זאַך אין דער וועלט וואָלטען זיי ניט אָפּ־געגעבען איין טאָג פון געיעג. מיין עלטער־זיידע איז געבאָרען געוואָרען, בעת זיין פאָטער האָט זיך נאָך אַ פוקס געיאָגט, און אַז מען איז צו איהם געקומען, צו מיין עלטער־זיידענס פאָטער, מיט דער בשורה, אַז זיין ווייב האָט איהם אַ זוהן געבאָרען, האָט ער זיין געיעג ניט אונטערבראָכען, נאָר האָט אויסגעזידעלט זיין ניי־געבאָרענעם זוהן, למאי ער האָט זיך אַזוי געאיילט צו קומען אויף דער וועלט...

זיין ברודער פראַנץ האָט געליעבט דעם געיעג נאָך מעהר ווי ער. באַלד ווי זיי זיינען אויפגעשטאַנען, זיינען זיי גלייך געגאַנגען צו זייערע הינט, דערנאָך אין שטאַל, און דעם גאַנצען וועג, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום וואַלד און אָנגעהויבען דעם ריכטיגען געיעג אויף גרויסע חיות, האָבען זיי דערוויילע געשאָסען פייגעל.

אין דער גאַנצער געגענד זיינען זיי בעקאַנט געווען אַלס דער „הערר מאַרקיז“ און „דער אינגערער“.

זיי זיינען געווען אמת'ע ריעזען, הויכע, ברייטע, שטאַרק־האָריגע מענער און האָבען געהאַט בערישע כחות. דער אינגע־רער איז נאָך געווען מעהר גבור ווי דער עלטערער ברודער און זיין קול האָט געקלונגען אַזוי הויך, דאָס, ווי די לעגענדע געהט,

דער וואָלף

ביים באראָן דע ראוועל אויף'ן מאָהלצייט האָבען די געסט נור גערעדט וועגען געיעג, ווי אַזוי דער, יענער האָט אוועקגעליינט פערשיעדענע חיות. זאָגאַר די דאַמען האָבען פעראינטערעסירט די דאָזינע בלוטדורשטיגע און אָפט גאַנץ אונמעגליכע געשיכטען.

די ערצעהלער האָבען גערעדט מיט היטץ, זשעסטיקולירט הויך מיט די אָרעמס, און מיט ברענענדיגע פארבען געשילדערט זייער קאַמפף מיט די חיות, אַזוי דאָס אונז האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מיר זעהען דעם דאָזיגען קאַמפף ווי לעבעדיג.

דאָ האָט דער אַלטער מארקיז דע ארוויל אונז אַ געשיכטע דערצעהלט.

גראָד מיט אַ טאָג צוריק האָט מען אַ הירש געהעצט, און דער מארקיז איז געווען דער איינציגער פון אַלע געסט, וואָס האָט אין דעם קיין אנטהייל ניט גענומען, ווייל ער איז קיין מאָל ניט געגאַנגען אויפ'ן געיעג.

דער מארקיז האָט דערצעהלט זעהר גוט, אפילו אביסעלע אין אַ צו הויכען טאָן, אביסעלע צו פּאָעטיש, אָבער זעהר עפעקטפול. עס איז קענטיג געווען, אַז ער האָט אַ סך פריהער דערצעהלט די איינענע געשיכטע, ווייל די ווערטער זיינען ביי איהם געפלאָסען לייכט, אָהן אַן אָבהאַלט, און יעדעס־וואָרט איז ווי אויסגעקליבען געווען, כדי צו מאַכען אַן איינדרוק.

— מיינע הערען, איך בין קיינמאָל אויף געיעג ניט געגאַנגען, מיין פאָטער אויך ניט, מיין זיידע און מיין עלטער־זיידע אויך ניט. דערפאַר איז מיין עלטער־זיידע'ס פאָטער אויף געיעג געגאַנ־

ער פערלאָרען זיין גאַנץ פערמעגען. דאַן האָט ער געוואלט ווערען אַן אקטיאָר, אבער דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, און דאַן האָט ער אָנגעהויבען ארומצולויפען אויף די בעלער. צום סוף איז ער געקומען אביסעל צום שכל און האָט אבגעלייגט אביסעל געלד אָן אַ זייט און דערפון לעבען מיר. מיר שטופען זיך ווי עס איז דורך, אבער קיין גליקען מאכען מיר ניט. און איהר מוזט ווייסען, אז ער האָט אמאָל געהאָט כמעט אַ פערמעגען.

און איצט זעהט איהר דאָך, ווי ער פיהרט זיך אויף. דאָס איז עפּעס ווי אַ משוגעת אין איהם. עס ווילט זיך איהם זיין יונג, ער מוז טאַנצען מיט פרויען, פון וועלכע עס שטינקט פּאַר־פיום און פּאָמאַד. אָרימער, ליעבער, אלטער קערל!

גאַנץ בעוועגט, מיט טרערען אין די אויגען האָט זי געקוקט אויף איהר אלטען, כראָפּענדיגען מאַן. דאַן איז זי שטיל, מיט לייכטע טריט צו איהם צוגעגאנגען און איהם צערטליך אַ קוש גע־טהאָן אויף די האָר.

דער דאָקטאָר איז אויפגעשטאַנען אוועקצוגעהן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען צו דעם דאָזיגען, מערקווירדיגען אל־טען פּאָר פאָלק.

דאַן האָט זי געזאָגט איידער ער איז אוועק:

— זייט אזוי גוט און גיט מיר אייער אדרעס, טאָמער ווערט ער קראַנק, זאָל איך ווייסען וואו אייך צו געפינען.

איך האָב זיך גוט צוגעקוקט, האָב איך געפונען אביסעלע העכער אויבען נאָך איינעם. ווייסע האָר, ער האָט געקראָגען ווייסע האָר. דאָס הארץ האָט מיר גענומען קלאפען, איך בין געווארען גאַנץ שוואך און דאָך בין איך געווען העכסט צופריעדען.

עס איז מיאוס אזוי צו דענקען, אָבער אין יענעם פריהמאָר־גען האָב איך זעהר א צופריעדענע געטהאָן מיין שטוב ארבייט און איהם ניט אויפגעוועקט. און ווען ער האָט געעפענט די אויגען האָב איך געזאָגט צו איהם :

— ווייסט וואס איך האָב געפונען בעת דו ביזט געשלאָפען ?

— ניין.

— איך האָב אויסגעפונען, אז דו האָסט ווייסע האָר.

ער איז געווארען א פערצאפעלטער, האָט זיך א הויב גע־טהאָן פון בעט, ווי איך וואָלט איהם געקיצעלט, און האָט גע־ענטפערט שטארק אין כעס :

— דאָס איז ניט אמת.

— יא, אויף דער לינקער שלייף זיינען דאָ פיער שטיק.

ער איז ארויסגעשפרונגען פון בעט און איז צוגעלאָפען צום שפיגעל.

ער האָט זיי ניט געפונען. דאן האָב איך איהם אָנגעוויעזען אויף דעם ערשטען גאַנץ אונטען, דעם געקרויזטען ווייסען האָר און האָב געזאָגט :

— ביי אזא לעבען איז דאָס גאר קיין וואנדער ניט. פון היינט אין צוויי יאהר ארום ביזטו א פארטיגער.

וואָס זאָל איך אייך דאָ לאַנג דערצעהלען, הערר דאָקטאָר, ווי איך האָב געזאגט, אזוי איז געווען. אין צוויי יאהר ארום וואָלט איהר איהם שוין ניט דערקענט. ווי שנעל אזא מאן פערענדערט זיך. ער איז נאָך געווען א גאנץ שעהנער יונג אָבער די פריש־קייט איז אוועק און די פרויען האָבען זיך שוין אויף איהם ניט אומגעקוקט. אך, אין דער צייט איז מיר געגאַנגען זעהר שלעכט, איך האָב זיך דאַן זעהר א סך אויסגעליטען. קיין זאַך איז איהם ניט געפעלען, קיין זאַך ניט, גאָר נישט. ער האָט געווארפען זיין בעשעפטיגונג און איז געווארען א הוט מאכער. דערביי האָט

איך האָב מיר געטראַכט: עס מוז זיין אַן אמת, וואָס ער דער־צעהלט. אויב איך בין אַזוי משוגע פאַר איהם, טאָ פאַרוואָס זאָ־לען די אַנדערע אויך ניט זיין? אָך, און דאַן האָט זיך מיר גע־וואָלט וויינען, שרייען, אַנטלויפען, זיך פון פענסטער אַרויסוואַר־פען, אָבער איך האָב שטיל פון טיש אַבגעראַמט, בעת ער האָט נאָך אַלץ געדרויכערט. ער האָט געגענעצט, אויפגעריסען ווייט דאָס מויל, אום מיר צו ווייזען, ווי מיעד ער איז. און דאַן איידער ער האָט זיך אין בעט געלעגט, האָט ער געזאָגט צוויי דריי מאָל: היינטיגע נאַכט וועל איך אָבער גוט שלאָפען!

איך בין אויף איהם גאָר ניט בייז, ווייל ער האָט ניט גע־וואוסט, ווי ער האָט מיר וועה געטהאָן. ניין, דאָס האָט ער ניט געקענט וויסען. עס איז ביי איהם געוואָרען אַזאַ נאַטור זיך צו בעריהמען מיט די פרויען. און צום סוף האָט ער זיך איינגע־רעדט, אַז אַלע קוקען אויף איהם און ווילען איהם האָבען. אָבער ווען ער איז אַלט געוואָרען, איז די געשיכטע געוואָרען זעהר טרוי־ריג.

אָך, הערר דאָקטאָר, ווען איך האָב זיין ערשטע ווייסע האָר דערזעהן, האָט עס מיר אַ זעץ געטהאָן אין הארצען, אַז איך האָב ניט געקענט דעם אָטהעם אָבכאַפּען. און דאַן האָב איך זיך דער־פרעהט, אַ ניעדערטרעכטיגע פרייד איז אויף מיר אָנגעפאַלען, אָבער אַזאַ פרייד, אַזאַ פרייד, איך קען עס אייך גאָר ניט אי־בערגעבען. נו, האָב איך צו זיך געזאָגט, איצט איז אַ סוף. איך האָב זיך געפיהלט, ווי מען וואָלט מיך בעפרייט פון אַ געפענג־ניס. איצט וועל איך איהם האָבען פאַר זיך אַליין, איצט, ווען די אַנדערע וועלען מעהר ניט וועלען וויסען פון איהם.

דאָס איז געשעהן איין מאָל אַ פריהמאָרגען אין בעט, ער איז נאָך געשלאָפען. איך האָב זיך איינגעבויגען איבער איהם, כדי איהם אויפצוּוועקען און האָב איהם אַ קוש געטהאָן. און דאָ האָב איך דערזעהן אין זיין לאָקען אויפ׳ן שלייף אַ קליינעם פאָדים, וועלכער האָט געגלאַנצט ווי זילבער. אַזאַ איבעראַשונג! איך וואָלט עס קיינמאָל ניט געגלויבט. צוערשט האָב איך עס געוואָלט אויסצופען, אַז ער זאָל עס ניט בעמערקען. אָבער ווען

ווייזען, ווי מען האָט איהם ליעב, איהר פערשטעהט, און ער האָט דאָך בלויז געהאט מיך, וועמען ער האָט עס געקענט דערצעהלען. טאָ וואס האָב איך געזאָלט טהאָן, איך האָב דאָך געמוזט איהם אויסהערען און אלעס ארונטערשלינגען ווי גיפט.

ער האָט גענומען עסען זיין זופּ, דאַן האָט ער געזאָגט:

— מאנדאלענע! ווידער איינע!

איך האָב געטראכט, נו, ער הויבט שוין אָן. מיין גאָט, איז דאָס א קערל! און ער איז נאָך מיין מאַן.

דאַן האָט ער ווייטער גערעדט: — יא, נאָך איינע און אַ גאַנץ קליינע. דאָס איז געווען עפּעס אַ קליינע פון וואָדעוויל טעאַטער אדער פון די וואַרייעטי אקטריסען. און אפילו די גאַנץ בעריהמטע דאַמען פון טעאַטער האָבען איהם אויך ליעב געהאט. ער האָט מיר אָנגערופען זייערע נעמען, דערצעהלט מיר אלעס, אלעס, הערר דאָקטאָר, אזעלכע איינצעלהייטען, אז מיר האָט דאָס הארץ געבלוטעט.

און ער האָט דערפון ניט אויפגעהערט צו רעדען, האָט ווי־דער און אָבער אָנגעהויבען דיזעלבע געשיכטע פון אָנהויב, דער־צעהלט זי ביז'ן סוף און איז דערביי געווען אזוי גליקליך, אז איך האָב געמוזט מאכען אָן אָנשטעל ווי איך לאַך, כדי ער זאָל ניט ווערען בייז.

אפשר איז דאָס אלעס אין גאנצען ניט געווען אמת. ער האָט זיך אזוי ליעב געהאט צו בעריהמען, האָט אזוי גוט געקענט עפּעס אויסטראכטען, און אפשר איז עס טאקע יאָ געווען אמת. אין אזעלכע אבענדען האָט ער געמאכט אָן אָנשטעל, ווי ער וואָלט גע־ווען שרעקליך מיעד און נאָכ'ן עסען איז ער גלייך צו בעט גע־גאנגען. מיר האָבען געגעסען ערשט אַ זייגער עלף, הערר דאָק־טאָר, וואָרים ער איז קיינמאָל ניט געקומען אהיים פריהער פאר דער צייט, ווייל ער האָט געארבייט אין אבענד.

ווען ער האָט שוין געהאט דערצעהלט זיין ליעבעס געשיכ־טע, האָט ער גענומען רויכערען סיגארעטלאך, בעת ער איז ארומ־געגאנגען הין און צוריק איבער'ן צימער. און ער איז געווען אזא שעהנער־יונג מיט זיינע פערדרעהטע וואָנצעס און די לאָקען, אז

און איהם געגעבען אויף טרינק־געלד אזוי פיעל, אז ער האָט זיך אַנגעלעבט א פערמעגען. אך, הערר דאָקטאָר, די ווייבער זיינען אַלע גלייך, אַלע. ווען איינער געפעלט זיי, שלאָגען זיי זיך איהם אליין אָן. די געשיכטע איז אַזוי איינפאך. אַבער עס איז אזוי שווער זיך דערצו צוגעוואָהנען, דען ווייסט איהר, ער האָט מיר אַלעס דערצעהלט, אלעס. ער האָט ניט געקענט האלטען דאָס מויל, ניט געקענט איינהאלטען זיך. אַזעלכע געשיכטען פארשאפען די מענער דעם גרעסטען פערגעניגען. עס איז זיי ליעבער דערפון צו רעדען, ווי דאָס דורכצומאכען.

ווען איך פלעג איהם אין אבענד זעהן קומענדיג אהיים, עטוואס בלייך, צופריעדען, מיט בליסטשענדיגע אויגען, דאן פלעג איך זאָגען צו זיך אליין: נאָך איינע! דו האָסט שוין אודאי ווידער איינע דערטאפט. דאן האָב איך געהאט לוסט איהם צו פרעגען, אזא לוסט, אז דאָס הארץ אין מיר האָט געקאָכט און אין דערזעלבער צייט האָב איך פון גאר נישט געוואָלט וויסען, געפיהלט ווי איהם צו פערשטאָפען דאָס מויל, ווי נור ער וועט נעהמען רע־דען. און דאן האָבען מיר זיךביידע אָנגעקוקט.

איך האָב גוט געוואוסט, אז ער וועט ניט האלטען זיין מויל, אז ער וועט באלד ארויספלאצען, איך האָב עס געפיהלט אָן זיין גאנצער האלטונג, אָן זיין געלעכטער מיט וועלכען ער האָט צו מיר געזאָגט:

— מאגראלענע, היינט האָב איך אָבער געכאפט גאָר א פיין שטיקעל סחורה. — איך האָב געמאכט אן אָנשטעל, ווי איך פער־שטעה גאר נישט, איך בעמערק גאר נישט. און איך האָב געגרייט דעם טיש צום עסען, געבראכט די זופ און זיך געזעצט איהם אנט־קעגען.

אין דעם דאָזיגען מאָמענט, הערר דאָקטאָר, האָט זיך מיר געדאכט, אז מען רייסט ביי מיר פון ברוסט מיין הארץ ארויס צוזאמען מיט מיין ליעבע צו איהם. עס האָט אזוי וועה גע־טהאָן אזעלכע זאכען צו הערען! אָבער ער האָט עס ניט בע־מערקט, האָט עס ניט פערשטאנען. ער האָט געהאט א בעדירפע־ניש, דאָס פאר אימעצען צו דערצעהלען, זיך צו בעריהמען, צו

איהם ניט געקענט אין זיין גרויסקייט. ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געטראָפען, — דאָס איז אויך געווען אויף אַ מאַסקען־באַל, דען ער איז אימער אַהין געגאַנגען — בין איך געבליבען שטעהן פאַרגאַפט, איך זאָג אייך, איך בין פאַרצאַפּעלט געוואָרען, ווי אַ פיש אין נעץ. דער יונג איז געווען שעהן, הערר דאָקטאָר, אַז מען האָט איהם אין זיין פּנים ניט געקענט קוקען אָהן בעוואונ־דערונג; פאַרבלענדעט איז מען געוואָרען; ברוין, מיט שווארצע לאָקען און שווארצע אויגען ווי פענסטער די גרויס. יא, דאָס איז געווען אַ שעהנער יונג. אין יענעם אָבענד האָט ער מיך מיטגע־נומען מיט זיך און זייט דאַן האָב איך, טראָץ אַלע צרות וואָס איך בין זיך פון איהם אויסגעשטאַנען, איהם קיין מאָל ניט פאַר־לאָזען, קיין מאָל נים, אפילו אויף אַ טאָג. אָבער יסורים האָט ער מיר פארשאַפט, נאָט אין הימעל!

דער דאָקטאָר האָט געפרעגט:

— זייט איהר פערהייראַט?

זי האָט געענטפערט איינפאַך:

— יא, הערר דאָקטאָר. אַז ניט וואָלט ער מיך אוועקגעוואָר־פען, ווי אַלע אַנדערע פרויען. איך בין געווען זיין פרוי, זיין דיענסט, וואָס ער האָט נור געוואָלט האָט ער פון מיר געמאַכט. און טרערען האָט ער מיר געקאָסט — אָבער איך האָב זיי פון איהם בעהאַלטען. ער האָט מיר דערצעהלט וועגען אַלע זיינע ליעבעס־פאַסירונגען, מיר, הערר דאָקטאָר, און האָט גאָר ניט פערשטאַנען, ווי וועה דאָס האָט מיר געטהאָן אַלעס אויסצוהערען.

— מיט וואָס האָט ער זיך בעשעפטיגט?

— אַך, איך האָב גאָר פאַרגעסען דאָס אייך צו זאָגען. ער איז געווען דער ערשטער געהילף ביי מאַרטעל, אָבער איינער פון יענע, וועלכע האָבען קיין גלייכען ניט, אַן אמת'ער קינסטלער, וועלכער האָט פאַרדיענט אַם וויינינגסטענס צעהן פראַנק אַ שטונדע.

— מאַרטעל? ווער איז דאָס אַזוינס מאַרטעל?

— דער פריזירער, הערר דאָקטאָר, דער גרויסער פריזירער פון דער אָפּערע, וועלכער האָט אַלע שוישפּיעלערינען פריזירט. די גרעסטע אַקטריסעס האָבען זיך געלאָזט פריזירען פון אמבראַזיום

דאָקטאָר, ווילט איהר אַ ציה טהאָן פאַר'ן ארבעל. אָט אַזוי, אַזוי איז גוט. איצט די אונטערהויזען. ווארט אויס אַ ווײלע, איך וועל איהם אפּריהער אויסטהאָן די שטיוועל — אָט אַזוי. איצט האַלט אַ מינוט צו, איך זאָל קענען מאַכען די בעט. גוט — איצט לאָמיר איהם ארייןלעגען. איהר זאָלט אָבער נור ניט דענקען, אַז ער וועט לאָזען פאַר מיר אַ שטיקעל פּלאַץ אין בעט; איך מעג מיר שוין זוכען עפּעס אַן אַנדער אָרט צום שלאָפען, ער קימערט זיך וועגען דעם גאַנץ ווייניג, דער אַלטער טויגעניכטס.

אַזוי שנעל ווי דער קערל האָט דערפיהלט, אַז ער ליגט אין בעט, האָט ער צוגעמאַכט די אויגען, זיי ווידער געעפענט און ווידער צוגעמאַכט און אין זיין בעפרידיגטער מינע האָט זיך געזעהען דער בעשטימטער פערלאַנג צו שלאָפען.

דער דאָקטאָר האָט איהם בעטראַכט מיט וואַקסענדען אינ־טערעס און געפרעגט.

— ער שפּיעלט, אַלזאָ, די ראָלע פון אַ יונגען מאַן אויף די מאַסקען־בעלער?

— אימער, הערר דאָקטאָר. און אויף מאָרגען קומט ער אַהיים אין אַ צושטאַנד... איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען. עס טהוט איהם דאָס הארץ וועה, דערפאַר געהט ער אַהין און טהוט אָן אַ מאַסקע פון אַ ליאַלקע איבער זיין פּנים. יאָ, דאָס הארץ געהט איהם אויס פאַר צער, וואָס ער איז ניט מעהר דאָס, וואָס ער איז אַמאָל געוועזען, און וואָס ער האָט ניט מעהר דעם אַמאָליגען חן ביי די ווייבער.

ער איז שוין געשלאָפען און איצט האָט ער גענומען כראָפּען. זי האָט איהם בעטראַכט מיט אויגען פול מיטלייד און ווייטער גע־רעדט:

— און איך זאָג אייך, הערר דאָקטאָר, ער האָט געהאַט אַ בעזונדערען חן און די ווייבער זיינען איהם נאָכגעלאָפען מעהר ווי נאָך די שעהנסטע הערען פון דער גרויסער געזעלשאַפט, מעהר ווי נאָך אַלע טענאָר'ן און גענעראַלען.

— ווירקליך? ווי קומט דאָס?

— יאָ. איהר וועט זיך אודאי וואונדערען, ווייל איהר האָט

אַננעהמען פאר א שעהנעם יונגאַנמאַנטשיק און זאָלען זיך מיט איהם שושקען. ער קען אָהן זיי ניט לעבען, אָהן די שמוציגע וויי־בער מיט דעם געשטאַנק פון פוידער און שמינקע. עס איז אַן אונגליק און נאַר. איהר ווייסט, הערר דאָקטאָר, אזא לעבען פיהר איך שוין זייט צוואַנציג יאָהר. אָבער צוערשט לאָמיר איהם ברענ־גען צו בעט, אַז ניט וועט ער נאָך קראַנק ווערען. ווילט איהר זיין אַזוי גוט און מיר העלפען. ווען ער קומט אזוי אהיים, קען איך אליין מיט איהם גאַרנישט ניט טהאָן.

דער אַלטער איז געזעסען אויף זיין בעט, האָט פאר׳שיכור׳ט געקוקט ארום זיך און די לאַנגע, ווייסע האָאר זיינען איהם איבער׳ן פּנים געפאַלען.

זיין פרוי האָט איהם אָנגעקוקט אי צערטליך אי מיט כעס און ווייטער גערעדט:

— אָט, טהוט א קוק, זעהט ער ניט אויס שעהן פאר זיין עלטער? און ער מוז זיך ניט אנדערש נור אָנטהאָן ווי א פוסטער פּראַנט, כדי מען זאָל מיינען, אַז ער איז יונג. איז דאָס ניט קיין אונגליק! ער האָט א שעהנעם קאָפּ, הערר דאָקטאָר. איך וועל עס אייך ווייזען, איידער מיר לייגען איהם אין בעט אריין.

זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, אויף וועלכען עס איז געשטאַ־נען א וואַש־שיסעל, א קרוג וואַסער, זייף, א קאַם און א בערשטעל. זי האָט גענומען די בערשטעל, איז צוגעגאַנגען צום בעט, און גע־נומען בארשטען די צופּאַטעלטע האאר פונ׳ם שיכור. אין א פּאָר אויגענבליקען האָב איך דערזעהן א וואונדערשעהנעם קאָפּ מיט לאַנגע, ווייסע לאָקען, וועלכע זיינען געפאַלען ביז צום האַלז ארונ־טער. דאַן האָט זי אָבגעטראַטען א פּאָר טריט צוריק, כדי איהם בעסער צו בעטראַכטען.

— איז ער ניט שעהן פאר זיין עלטער?

— זעהר שעהן! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, ווען די געשיכטע האָט אַלץ מעהר און מעהר פאַראינטערעסירט.

— איהר האָט איהם געדאַרפט זעהן א מאָל, ווען ער איז אַלט געווען א יאָהר פינףאון צוואַנציג. אָבער מיר מוזען איהם אוועק־לייגען, אַז ניט קען ער נאָך דעם שנאַפּס אויסברעכען אָט דאָ, הערר

דער פון די גערדעהטע טרעפּ און געהאָלפּען דעם אַלטען האַלב גע־חלש'טען מאַן ביז צום פיערטען שטאָק אַרויף.

די טיר, אין וועלכער זיי האָבען אַנגעקלאַפּט, האָט זיך גע־עפענט און אַ פרוי האָט זיך בעוויזען. זי איז אויך געווען אַלט, אָבער ריין און האָט געטראָגען אַ שעהנע ווייסע נאַכט הייבעל אויף איהר קאָפּ, איינער פון יענע גראָבע, עהרליכע קעפּ מיט שאַרפע שטריכען פון אַ פליסיגער, טרייער אַרבייטער פרוי. זי האָט אויסגערופען:

— אום גאָטעס ווילען, וואָס איז געשעהן?

נאָך דעם ווי מען האָט איהר מיט אַ פּאָר ווערטער ערקלעהרט וועגען דעם מאַן, איז זי געוואָרען רוהיגער און האָט זאָגאַר בערו־היגט דעם דאָקטאָר, דערצעהלענדיג איהם, אַז דאָס האָט שוין מיט איהם אָפט פּאַסירט.

— מיר מוזען איהם לייגען אין בעט, הערר דאָקטאָר, אין בעט. מעהר גאָרנישט. דאָרט וועט ער זיך אויסשלאָפען און מאָר־גען וועט ער פאַרגעסען אָן דער גאַנצער געשיכטע.

דער דאָקטאָר האָט געענטפערט:

— אָבער ער קען קוים רעדען.

— דאָס איז גאָרנישט, ער דאַרף עפּעס טרינקען, דאָס אַלעס. ער האָט דאָך גאָרנישט געגעסען, כדי צו זיין ריהרעוודיג און דאַן האָט ער אויסגעטרונקען צוויי גלאָז ווייַן אום זיך צו צוגעבען מוט. דער גרינער שנאַפּס שטעלט איהם צוריק אויף די פיס, אָבער ער צומישט איהם די געדאַנקען און לאָזט איהם מעהר ניט רעדען. אין זיינע יאָהרען קען מען שוין ניט מעהר אַזוי טאַנצען, ווי ער טהוט עס. מען קען פון איהם משוגע ווערען, און ער וויל דאָס בשום אופן ניט פערשטעהן.

דער דאָקטאָר איז געוואָרען פאַרוואונדערט און געפרעגט:

— אָבער פאַר וואָס טאַנצט ער אַזוי ווילד, אַזאַ אַלטער מאַן?

זי האָט אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען און איז רויט גע־וואָרען פאַר כעס.

— יאַ, טאַקע פאַר וואָס? ווייסט איהר, ער וויל דאָך מען זאָל דענקען, אַז ער איז נאָך אַליץ יונג, אַז די ווייבער זאָלען איהם

אריינגעטראָגן, זיינע געוואָרען אזוי ערשטוינט, אז קיינער האָט ניט געלאכט און קיינער האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט.

מען האָט איהם בעטראכט, ווי ער איז געלעגען אויף די שטוהלען, אָנגעקוקט זיין טרויעריגען פּנים מיט די געשלאָסענע אויגען פון ווייסע האָאר ארומגערינגעלט. און נעבען דעם דאָזיגען אלטען, אָבגעלעבטען קאָפּ איז געלעגען די קליינע, שעהנע, גלאטע מאסקע, די יוגענדליכע מאסקע, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו שמייכלען.

א צייט לאנג איז ער אָבגעלעגען אָהן בעוואוסטזיין, דערנאָך איז ער ביסלעכווייז געקומען צו זיך. אָבער ער האָט אויסגעזעהן אזוי שוואך, אזוי קראנק, אז דער דאָקטאָר האָט מורא געהאט פאר א געפעהרליכען אָנפאל.

— וואו וואָהנט איהר? — האָט ער געפרעגט.

דער אלטער טענצער האָט גענומען זוכען אין זיין געדעכעניש, דאן האָט ער זיך דערמאָנט און אָנגערופען א גאס, פון וועלכער קיינער האָט ניט געוואוסט. מען האָט איהם געמוזט גענוי אויספרעגען אויף יענעם קווארטאל, און לאנגזאם מיט גרויסע מיהע האָט ער ערקלערט וואו דאָס געפינט זיך.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

— איך וועל אייך אליין אָבפיהרען אהיים.

ער איז געוואָרען נייגעריג צו וויסען ווער דיזער מערקוויר־דיגער אלט־יונגער טענצער איז און וואו ער וואָהנט.

באלד האָט א דראָשקע זיי ביידען געבראכט אויף דעם אנ־דערען עק שטאָדט צו דעם בוטטעס מאָנטמארטר.

ער האָט געוואָהנט אין אן אָרימען, גרויסען הויז, צו וועלכען עס האָבען געפיהרט שמוציגע טרעפּ. עס איז געווען איינע פון די יענע ניט דערענדיגטע הייזער מיט א סך פענסטער, וועלכע איז געשטאנען צווישען צוויי לעדיגע בוי־פּלעצער, א שמוציגע לאָך, אין וועלכער עס האָט געלעבט א גאנצע מאסע עלענדע, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע מענשליכע באשעפענישען. דער דאָקטאָר האָט זיך איינגעקלאמערט אָן דעם שמוציגען, קלעפּעדיגען געלענ־

ער האָט זיך בעמיהט נאָכצומאַכען דעם צווייטענס שפּרינגען, האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיינע גליעדער זיינען פאַרזשאַווערט. ער איז געווען ווי געלעהמט און האָט געהאַט אין זיך עטוואָס אונבעוועגליכעס, עפּעס ווי אַ פראָסטער הונד.

איראָנישע אַפּלאָדיסמענטען האָבען איהם מוט געגעבען, און ער האָט געהאָפּקעט ווי משוגע מיט אַזאַ שפּרינגעריי, אַז ער האָט זיך פּלוצים איבערגעקוליעט און איז אַרויפגעפאַלען אויף דער מענשליכער וואַנד, וועלכע האָט אָבגעטראָטען אום איהם דורכצולאָזען, אָבער דער טענצער איז געפאַלען מיט'ן פּנים צו דער ערד און איז געבליבען ליגען אָהן שום בעוועגונג.

אַ פּאָאָר מענער האָבען איהם אויפגעהויבען און אוועקגעטראָגען. מען האָט צווישען פּובליקום געפרעגט אויף אַ דאָקטאָר. אַ יונגער, זעהר עלעגאַנטער הערר אין אַ שווארצען פראַק, מיט גרויסע פּערל אין דער אויבערהעמד, איז אַרויס און געזאָגט בעשיידען: איך בין פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט. — מען האָט איהם דורכגעלאָזען און ער איז אוועק אין אַ קליינעם צימער פול מיט קעסטלאַך, וואו דער טענצער איז נאָך אַלץ געלעגען אָהן בעוואוסטזיין. מען האָט איהם דאָרט אוועקגעלייגט אויף אַ פּאָאָר שטולען. דער דאָקטאָר האָט פריהער פאַר אַלץ געוואָלט אַרונטערנעהמען די מאַסקע, אָבער ער האָט דערזעהן, אַז זי איז אויף אַ גאַנץ מערקווירדיגען שטייגער צוגעבונדען מיט מעטאַלענע דרעטלאַך צו דעם פּאַרוק און אַז דער קאָפּ איז פעסט איינגעשלאָסען, און עס איז נויטהיג געווען איהם דערפון צו בעפרייען. אויף דער האַלז האָט געשטעקט אין אַזאַ מין לעדערנער הויט, וועלכע איז פון איין זייט צו דער מאַסקע און פון דער צווייטער זייט צו דער העמד צוגעטשעפּעט געוואָרען און איז געווען פון פלייש פאַרב קאָליר.

מיט אַ שטאַרקער שער האָט מען געמוזט אויפשניידען די מאַסקע.

ווען דער דאָקטאָר האָט אויפגעשניטען די דאָזיגע מערקווירדיגע מאַסקע פון די שליפען ביז צו די שולטערען, האָט ער אונטער איהר דערזעהן אַ פּנים פון אַן אַלטען מאַן, פאַרוועלקט, בלייך, פול קנייטשען. די לייטע, וועלכע האָבען די יונגע בלאָנדע מאַסקע

טערהאַלטען. א נעריכטע וואַנט פון מענשען האָט זיך אַרומגע־קליבען אַרום עטליכע בעקאַנטע קאַנקאַן־טענצער. אַזוי ווי כוואַ־ליעס, דאָ אַהין און דאָ צוריק, דאָ נעהנטער און דאָ ווייטער האָט זיך געטראָגען דער שטראָם פון מענער און פרויען אַרום די טענ־צער, האָט דאָ זיי אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען, ווי א שלאַנג און דאָ פון זיי אָבגעטראָטען, מאַכענדיג פריי דעם וועג. ביידע מיידלאַך, וועמעס פיס האָבען אויסגעזעהן ווי זיי וואָלטען געווען צוגעבונדען צום קערפּער מיט גומענע שנירלעך, האָט מיט זיי געמאַכט די אונגלויבליכסטע בעוועגונגען. זיי האָבען געוואָר־פען זייערע פיס אין דער לופט מיט אַזאַ קראַפט, אַז אָט־אָט שפּרינ־גען זיי אין די וואָלקען אריין. דאַן האָבען זיי זיי מיט אַמאָל צו־שפּרייט, איין פוס פאָרענט, איין פוס הינטען און פּלוצים מיט א האַלב עקעלהאַפטער און האַלב קאָמישער בעוועגונג זיך א זעץ געטהאָן אָן דר'ערד. זייערע טענצער האָבען געשפּרונ־גען, געקלאַפּט א פוס אָן א פוס, זיך בעוועגט, געוואַרפען מיט די הענד, געפלויגען אין דער לופט און אונטער זייערע מאַסקעס איז קענטיג געווען, אַז זיי זיינען אָהן אן אָטהעם.

איינער פון זיי, וועלכער האָט געטאַנצט א בעוואוסטען קאַנ־קאַן־קאַדריל אויף דעם פּלאַץ פון אן אָבוועזענדען בעריהמטען טענ־צער, האָט זיך געגעבען די גרעסטע מיה ניט נור יענעם נאָכצו־מאַכען נאָר נאָך אריבער צו שטייגען. און ער האָט געמאַכט אַזעל־כע משוגענע בעוועגונגען, איז אַזוי ווילד געשפּרונגען, אַז דאָס פּובליקום האָט געקוואָלען און שטאַרק אַפּלאָדירט.

ער איז געווען מאָגער, אָנגעטהאָן מעשה פראַנט, מיט א שעה־נער גלאַטער מאַסקע אויפ'ן פּנים; א מאַסקע מיט בלאָנדע גע־קרייזעלטע וואָנצעס און א פּאַריק מיט לאָקען פון אויבען.

ער האָט אויסגעזעהן ווי א וועקסענע ליאַלקע, א בעזונדערע פאַנטאַסטישע קאַריקאַטור פון א געוויסען טיפּ פון א שעהנעם יונ־גען מאַן, ווי ער ווערט געמאָלען אויף די מאָדעל־בילדער. ער האָט געטאַנצט מיט גרויס התמדה, אָבער עטוואַס אונגעשיקט, קענטיג, אַז ער האָט זיך שטאַרק געסטאַרעט אויסצוזעהן קאָמיש. ווען

די מאסקע

אין עליסעע־מאנטמארטר איז געווען א מאסקען־באל. עס איז געווען אין מיטען פון פאסטען־צייט און דער עולם האט געשטראמט פון אלע זייטען אין דעם העל בעלויכטענעם פיר־הויז, וואס האט גע־פיהרט צום טאנץ־זאל. די הויכע מוזיק פון אר־קעסטער האט זיך ווי א שטורעם דורכגעריסען דורך די ווענט, דורכ'ן דאך און האט פארקלונגען דעם גאנצען קווארטאל, אלע גאסען. פרעהליכע טענער פון טאנץ־מוזיק האבען זיך אריינגעריסען אין די שכנ'ישע הייזער אריין און געוועקט דארט די אונווידערשטעהליכע פערלאנגען, די טיערישע אינסטינקטען, וועלכע לעבען אין די מענשליכע הערצער: די לוסט צו טאנצען, דאס בלוט צו בעוועגען, זיך צו אונטערהאלטען.

די שטענדיגע געסט פון לאקאל זיינען אויך געקומען פון אלע עקען פון פאריז. דאס זיינען געווען מענשען פון אלע קרייזען, וועלכע האבען ליעב געהאט טומולדיגע, שרייענדיגע פערגעניגענס, מעגען זיי אפילו זיין פון ניט גאר קיין זויבערער קוועלע. דאס זיינען געווען בעאמטע, פאקטארס, מיידלאך פון אלע סארטען אין פראסטען וואל אנגעטהאן און אין דעם פיינסטען באטיסט, רייכע אונטער־וועלט דאמען, אלטע, מיט ציערונג פארשאטען, ארימע זעכצעהן יאהריגע מיידלאך פול לעבענסלוסט, פול פערלאנגען נאך מענער, נאך געלד, פערגעניגענס. אונטער דער דאזיגער בעוועג־טער מאסע האבען זיך ארומגעדרעהט עלעגאנטע העררן אין פראַ־קען, אויף דער יאגד נאך פרישע פלייש, נאך יונגע, געשמאקע ביסענס... זיי האבען געזוכט, ארומגעשמעקט אין דער לופט, נאכ־געלאפען נאך די מאסקעס, וועלכע האבען געשיינט זיך גוט צו אונ־

דען די דאָזיגע דיקע פרוי איז מיר געווען א פרעמדע, איך האָב זי ניט געקענט.

זי איז אויך געווען בעוועגט און האָט געשטאמעלט:

— איך האָב זיך זעהר פאַרענדערט, ניט אמת? אך גאָט, אלעס נעהמט אמאָל א סוף! ווייסט איהר, איך בין איצט נור א מוטער, און א גוטע מוטער. אלעס איבעריגע אדריע — אויס! אך, איך האָב פריהער געוואוסט, אז איהר וועט מיך נישט דער־קענען, ווען מיר זאָלען זיך אמאָל טרעפען. אגב האָט איהר זיך אויך פאַרענדערט. עס האָט מיר גענומען א צייט, ביז איך בין געווען זיכער, אז איך מאַך ניט קיין טעות, אז דאָס זייט טאקע איהר. איהר זייט דאָך אין גאנצען ווייס געוואָרען! בארעכענט זיך נור, עס איז שוין צוועלף יאָהר אין דעם, צוועלף יאָהר; מיין עלטסטע איז איצט שוין צעהן יאָהר אלט!

איך האָב אָנגעקוקט דאָס קינד, און איך האָב אין איהם ווידער געפונען עטוואָס פון דעם אמאָליגען חן פון דער מוטער.

מיר זיינען געקומען אין מאַיסאָנס־לאַפיט, איך האָב א קוש געטהאָן מיין אלטער פריינדין די האנד, איך האָב איהר ניט גע־האַט וואָס צו זאָגען, אויסער א פּאָר שרעקליך באנאלע פראזען. איך בין געווען צו אויסגעניכטערט אום צו קענען רעדען.

ווען איך בין אין אָבענד געבליבען אליין אין הויז, האָב איך זיך לאנג, זעהר לאנג אין שפּיעגעל בעטראכט, און דאן האָב איך זיך צום סוף דערמאָהנט אָן יענעם, וועלכער איך בין אמאָל גע־וועזען, איך האָב זיך ווידער אמאָל אין די געדאנקען דערזעהן מיט ברוינע וואָנצעס און שווארצע האָאָר און דעם יוגענדליכען אויס־דרוק פון מיין אמאָליגען פנים. און יעצט בין איך געווען אלט... אדריע!...

דאַ האָט זי גענומען לאַכען, מיט יענעם צופריעדענעם געלעכ־טער פון אַן אנשטענדיגער פרוי, אָבער דאָך עטוואָס טרויעריג:

— איהר דערקענט מיך הפנים נים?

איך האָב אַ ווײַלע געטראַכט. איהר געזיכט האָב איך ווירק־ליך געמוזט וואו עס איז זעהן, אָבער וואו און ווען? און איך האָב געענטפערט:

— יא און ניין! איהר זייט מיר זעהר בעקאַנט אָבער איך קען זיך נים דערמאָהנען אייער נאָמען.

זי איז עטוואָס רויט געוואָרען.

— מאַדאַם יוליע לעפּעברע.

איך האָב זיך אַזוי דערשראָקען, אַז אַ מינוט לאַנג האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין לעצטע שטונדע איז געקומען. איך האָב נור געפיהלט, אַז פאַר מיינע אויגען איז צוריסען געוואָרען אַ שלייער, און איך האָב דערזעהען עטוואָס שרעקליכעס, מוראדיגעס, טרויעריגעס.

זי איז דאָס געווען, אָט די דיקע, פּראָסטע פרוי, זי?

און זייט דעם וואָס איך האָב זי נים געזעהן האָט זי די דאָ־זיגע פיער נפשות אויף דער וועלט געבראַכט. און די דאָזיגע קליי־נע באַשעפּענישען זיינען מיר פאָרגעקומען פונקט אַזוי מערקוויר־דיג ווי זייער מוטער. זיי האָבען געשטאַמט פון איהר, זיי זיינען שוין געווען גרויס און האָבען פאַרנומען אַ פּלאַץ אין לעבען; זי אָבער, די פריהערדיגע איז שוין מעהר נישט געווען. זי, דער וואונדער פון קאָקעטעריי און געשמאַק. ערשט נעכטען, האָט זיך מיר געדאַכט, האָב איך זי געזעהן, און אַזוי האָב איך זי ווידער געטראָפען, ווי אַזוי איז דאָס מעגליך, ווי אַזוי איז דאָס געשעהן?

אַ שאַרפער וועהטאָג האָט מיר דאָס הארץ פאַרקוועטשט און אין מיר האָט זיך אויפגעהויבען אַן עמפּערונג געגען דער נאַטור אין איהר קאַלטער, שרעקליכער צושטערונג.

איך האָב זי אָנגעקוקט אַ צושראָקענער, דאַן האָב איך זי אָנ־גענומען פאַר אַ האַנד און מיינע אויגען האָבען זיך מיט טרעהרען אָנגעפילט. איך האָב בעוויינט איהר יוגענד, בעוויינט איהר טויט,

די צערטליכקייט אין מיין הארצען איז איהר טריי געבליבען, יענע רוהיגע צערטליכקייט, וואס איז איצט געווען ווי די געליעבטע עראינערונג אן דאס שעהנסטע און הערליכסטע, וואס איך האב ווען אין מיין לעבען געזעהן.

* * *

צוועלף יאהר זיינען אזוי ווענינ אין'ם לעבען פון א מענשען, מען פיהלט גארנישט, ווי זיי געהען אריבער. איין יאהר געהט אוועק נאכ'ן אנדערן, לאנגזאם און דאך שנעל, שלעפט זיך, דאכט זיך אזוי און דאך פליהט עס אוועק; יעדעס יאהר איז אזוי לאנג און דאך איידער מען קוקט זיך ארום איז ער שוין אוועק.

און אזוי לויפען די יאהרען אונבעמערקט, שנעל און אהן אויפהער, אנטלויפען און לאזען ניט איבער נאך זיך קיין שפור, ווישען זיך אינגאנצען אויס, און ווען מען קעהרט זיך אום און וויל אין די געדאנקען איבערזעהן די דורכגעלאפענע צייט, פערשטעהט מען ניט און בעגרייפט ניט ווי איז דאס מעגליך, אז מען איז שוין אלט געווארען.

מיר האט זיך ווירקליך אויסגעדאכט, אז נור מאנאטען האבען מיך אבגעטהיילט פון יענעם רייצענדען זומער ביים ברעג פון עטרעטאט.

לעצטען פריהלינג האב איך געגעסען א דינער ביי מיינע פריינד אין מאיסאנסלאפפיט. אין דעם אויגענבליק ווען דער צוג האט שוין געזאלט אבפאהרען, איז אין וואגאן אריין א דיקע פרוי, מיט פיער קליינע מיידלאך. איך האב אפילו ניט געוואלט א קוק טהאן אויף דער אלטער, פעטער, ברייטער, רונדער הוהן מיט א פנים ווי א פולע לבנה און א הוט פול מיט בענדער.

זי האט שווער געאטהעמט פון דעם שנעלען לויפען, און די קינדער האבען גענומען פלוידערען. איך האב געעפענט מיין צייטונג און גענומען לעזען.

מיר זיינען געווען נור וואס פארביינעפאהרען אסניערעס, ווען מיין שכנה האט פלוצים געפרעגט:

— ענטשולדיגט, זייט איהר ניט הערר קארניער?

— יא, גנעדיגע פרוי.

זיכט, די קלענסטע בעוועגונג אין זיי, האָט מיך געמאַכט גליקליך, געמאַכט משוגע.

זי האָט זיך דורך איהר גאַנצען וועזען אין מיין נשמה אריינ־גע'גנב'עט, דורך איהרע בעוועגונגען; דורך איהר האַלטונג זאָגאַר מיט איהרע קליידער האָט זי מיך בעצויבערט. איך פלעג ווערען גאַנץ בעוועגט, ווען איך פלעגט דערזעהען בלויז איהר שלייער אויף א שטיק מעבעל אָדער איהרע האַנדשוה אויף א שטול.

איהרע קליידער, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, האָבען ניט קיין פערגלייך, קיינער האָט ניט געטראָגען אַזעלכע היט, ווי זי.

זי איז געווען פערהייראַט, אָבער איהר מאַן פלעגט קומען בלויז שבת, און זונטאג איז ער שוין אוועקגעפאָהרען. איבעריגענס איז ער מיר געווען גאַנץ גלייכגילטיג, איך בין צו איהם ניט געווען אייפערזיכטיג. איך וויים ניט פארוואָס, נור קיינער אין לעבען האָט מיך ניט געאינטערעסירט אַזוי ווענינ ווי ער. קיין מאָל האָט מיך נאָך קיינער ניט אויפגערעגט ווניגער, ווי דער דאָזיגער מענש.

און ווי האָב איך זי געליעבט! און ווי שעהן זי איז געווען, ווי גראַציעז און יונג, די פארקערפערטע שעהנהייט, עלעגאַנץ און גראַציעז אליין איז זי געווען.

קיינמאָל האָב איך ניט געפיהלט אַזוי טיעף, וואָס פאַר א שעהן, ערעל, צאַרט וועזען די פרוי איז, אין גאַנצען פון חן גע־וועבט.

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט אַזוי בעגריפען, וואָס פאַר א פאַר־פיהרערישע שעהנקייט עס ליגט אין דער רונדקייט פון א באַק, אין די בעוועגונגען פון די ליפען, אין דער בילדונג פונ'ם נאַרישען גליעד, וואָס מען רופט נאָז.

דאָס האָט אַזוי געדויערט דריי מאָנאַטען, דאַן האָב איך גע־מוזט אוועק קיין אַמעריקא און פון פערצווייפלונג בין איך געווען אין גאַנצען געבראָכען. דער געדאַנק וועגען איהר האָט מיך אויף קיין איין מינוט ניט פערלאָזען. פון דער ווייטענס האָט זי מיך בעהערשט, ווי זי האָט מיך פון נאָהענטען צו זיך צוגעצויגען.

יאָהרען זיינען אוועק, איך האָב זי ניט פארגעסען. איהר רייצענדעס בילד איז שטענדיג געשטאַנען פאַר מיינע אויגען און

איז אימער א לאכענדיגער בלומענגארטען פון טואלעטען ארומגע־רינגעלט פון הויכע פעלזען.

די זון ווארפט איהר הייסע שטראהלען אויפ'ן ברעג, אויף די זונענשירעמס פון אלע פארבען, אויף דעם בלויען ים, און אלעס ארום זעהט אויס אזוי פרעהלאך, אזוי רייצענד, אז עס איז א מחיה צו קוקען.

מען זעצט זיך נעבען וואסער און קוקט צו ווי די פרויען באָ־דען זיך. זיי געהען צום וואסער איינגעוויקעלט אין א פלאנעלענעם מאנטעל, אבער ווי נור זיי קומען צו צו דעם שוים פון די כוואליעס, ווארפען זיי איהם מיט א שעהנער בעוועגונג פון זיך ארונטער, דאן נעהמען זיי לויפען אין וואסער מיט קליינע שנעלע טריט און שטע־לען זיך מאנכעס מאָל אָב אויפשווידערענדיג פאר קעלט און פער־גניגען.

די פראָבע ביים באָדען זיך, האלטען זעהר וויינינג פון זיי אויס. דאָ קען מען זיי בעטראכטען פון קאָפּ ביז צו די פיס. פאר די שלעכט געבוימטע איז דאָס ארויסגעהן פון וואסער דאָס ערנסטע, הגם דאָס ים וואסער שטייפט זעהר ווייכע פלייש.

דאָס ערשטע מאָל, ווי נור איך האָב דערזעהען די דאָזיגע יונגע פרוי, בין איך געוואָרען ענטציקט און בערוישט צו גלייך. זי איז געווען שעהן און האָט אויסגעהאלטען די פראָבע. און דאן זיינען דאָ פּנים'ער, וועמעס רייץ עס נעהמט אונז גלייך אויפ'ן ערשטען בליק געפאנגען, עפּעס אזוי ווי מען וואָלט געפונען די פרוי, וועלכע איז פאר אונז בעשאפען געוואָרען. אָט אזא מין געפיהל האָב איך געהאט.

איך האָב זיך געלאָזען פאר איהר פאָרשטעלען און באלד בין איך אין איהר פארליעבט געוואָרען, ווי נאָך קיינמאָל ניט ביז אהער. זי האָט ביי מיר ארויסגעשלעפּט די נשמה, עס איז עטוואָס שרעק־ליכעס און דאָך זעהר געשמאַק אזוי בעהערשט צו ווערען פון א פרוי, עס איז כמעט א פייניגונג און אין דערזעלבער צייט דאָס העכסטע גליק.

איהר בליק, איהר שמייכעל, די האָר אויף איהר נאַקען, ווען דער ווינד האָט זיי געקרייזעלט, אלע קלענסטע ציגע פון איהר גע־

איהר ארבייט לאנגזאם, רעגעלמעסיג און פארענדערט אונזער פנים אזוי ביסלעכווייז, אז מען קען עס קוים זעהן.

און נור דערפאר שטארבען מיר ניט פון פערצווייפלונג, ווייל די דאזיגע פערוויסטונג געדויערט עטליכע יאהר נאכאנאנד און זי ווארפט זיך אונז ניט אין די אויגען. אום צו באמערקען ווי אלט מיר ווערען, האבען מיר געדארפט זעקס מאנאטען צייט ניט א קוק טהאן אויף זיך, דאן ערשט וואלטען מיר זיך דערשראקען פאר דער ענדערונג, וואס אין אונז איז פארגעקומען.

און די פרויען, מיין ליעבע, אך, גאט, אויף זיי איז גאר א רחמנות. ארימע בעשעפעניש! זייער גאנצער גליק, זייער גאנ־צע מאכט ליעגט אין זייער שעהנהייט, און דאס געדויערט בלויז צעהן יאהר.

איך בין אלזא אלט געווארען, עס גאר אליין נישט בעמער־קענדיג, און ווען איך בין צוגעקומען נאהענט צו די פופציגער, האב איך זיך נאך אלץ געהאלטען כמעט פאר א יונגען מאן. איך האב ניט געפיהלט קיין שום שוואכקייטען פון דער עלטער און בין זיך רוהיג און גליקליך געגאנגען מיין וועג.

די ענטדעקונג אבער, אז איך בין אלט געווארען, איז צו מיר געקומען אויף א גאנץ איינפאכען, אויף א שרעקליכען אופן, אויף אזא מין אופן, אז עס האט מיך אויף א האלב יאהר נאכאנאנד גאנץ אונגליקליך געמאכט; דערנאך ערשט האב איך זיך דערצו צוגעוואהנט.

ווי אלע מענער, בין איך אפט פערליעבט געווען, אבער איין מאל אם מייסטען.

איך האב זי געטראפען ביים ים אין עטרעטאט. אין דעם מוז שוין זיין א יאהר צוועלף, באלד נאכ'ן קריעג. עס איז נישטא קיין שעהנערע זאך, ווי דער דאזיגער ברעג אין דער פריה אין צייט פון באדען זיך; ער איז קליין, רונד ווי אן אייזערנע קאפיטע, ארומ־גערינגעלט פון הויכע, ווייסע, דורכגעבראכענע פעלזען, וועלכע ציהען זיך ביז אין ים אריין.

די פרויען באדען זיך אלע אויף איין געוויסען פלעק און דאס

אדיע

יידע פריינד זיינען פערטיג געוואָרען מיט דעם עסען. פון'ם פענסטער פון רעסטאָראַן האָבען זיי געזעהן די שטראָמען מענשען אויפ'ן בולוואר. זיי האָבען געפיהלט דעם ווארימען הויך, וואָס טראָגט זיך אין פאריז אין יענע מילדע זומער־נעכט, יענעם בעזונדער'ן הויך, וועלכער מאַכט די שפאַציערגעהר קוקען צום הימעל ארויף און וועקט אויף אין זיי א בייִנקעניש: אַזוועקצוגעהן ערגעץ ווייט, ווייט, אונטער גרינע בוימער און טרוימען פון א ליכטיגען אויסגעשטערנטען הימעל, פון פייער־פליעגעלאך און נאכטיגאל געזאנג.

איינער פון זיי, הענריך סימאָן, האָט געזאָגט מיט א טיעפען זיפץ:

— אַך, איך ווער אלט, עס איז טרויעריג! פריהער האָב איך אין אַזעלכע אָבענדען געפיהלט אין זיך א טייפעל, איך האָב ניט געקענט קיין מינוט איינזיצען אויף אן אָרט, היינט פיהל איך נור בעדויערען. דאָס לעבען געהט שנעל פארביי!

ער איז שוין געוואָרען אביסעלע צו דיק פאר זיינע פינף־און־פערציג יאָהר און האָט געהאַט א גרויסען פליך.

דער צווייטער, פעטער קארניער, עטוואָס עלטער אָבער מאָגערער און לעבעדיגער, האָט זיך אָנגערופען:

— איך, מיין ליעבער, בין עלטער געוואָרען, אליין ניט בעמערקענדיג ווי אַזוי. איך בין אימער געווען לוסטיג, פרעהלאך, קרעפטיג און ווען מען קוקט יעדען טאָג אין שפּיעגעל אריין, בעמערקט מען ניט די ווירקונג פון דער צייט. און די צייט טהוט זיך

א טרייסעל געטהאָן. פּאַשענס איז אריינגעקומען. א שטראהלענדער, א שמייכלענדער האָט ער מיר אויסגעשטרעקט די האנד.

ער האָט צוגעמאַכט איין אויג, מיר אריינגעקוקט אין פּנים מיט אַ מינע, ווי מען פארטרויט אימיצען אַ ליעבעס־געשיכטע, האָט אַ מאַך געטהאָן ברייטלאַך מיט. דער האַנד ווי א נאַפּאָלעאָן, אָנווייזענדיג אויף זיין גרויסען זאַאַל, זיין פּארק און די דריי פרויען, וועלכע האָבען זיך ווידער בעוויזען אין הינטערגרונד און געזאָגט מיט אַ טריאומפירענדען טאָן פול מיט שטאָלץ:

— און אָנגעהויבען האָב איך מיט גאָרנישט... מיט מיין פרוי און מיין שוועגערין.



דער. אויף איין צייכנונג האָט מען געזעהן פיער פיס, די קערפּער זיינען געווען בעהאַלטען הינטער אַ פאָרהאַנג. דער גרויסער צי־מער איז געווען פול ארום און ארום מיט גרויסע, ווייכע דיוואַנען און אין גאַנצען דורכגעווייקט אין יענעם מאָדנעם גערוך, וועלכער איז מיר שוין פריהער אויפגעפאַלען. אַלעס ארום, די ווענד, די שטאָפען, דער שרייענדיגער לוקסוס האָבען געהאַט אין זיך עפּעס פארדעכטיגעס.

איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער, כדי אַרויסצוקוקען אין גאָרטען, וואָס זיינע בוימער האָב איך נאָך פריהער בעמערקט. ער איז געווען זעהר גרויס, פראַכטפאָל, מיט אַ סך שאָטען. אַ גרויסער וועג האָט געפיהרט צו אַ שעהן בעוואַקסענעם פּלאַץ, וואו עס האָט געקלאַפּט אַ פאָנטאַן. דאַן האָט דער וועג געפיהרט ווייטער אונ־טער די בוימער און נאָך אַ שטיק ווייטער איז ער ווידער אַרויס־געטראָטען פון שאָטען אַרויס. פּלוצים האָב איך גאַנץ פון דער ווייטען, צווישען אַ פּאָר הויכע בושעס, דערזעהען דריי פרויען. זיי זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם, האָבען זיך געהאַלטען געאָרעמט און גע־טראָגען לאַנגע מאָרגענקליידער מיט שפּיצען בעזעצט. צוויי פון זיי זיינען געווען בלאָנד, איינע דונקעל. איצט זיינען זיי ווידער פאַר־שוואונדען הינטער די בוימער. מיך האָט פארכאַפּט די ראָזיגע קורצע רייצענדע ערשיינונג, וועלכע האָט אויפגעוועקט אין מיר אַ גאַנצע וועלט מיט פּאָעזיע. זיי האָבען זיך קוים געוויזען אין דעם האַלבען ליכט, וועלכעס איז געווען גראָד גענוג העל פאַר דעם דאָזיגען שעהנעם, שטילען פּאַרק. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, ווי איך וואָלט געזעהן די שעהנע פרויען פון דעם פערגאַנגענעם יאָהר־הונדערט, וועלכע האָבען געטרוימט צווישען די גרינע בוימער. די־זעלבע שעהנע פרויען, וועמעס בילדער אויף די ווענט עס דערמאָה־נען אָן זייערע לייכטע ליעבעס־געשיכטען. און איך האָב געטראַכט פון דער גליקליכער צייט, ווען מען האָט זיך נייסטרייך און צערט־ליך אונטער ראָזען געלאַסטשעט, יענער ראָמאַנטישער צייט פון לייכטע זיטען און שעהנע ליעבעס פּאַסירונגען.

דאָ האָט זיך דערהערט אַ הויכע שטימע און איך האָב זיך

עפּעס אַ מאָדנע, קורצע בעוועגונג, האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט און מיר אַ דריק געטהאָן די האַנד, וועלכע איך האָב צו איהם אויס־געשטרעקט.

איך האָב אָנגעקלונגען. אַ מיידעל איז אַרויס. איך האָב געפרעגט:

—איז הערר פּאַשענס אין דער היים?

זי האָט געענטפערט:

— יאָ. ווילט איהר רעדען מיט איהם אַליין?

— געוויס.

דער פּאַרזאַל איז אויך געווען צושמירט פון עפּעס אַ מאַלער פון דער קליין שטעדטעל. פּאָול און ווירגיניאַ האָבען זיך אַרומ־גענומען אונטער פּאַלמען, בעשטראַהלט פון ראָזאָווען ליכט. אַ געשמאַקלאָזע אָריענטאַלישע לאַטערנע איז געהאַנגען אויף דעם סופיט, פיעלע פון די טירען זיינען אויך געווען אויסגעמאָלען מיט שרייענדיגע פּאַרבען.

אָבער וואָס מיר איז אויפגעפאַלען מעהר ווי אַלסדינגס, איז גע־ווען דער גערוך. אַזאַ פּאַרפיום גערוך, אַז עס האָט אָנגעכאַפּט אַ חלשות, עפּעס אַ מין געמישאַכץ פון פודער מיט פּאַרשימעלטען קעלער. די לופט איז דאָרט געווען עפּעס ווי פאַררויכערט, שווער און דריקענד. איך בין נאָכגעגאַנגען דער מיידעל אויף מאַרמאָר־נע טרעפּ אויסגעלייגט מיט אַן אָריענטאַלישען קאַוויאָר און זי האָט מיך אַריינגעפיהרט אין אַ גרויסען זאַאַל.

איך בין געבליבען אַליין און זיך אַרומגעקוקט.

דער צימער איז געווען רייך מעבלירט, אָבער גרעל און שריי־ענדיג, אַז עס זאָל זיך וואַרפען אין די אויגען. צייכנונגען פון פּאָריגען יאָהרהונדערט — איבעריגענס גאַנץ שעהנע — האָבען פּאַר־געשטעלט פרויען מיט אַ הויכער געפּודערטער פיגור. זיי זיינען געווען האַלב נאַקעט און מענער האָבען זיי איבעראַשט אין אינ־טערעסאַנטע פּאָזען. אויף אַ צווייטען בילד איז אַ פרוי געלעגען אין אַ ריעזיג גרויסער בעט, אַ הונד נעבען איהר איינגעגראָבען אין די קישען. אַ דריטע האָט זיך האַלב געוועהרט נעגען איהר גע־ליעבטען, וועמעס האַנד האָט פּאַרבלאָנדזשעט אונטער איהרע קליי־

ער איז אויפגעשטאַנען, גענומען מיינעביידע הענד, זיי גע־
טרייסעלט אזוי ווי ער וואָלט מיר וועלען זיי אויסברעכען און
געזאָגט:

— אלזאָ, מאָרגען פריה, גערענק זשע!

— מאָרגען פריה!

* * *

יענעם פריהמאָרגען בין איך געווען פארנומען ביים גענעראַל־
קאָלעקטאָר. ער האָט מיך געוואָלט פערהאַלטען ביי זיך צום פריה־
שטיק, אָבער איך האָב איהם געזאָגט, אז איך האָב שוין צוגעזאָגט
מיינעם א פריינד צו עסען מיט איהם.

אזוי ווי ער האָט סיי ווי געדארפט אוועקגעהן, האָט ער מיך
בעגלייט.

איך האָב איהם געפרעגט: ווייסט איהר וואו די קראהאַן גאַס
געפינט זיך?

ער האָט געענטפערט:

— געוויס, עס איז פינף מינוטען גאַנג פון דאַנען. איך וועל
אייך צופיהרען, איך האָב איצט ניט וואָס צו טהאָן. — און מיר
זיינען אוועק.

באַלד בין איך צוגעקומען צו יענער גאַס. זי איז געווען ברייט,
שעהן און האָט זיך געפונען אויפ'ן גרענעץ צווישען שטאָדט און
פרייען פעלד.

איך האָב א קוק געטהאָן אויף די נומערען פון די הייזער און
באַלד האָב איך דערזעהן דעם נומער זיעבעצעהן. עס איז געווען
א גרויסע געביידע מיט א גאָרטען פון הינטען. דער פּאַסאַד, בע־
פארבט אויף דעם איטאַליענישען שטיינער, האָט מיר אויסגעזעהן
פּראָסט און אָהן געשמאַק. געטינען זיינען דאָ געווען אויסגעמאָה־
לען מיט גרויסע קרוגען און אַנדערע ווירער, וועמעס געהיימע
שעהנהייטען עס זיינען פּאַרדעקט געוואָרען מיט א וואָלקען. צוויי
שטיינערנע אמורעטען האָבען אונטערגעהאַלטען דעם נומער.

איך האָב געזאָגט צום גענעראַל אינספּעקטאָר.

— אָט דאָ וויל איך אריינגעהן.

און איך האָב איהם דערלאַנגט די האַנד. ער האָט געמאַכט

די אַרט פֿון זיין רעדן האָט מיר אויסגעזעהן זעהר גראָב, דאָך האָב איך געענטפֿערט:

— נעווים!

— און שעהנע מײדלאך?

— נו, דאָס אודאי.

ער האָט זיך צופֿריעדן צולאַכט.

— דאַן איז גוט! דאַן איז גוט! געדענקסטו נאָך וואָס מיר האָבען אָנגעגעבען אין באָרדעאַק, ווען מיר האָבען געמאַכט דעם פּרויען פּעסט ביי ראָופּיע? דאַן האָבען מיר געלעבט אַ טאָג!

און איך האָב זיך ווירקליך דערמאָהנט אָן דער ראָזיגער הור־ליאַנקע. די ערינערונג אָן דעם האָט מיך פֿרעהלאַך געמאַכט; עס זיינען מיר געקומען אויפ'ן זינען געוויסע קלייניגקייטען פֿון יענער צייט, און איך האָב געזאָגט:

— געדענקסטו נאָך, ווי מיר האָבען אונזער לעהרער אין קעלער פֿאַרשפּאַרט?

ער האָט זיך צולאַכט, אַ זעץ געטהאָן מיט'ן פֿויסט אָן טיש און געזאָגט:

— יאַ, יאַ, יאַ! און דער פּראָפֿעסאָר מאַרין... געדענקסט, דער וואָס האָט אונז געלערנט געאָגראַפֿיע, מיט איהם האָבען מיר אויך געגונג שפּאַס געהאַט.

אָבער פּלוצים האָב איך איהם געפֿרעגט:

— ביזטו פֿאַרהייראַטה?

ער האָט אויסגערופֿען:

— שוין זייט צעהן יאָהר, מיין אַלטער! און איך האָב פֿיער קינדער. גרויסאַרטיגע קינדער! אָבער דו וועסט זיי שוין מאָר־גען זעהן און זייער מוטער אויך.

מיר האָבען גערעדט זעהר הויך. פֿון די אַרומיגע טישלאַך האָט מען זיך אומגעדרעהט און אונז פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט. פּלוצים האָט מיין פֿריינד אַ קוק געטהאָן אויף זיין זייגער, אַ טאַשען־כראָנאָמעטער, גרויס ווי אַ קירבים, און האָט אויסגערופֿען:

— צום טייפֿעל! איך מוז אַוועק. אין אָבענד קען איך מיט דיר ניט פֿאַרברענגען.

— מאַך ניט קיין אָנשטעל. איך בין פּאַשענס, ראָבערט פּאַ־שענס, דיין אַלטער קאַמעראַד.

ערשט איצט האָב איך איהם דערקענט. ווירקליך, ראָבערט פּאַשענס, מיט וועלכען איך בין געזעסען אויף איין באַנק אין דער שולע. איך האָב גערדיקט זיין האַנד, וועלכע ער האָט צו מיר אויסגעשטרעקט.

— נו, איז וואָס מאַכסטו, ווי געהט עס דיר?

— מיר? אויסגעצייכענט.

ער האָט אַ צופּריעדענעם שמייכעל געטהאָן און געפּרעגט:

— וואָס טהוסטו עפּעס דאָ?

איך האָב איהם דערצעהלט, אַז איך רייז אַלס אינספּעקטאָר.

ער האָט געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף מיין אָרדען, וואָס איך האָב געטראָגען אין קנאָפּ־לאָך.

— דיר איז, ווי עס שיינט גאַנץ גוט געגאַנגען.

— איך האָב געענטפערט:

— ניט שלעכט. און דיר?

— אָ, מיר, אויסגעצייכענט!

— וואָס טהוסטו דען?

— איך׳בין אַ סוחר.

— האָסטו אַ סך געלד פּאַרדיענט?

— אה, זעהר אַ סך. איך בין זעהר רייך. אָבער קום מאָרגען נאָך מיר, מיר וועלען צוזאַמען פריהשטיקען. מאָרגען אין דער פריה. איך וואָהן אין קראַהאַן גאַס, נומער 17. דו מוזט זעהען מיין וואָהנונג.

ער האָט געשיינט אַ ווײַלע נאָכצוטראַכטען. דאַן האָט ער ווייטער גערעדט:

— ביזט נאָך אַלץ דער אַלטער, וואוילער יונג, ווי אַמאָל?

— איך האָף אַזוי!

— דו ביזט דאָך ניט פערהייראַטה?

— ניין.

— דאָס איז גוט. און דו פאַרשטעהסט דאָך נאָך אַ שפּאַס?

— מיין ציימונג!

איך האָב א טראַכט געטהאָן: עס איז אינטערעסאַנט צו זעהען, וואָס איז זיין ציימונג?

אָן איהר וועל איך זיכער דערקענען זיין מיינונג, זיינע טהעאָריען, זיין אַרט דענקען און זיינע נאַרישע אידעען.

דער קעלנער האָט געבראַכט דעם „טעמפּס". איך בין געוואָרען ערשטוינט, פאַרוואָס גראַדע דעם „טעמפּס", דאָס ראַזיגע ערנסטע, טרויעריגע, וויכטיגע, באַלעהרענדע ציימונג. און איך האָב ביי זיך געטראַכט:

— ער איז אַלזאָ א מענש ווי אַלע מענשען, א קלוגער מיט ערנסטע אנשויאונגען און רעגעלמעסיגע געוואָהנהייטען — קורץ, א גוטער בירגער.

ער האָט אָנגעטהאָן א גאָלדענע פּאָאָר ברילען, האָט זיך אָנגעשפּאַרט ברייטלאַך אָן זיין שטול און איידער ער האָט גענומען לעזען, האָט ער ווידער געוואָרפען א בליק ארום זיך. ער האָט מיך דערזעהען און גענומען מיך אָנקוקען שאַרף און פיינליך. איך האָב איהם שוין געוואָלט פרעגען, אויב ער פערלאַנגט עפּעס פון מיר, ווען ער האָט א געשריי געטהאָן צו מיר פון זיין פּלאַץ:

— דער טייפעל זאָל מיך נעהמען! דו ביסט דאָך בערטראַנד לאַרדאָים!

איך האָב געענטפערט:

— געוויס, איהר האָט ניט קיין טעות.

דאָ איז ער פּלוצים אויפגעשטאַנען, איז צוגעקומען צו מיר און מיר אויסגעשטרעקט ביידע הענט אנטקעגען.

— וואָס מאַכסטו, אַלטער, ווי געהט עס דיר?

איך בין געוואָרען אביסעל צומישט, ווייל איך האָב איהם ניט געקענט און איך האָב ארויסגעשטאַמעלט:

— גאַנץ גוט... גאַנץ גוט... און... איך?

ער האָט זיך צולאַכט:

— ווי עס שיינט, דערקענסטו מיך נישט!

— ניין, ניט אין גאַנצען... עפּעס בעקאַנט... אָבער...

ער האָט מיר א קלאַפּ געטהאָן אין פּלייצע:

איך האָב זיך געפרעגט: וואָס הייבט מען אָן צו טהאָן נאָכ'ן עסען? און איך האָב געטראַכט וועגען דעם לאַנגען אָבענד, וואס איך וועל מוזען פארברענגען אין דער קליינער פּראָווינץ שטעדטעל, וועגען דעם אומעדיגען שפּאַציער דורך די אונבעקאַנטע גאַסען, וועגען דער דריקענדער שטימונג, וואָס בעפאַלט דעם איינזאַמען רייזענדען ביים אָנבליק פון די אַלע אונבעקאַנטע, פרעמדע פאַר־ביינגעהער. פרעמדע אין יעדער קלייניגקייט: דורך דעם קליינ־שטעדטעלדיגען שניט פון זייערע רעק, פון זייערע היט, זייערע הויזען, דורך אַלע זייערע געוואָהנהייטען, דורך לאָקאַלע אויסדריקע. אַלעס ארום זעהט אויס אַזוי אומעדיג, אַזוי טרויעריג, די הייזער, די קראָמען, די גאַסען, די קארעטען, דער בעזונדערער ליארם צו וועלכען מען איז ניט געוואָהנט — און עס טרייבט אייך צוריק אין דעם העסליכען האָטעל, אין אייער צימער, וואו עס שפּירען זיך טויזענד פאַרדעכטיגע גערוכען, מיט דער בעט אין וועלכער עס ווילט זיך אייך אַזוי ניט אריינלייגען און דער וואַש־שיסעל, אויף וועלכער עס קלעפּט נאָך עפּעס אימיצענס א האָר.

וועגען דעם אַלעמען האָב איך געטראַכט, בעת איך האָב געזעהען ווי מען צינדט אָן די גאַז לאַנטערנעס. און וואָס דונקעלער עס איז געוואָרען, אַלץ איז דער געפיהל פון איינזאַמקייט אין מיר שטאַרקער געוואָרען. וואָס זאָל איך טהאָן נאָכ'ן עסען? איך בין געוועזען אליין, גאַנץ אליין. שרעקליך אומעדיג...

דאָ האָט זיך עפּעס א דיקער חברה'מאַן אוועקגעזעצט אויף א רערבייאינגען טישעל און באַשטעלט מיט א הויך קול:

— קעלנער, מיין ביטערן!

דאָס וואָרט „מיין" האָט ארויסגעקלונגען פון דעם זאַץ, ווי א שאָס פון א קאַנאָנע. און גלייך האָב איך באמערקט, אַז אַלעס גע־הערט איהם, איהם אליין און קיין אַנדערען. ער האָט געהאַט זיין כאראַקטער, זיין אַפּעטיט, זיינע הויזען, זיינע... איך ווייס אויך ניט וואָס. אַלעס איז געוועזען אין גאַנצען זיינע. וואָס אַלעס, ווייס איך ניט, אָבער אַזאַ איינדרוק האָט ער געמאַכט.

ער האָט געקוקט ארום זיך מיט א צופריעדענער מינע. מען האָט איהם געבראַכט זיין ביטערען, און ער האָט אויסגערופען:

פריינד פּאַשׁעָנס

— ווייסטו וואָס עס איז געוואָרען פון לערעמי?
— ער איז אַ קאַפּיטאַן ביי די דראַגונער.
— און פינזאָן?
— אונטערפּרעפעקט.
— און ראַקאַלעס?
— טויט.
— מיר האָבען געזוכט נאָך אַנדערע נעמען, וועלכע האָבען אונז דערמאָהנט אָן יונגע פּנים׳ער מיט קעפּקעס אויף די קעפּ און גאָלדענע לאַמפּאַסען אויף די קראַגענס. אין אַ געוויסער צייט ארום האָבען מיר געטראָפען אייניגע קאַמעראַדען: זיי זיינען געווען פּליכעוואַטע, מיט בערד, פערהייראַט, פאָטערס פון עטליכע קינדער. דאָס האָט ארויסגערופען ביי אונז אומעדיגע געדאַנקען איבער דער קורצקייט פון׳ם לעבען, איבער דער פערגאַנגענער יוגענד און דעם לויף פון דער צייט.

מיין פריינד האָט געפרעגט:

— און פּאַשׁענס, דער דיקער פּאַשׁענס?

איך האָב זיך הויך צולאַכט און אויסגערופען:

— אָט דער! טאָ הער אויס. איך וועל דיר וועגען איהם דערצעהלען. פאַר פינף יאָהרען בין איך אלס אינספּעקטאָר געפאָהרען קיין ליסאָגעס. איך האָב געדאַרפט איבערוואַרטען די מיטאַג־שטונדע און בין געזעסען אין׳ם גרויסען קאַפע אויף דעם טעאַטער פּלאַץ. איך האָב זיך שרעקליך געלאַנגווייליגט. די געשעפטסלייט זיינען געקומען און געגאַנגען זאַלבענאַנד, זאַלבע דריט, זאַלבע פערט, האָבען געטרונקען אַבסינטי אָדער אַן אַנדער געטראַנק, האָבען גערעדט אין דער הויך פון זייערע געשעפטען, פון פרעמדע, האָבען געלאַכט און זיך געוויצעלט.

טער. פליענגען אַהן אַ צאָהל האָבען ארום שפּאַציערט איבער'ן טוי־
טען קערפּער און געזשווזשעט און געהוזשעט.

ווען ער איז דאָס מאָל אהיים געקומען, האָט ער דערצעהלט,
וואָס עס איז געשעהן. דער פערד איז געוועזן אזוי אַלט, אַז קיינער
האָט זיך ניט געוואונדערט, נור דער בעל הבית האָט געזאָגט צו
צוויי ארבייטער:

נעהמט אַ פּאָר לאָפּעטעס און גראָבט איהם אויס אַ גרוב דאָרט
וואו ער געפינט זיך איצט!

די ארבייטער האָבען בעגראבען דעם פערד אויפ'ן זעלבען פּלאַץ
וואו ער איז געשטארבען פאר הונגער.

און דאָס גראָז איז אויסגעוואַקסען געדיכט, גרין, זאַפטיג,
פעט געמאכט דורך דעם אָרימען קערפּער.



שטאַרקער און שטאַרקער צוליעב דעם אַנבליק פון די גרינע פעל־דער, וועלכע האָבען זיך געצויגען ארום און ארום.

דעם טאָג איז דער אינגעל אין גאנצען ניט געקומען. ער איז ארומגעלאָפען איבער'ן וואלד און געזוכט נעסטען.

ער איז געקומען ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג. דער פערד האָט זיך אין גאנצען ארויסגעשלאָגען פון די כחות און האָט זיך אוועק־געלייגט. ווען ער האָט דערזעהן דעם אינגעל, האָט ער זיך אויפ־געהויבען און געוואַרט, יענער זאל איהם אויף א נייעם שטיק פעלד אַנבינדען. אָבער דער קליינער פויער'שער אינגעל האָט זיך ניט געריהרט פון ארט, ער האָט אַנגעקוקט די קליאטשע, א וואָרף גע־טהאָן איהר אין קאָפּ א פולע האנר פייכטע ערד און איז אוועק פייפענדיג.

די קליאטשע איז געבליעבען שטעהן אזוי לאנג ווי זי האָט נאָך געקענט זעהן דעם אינגעל. אזוי ווי זי האָט מסתמא געפיהלט, אז איהר מאַטערן זיך צו כאַפּען א גרעזעלע איז אומזיסט, האָט זי־זיך ווידער אויסגעצויגען אויף דער ערד און צוגעמאַכט די אויגען.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז צידאַר ווידער ניט געקומען, און ווען ער איז אויפ'ן דריטען טאָג צוגעקומען נאָהענט צו קאָקאַ'ן, וועל־כער איז געלעגען אויסגעצויגען אין דער לענג אויף דר'ערד, האָט ער ענטדעקט, אז דער פערד איז טויט.

ער איז געבליבען שטעהן, האָט בעטראַכט דעם פערד, א צו־פריעדענער מיט זיין אויפטהו און אביסעלע פערוואונדערט, וואס דער סוף איז געקומען אזוי שנעל. ער האָט איהם אַנגעריהרט מיט'ן שוך, האָט אויפגעהויבען איינע פון זיינע פיס, עס געלאָזט צוריקפאלען, דאן האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן פערד און איז א צייט לאנג געזעסען, קוקענדיג פאר זיך אויף דאָס גראָז און טראַכטענדיג.

ער איז צוריקגעגאנגען אין הויף אריין, אָבער ער האָט גאָר נישט געזאָגט; ער האָט געוואלט זיין פריי און זיך אביסעל דורכ־לויפען אין די שטונדען, ווען ער האָט געדאַרפט פיטערן דעם פערד.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז ער אוועק אויף איהם א קוק טהאָן. די וואָראָנעס זיינען זיך צופלויגען, ווען ער איז צוגעקומען נעהנ־

אַלטער פערד האָט גענומען פאסטען, איז געוואָרען מאָגער און שוואַך.

צו שוואַך אום זיך אָבצורייסען, האָט ער אויסגעצויגען זיין קאָפּ צו די הויכע גרינע גראָז, וואס איז געוועז אזוי נאָהענט, וועמעס שמעקעדיגער גערוך האָט זיך געטראגען איהם אנטקעגען און צו וועלכער ער האָט בשום אופן ניט געקענט צוקומען.

פּלוצים אין איין שעהנעם פריהמאָרגען איז צידאר געפּאַלען אויף א פּלאַן. ער וועט קאַקאַ'ן מעהר אין גאנצען ניט איבער־בינדען. עס האָט איהם שוין דערעסען צו לויפען אזא מהלך צוליעב דער אַלטער, אונניצינער קליאטשע. ער וועט אין גאנצען אויפהערען אויף איהר אכטונג צו געבען.

אָבער ער איז דאָך געקומען, אום מיט זיינע אייגענע אויגען צו זעהן די נקמה. די אויסגעהונגערטע קליאטשע האָט איהם אָנ־געקוקט אונרוהיג. צידאר האָט איהר דאָס מאָל ניט געשלאָגען. פערלעגט די הענד אין די קעשענעס, איז ער ארומגעגאנגען ארום און ארום. ער האָט זאָגאר געמאכט אן אָנשטעל, אז ער וויל זי אי־בערשטעלען אויף א נייעם פּלאץ, האָט אָבער אויפגעהאנגען דעם אייזערנעם רינג וואו ער איז פריהער געוועז און איז אוועק בעגיים־טערט פון זיין ערפינדונג.

זעהענדיג, אז ער געהט אוועק, האָט דאָס פערד גענומען היר־זשען, עפּעס אזוי ווי רופענדיג איהם צוריק; אָבער דער איינגעל האָט זיך געלאָזט לויפען, איבערלאָזענדיג איהם אליין, גאנץ אליין אין מיט'ן פעלד, אָנגעבונדען אויף איין פּלאץ און אָהן א גרעזעלע ארום, צו וועלכע ער זאָל קענען צוקומען.

אין זיין הונגער האָט דער פערד פּרובירט צוקומען צו דעם פעטען גראָז, וועלכעס ער האָט געקענט אָנריהרען בלויז מיט די שפּיצען פון זיינע נאָזלעכער. ער האָט זיך געלעגט אויף די קניע, האָט אויסגעצויגען דעם האלז און אויסגעשטרעקט אהין זיינע גרוי־סע, פּייכטע לעפצען, אָבער אומזיסט! א גאנצען טאָג האָט זיך די אַלטע קליאטשע אומזיסט געמאטערט.

דער הונגער האָט איהם געפּלאגט און איז געווארען אלץ

אהינטער, בעת דאָס פערד, א פערמאטערטער, א פערסאָפּעטער
פונ׳ם לויפען, האָט איהם נאָכגעקוקט מיט זיינע אַלטע אויגען. און
ערשט דאַן, ווען די בלויע בלוזע פונ׳ם פויער׳שען אינגעל איז אין
גאַנצען פערשוואונדען, האָט ער ארונטערגעלאָזען זיין ביינערדי־
גען, ווייסען קאָפּ צום גראָז אראָב.

אזוי ווי די נעכט זיינען איצט געווען וואַרימע, האָט מען קאַ־
קאָ׳ן געלאָזען נעכטיגען אין דרויסען הינטער׳ן וועלדעל, נור צי־
דאָר האָט געדארפט אויף איהם אכטונג געבען.

דער אינגעל האָט געהאט נאָך א פערגעניגען דערפון וואָס ער
האָט אויף דער חיה געוואָרפען שטיינער. ער האָט זיך געזעצט
צעהן טריט ווייט פון איהר, אויף א בערגעל, און שעה׳ן ווייז איז
ער אזוי דאָ אָבגעזעסען, ווארפענדיג פון צייט צו צייט א שפּיצען
שטיין אויף דער קליאטשע, וועלכע איז געשטאַנען א צוגעבונדענע
פאַר דעם שונא, האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויף איהם און ניט גע־
וואגט אָנצוריהרען דאָס גראָז, ביז וואנען ער איז ניט אוועקגע־
גאַנגען.

איין געדאנק האָט זיך איינגעבויערט ביים אינגעל אין קאָפּ:

— צו וואס דארף מען האָרעווען א פערד, וועלכער טויג מעהר
צו קיין זאַך ניט?

איהם האָט זיך געדאכט, אז די דאָזיגע אַלטע קליאטשע גנב׳עט
איהר עסען ביי אנדערע, גנב׳עט דאָס איינענטהום ביי די מענשען,
ביי גאָט, בע׳גנב׳עט אפילו איהם, צידאר׳ן, ווייל ער מוז דאָך אר־
בייטען צוליעב איהר.

און אָט האָט דער אינגעל זיך מישב געווען און גענומען פון
טאָג צו טאָג קלענער מאכען דאָס שטיקעל פעלד, וועלכער איז אָב־
גענעבען געוואָרען פאר׳ן פערד, זיך דאָרט צו פאַשען. געוועהנליך
האָט דער פערד איבער׳ן טאָג אויפגעגעסען דאָס גראָז פונ׳ם שטי־
קעל פעלד, וואו ער איז געווען אָנגעבונדען. אויפ׳ן צווייטען טאָג
האָט צידאר איהם געמוזט אָנבונדען א שטיק ווייטער, וואו דאָס
גראָז איז נאָך ניט געריהרט געוואָרען. ער האָט איהם אַלזאָ אָנגעבונ־
דען ניט גענוג ווייט, אז ער זאָל האָבען גענוג צו עסען און דער

ער האָט זיך שוין לאַנג געוואונדערט, וואס די בעל הבתים האַלטען נאָך קאַקאַ'ן און ער איז געווען אויסער זיך זעהענדיג, ווי אזוי פיעל נוטס און מיה ווערט פערברויכט פאר אזא אַלטע, אונ־נוציגע קליאַטשע. אזוי לאַנג, ווי עס ארבייט מעהר ניט, איז אַן עולה וואס מען קאָרמעט עס.

עס האָט איהם שטארק פערדראָסען, וואס מען ווארפט ארויס אזוי פיעל האָבער, פאר דעם אַלטען, האַלב געלעהמטען פערד. און אָפט האָט ער גענגען דעם בעפעהל פון בעל הבית איינגעקארגט אביסעל פונ'ם פערד'ס שפייז און איהם געגעבען בלויז א האַלב מעסטעל און די היי אין גאנצען פערשפאָרט.

און אין זיין טעמפּער, קינדישער נשמה איז געוואקסען א בייזער כעס צום פערד, א ברוטאַלער, פייגער, פויער'שער האס.

* *

*

און ווען דער זומער איז ווידער געקומען, האָט ער ווידער געמוזט שלעפּען דאָס פערד זיך פאשען ווייט, ווייט אין פעלד אריין; און פון טאָג צו טאָג איז דער איינגעל אַלץ בייזער, אַלץ צורייצטער געוואָרען און האָט מיט לאַנגזאַמע טריט געשלעפּט הינ־טער זיך דאָס פערד דורך די פעלדער.

די מענשען, וועלכע האָבען דאָרט געארבייט, האָבען גע־שריען צו איהם מיט א געלעכטער:

— העי, צידאר, גיב אָב פון מיר א גרוס צו קאַקאַ'ן!

ער האָט ניט געענטפערט, אָבער פערבייגעהענדיג, האָט ער פון ערגעץ אָבגעבראכען א שטעקען און אזוי גיך ווי ער האָט דעם אַלטען פערד אָנגעבונדען האָט ער איהם געלאָזען זיך פּאַ־שען. דאַן איז ער צו איהם צוגעקומען פון הינטען, ווי א פיינ־לינג, און איהם גענומען שלאָגען.

די חיה האָט פּרובירט אנטלויפען, האָט געזוכט אויסצומיידען די קלעפּ און איז געלאָפען ארום און ארום דעם שטריק. אָבער דער איינגעל איז געלאָפען הינטער איהם און האָט איהם געשלאָ־גען מיט כעס, מיט רוגזה, קריצענדיג מיט די צייהן.

דערנאָך איז ער לאַנגזאַם געגאַנגען ניט ארומקוקענדיג זיך

אין שטאַל האָט זעהר אַן אַלטער, ווייסער פערד געקראַנגען אומזיסט עסען. די בעל הבית'טע פונ'ם הויף האָט איהם צוגעזאָגט צו קאָרמענען ביז זיין טויט, ווייל זי האָט איהם אליין אויסגעהאָדעוועט, איז שטענדיג אויף איהם געפאָהרען און א סך עראינגערונגען זיינען געווען מיט איהם פערבונדען.

א אינגעל פון א יאָהר פופצעהן, איזידאָר דוּאוואַל, וועלכען מען האָט גערופען איינפאַך צידאָר, האָט אכטונג געגעבען אויף דעם אַלטען פערד, און האָט איהם געגעבען ווינטער זיין מאָס האָבער און היי, און זומער האָט ער געמוזט געהן מיט איהם פיער מאָל א טאָג אין פעלד, וואו ער האָט געקראָגען מעהר ווי גענוג פרישע גרינס צו קייען.

דער שוואַכער, אַלטער פערד האָט קוים געקענט שלעפען זיינע שווערע פיס. די פעל, וועלכע מען האָט איהם שוין מעהר ניט אונטערגעשאָרען האָט אויסגעזעהן ווי ווייסע האָר, און די זעהר לאַנגע ברעמען האָבען די אויגען צוגעגעבען עפּעס טרויעריגעס.

ווען צידאר האָט איהם געפיהרט זיך פּאשען אין פעלד, האָט ער איהם געמוזט שלעפּען אויף א שטריק, וואָרים ער איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאם און דער אינגעל איז פערסאָפּעט געוואָרען, האָט זיך אויסגעבויגען, נאָכאַנאַנד געזידעלט און איז געווען מלא רציחה, וואס ער דאַרף אכטונג געבען אויף דער דאָזיגער אַלטער קליאַטשע.

די לייטע אין הויף, וועלכע האָבען געוואוסט פונ'ם אינגעל'ס כעס אויף דעם אַלטען קאַקאַ, האָבען פון איהם געלאַכט און כדי איהם צו ערגערן האָבען זיי שטענדיג גערעדט פון צידאר'ס אַלטע פגירה. די חברים זיינע האָבען איהם אויך אויסגעלאַכט. און אין גאַנצען דאָרף האָט מען איהם איצט גערופען קאַקאַ־צידאר.

דער אינגעל איז געווען אויסער זיך און איהם איז אריין א געדאנק זיך אָבצורעכענען מיט'ן פערד. ער איז געווען א מאָגערער, אויסגעצויגענער אינגעל, מיט לאַנגע פיס, זעהר א שמוציגער, מיט געדיכטע, האַרטע, רויטע האָר. ער האָט אויסגעזעהן נאַריש, זיך פאַראיקעט און גערעדט מיט גרויס מיה, עפּעס אזוי ווי געדאנקען און געפיהלען וואָלטען ניט געפונען קיין פּלאַץ אין זיין טעמפּער און פערגרעבטער נשמה.

קאָקאָ

אין דער גאַנצער געגענד האָט מען לוקא'ס הויף גערופען „דער הויף'ל“. פאר וואס מען האָט איהם אזוי גערופען האָט קיינער ניט געוואוסט, עס קען זיין, אז די פויערים האָבען איהם אזוי פערצויגען, ווייל ער איז געוועזן דער רייכסטער און שעהנסטער אין דער גאַנצער געגענד.

דער גרויסער הויף איז געוועזן ארומגערינגעלט מיט פינף רייהען פראַכטפאָלע בוימער, וועלכע האָבען בעשיצט די צאַרטע עפּעל בוימער פון די שטאַרקע ווינטען, וואס זיינען געקומען פון די פעלדער.

פון אינוועניג אין הויף האָבען אַרויסגעקוקט לאַנגע שייערן בעדעקט מיט ציעגעל פאר די תבואות, שעהנע, גרויסע שטאַלען פאר דרייסיג פערד, דאַן אַ הויז פון רויטען ציעגעל געבוים, זוי אַ קליינער שלאָס.

דער הויף איז געהאַלטען געוואָרען אין אָרדנונג, וואַכטהינט זיינען געלעגען אין זייערע שטיבלעך, עופות פון אלע מינים האָבען זיך ארומגעטריבען אין הויכען גראָז.

אַרום מיטאג צייט האָבען זיך אין קיך, ארום דעם לאַנגען טיש, אויסגעזעצט ביי א פופצעהן מענשען, בעלי־בתים, קנעכט און דיענסטען. דאָרט האָט מען זיי דערלאַנגט א שמעקעדיגע זופּ אין א גרויסער, בונטער פּאָרצעלייענער שיסעל.

די בהמות, פערד , שאָף, קיה, זיינען גוט און ריין געהאַלטען געוואָרען און דער פויער לוקאס, א הויכער, בעלייבטער מאַן, איז דריי מאָל אַ טאָג געקומען אלעם בעקוקען, האָט אויף אלעם אליין אכטונג געגעבען און וועגען אלעם אליין געזאָרגט.

אוועקגעטראגען אין צווייטען צימער. אין א פּאר מינוטען איז זי צוריקגעקומען און ערקלערט, אז עס שלאָפט רוהיג אין זיין וויגעל.

דער מאָהלצייט איז אָנגעגאנגען ווייטער. מענער און פרויען זיינען פון צייט צו צייט אויפ'ן הויף ארויס, זיינען דערנאָך צו־ריקגעקומען און זיך ווידער צום טיש געזעצט. פלייש, גרינסען, סיידער און וויין זיינען פערשלונגען געווארען, האָבען די בייכער אָנגעפילט, די אויגען צוברענט און די קעפּ אָנגעצונדען.

ווען עס איז דונקעל געווארען, האָט מען קאפע געטרונקען. דער פריסטער איז שוין פון א צייט לאנג פערשוואונדען געווארען און קיינער האָט זיין אבוועזענהייט נישט בעמערקט.

צום סוף איז די יונגע מוטער אויפגעשטאַנען אום נאָכצוזעהן, אויב דער קליינער שלאָפט נאָך. דערווייל איז שוין פינסטער גע־ווארען. טאַפּענדיג מיט אויסגעשטרעקטע הענד, אום זיך ניט אָנ־צושטויסען אָן די מעבעל איז זי אין צימער אריין. אָבער עפּעס א מערקווירדיגער גערויש האָט זי פּלוצים אָבגעשטעלט און א צושראקענע האָט זי זיך א כאפּ געטהאָן צוריק — עפּעס אימע־צער האָט זיך אין צימער בעוועגט, אין דעם איז זי געוועזן גאנץ זיכער. א בלייכע, ציטערנדיג מיט אַלע גליעדער, האָט זי זיך אין גרויסען צימער צוריקגעקעהרט און די געשיכטע דערצעהלט. דאָ זיינען די מענער, גוט אָנגעסנאָסקעטע, אויפגעשטאַנען מיט א טומעל און געפּילדער, אָננעהמענדיג א סטראשענדיגען אויסזעהן, און דער פאָטער, מיט א לאָמפּ אין האנד, איז אוועק אין פאָר־אויס.

דער פריסטער איז פאר דעם וויעג אויף די קניע געשטאַנען, דעם שטערן צום קישען צוגעפרעסט, וואו דער קאָפּ פון דעם קינד האָט גערוהט, און האָט געשלוכצט אויפ'ן קול.

ער האָט קיין זאַך ניט געהערט, ער האָט קיין זאַך ניט געזעהן. ער האָט נור בעטראַכט דאָס קינד. ער האָט ווידער לוסט געקראָגען עס צו זיך אויף די קניע צו נעהמען, ווייל ער האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם זיסען געפיהל פון פריהער אין זיין הארצען, ווען ער האָט צוריקגעהענדיג אהיים פון קירכע דאָס קינד געטראָגען. דאָס דאָזיגע קליין, מענשליך פנים האָט איהם בעוועגט, ווי א גרויס וואונדער, פון וועלכען ער האָט נאָך קיין מאָל ניט געטראַכט, א היילינער, ערהאבענער וואונדער: די פערקערפערונג אין פלייש פון א נייער נשמה, דאָס גרויסע מיסטעריום פון א יונג לעבען, פון דער אויפגעוואכטער ליעבע, פון דעם בלוט וואס פלאַנצט זיך ווייטער, פון דער מענשהייט, וועלכע געהט ווייטער איהר שטענדיגען גאַנג.

די וואַרטס־פרוי האָט געגעסען מיט א רויט פנים און שייַנענדיגע אויגען. און דאָס קינד האָט איהר געשטערט, ווייל עס האָט איהר ענג געמאַכט ביים טיש. דאַן האָט דער פריסטער זיך צו איהר אָנגערופען:

— גיט עס צו מיר, איך בין נישט הונגעריג.

און ער האָט ווידער גענומען דאָס קינד צו זיך אויפ'ן שויס. דאַן איז אַלצדינג ארום איהם ווי איינגעזונקען געוואָרען, אַלצדינג איז פערשוואונדען, ער האָט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין דאָס דאָזיגע, רונדע פנים'ל און ביסלעכווייז איז די וואַרימקייט פונ'ם קליין קערפער'ל דורכגעדרונגען דורך די ווינדעלאַך און דורך דאָס געוואַנד פון זיין פריסטער ראָק, האָט איהם אָנגעוואַרעמט די קניע און איהם דורכגענומען ווי א לייכטע, זיסע, ריינע לאַסקע, ווי עטוואס גוטעס, מחיה'דיגעס, פון וואס זיינען אויגען זיינען פייכט געוואָרען.

דער ליאַרם פון די געסט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען. דער טומעל האָט דאָס קינד צושראָקען און עס האָט זיך צוואויינט. דאַן האָט א שטימע אויסגערופען:

— הער אָקאָרשט, פריסטער, גיב איהם דאָך צו טרינקען!

א הילכענדער געלעכטער האָט אָנגעפילט דעם צימער. אָבער די מוטער איז אויפגעשטאַנען, האָט גענומען איהר זוהן און איהם

— נא, ברודער פריסטער, ווען דו ווילסט איינס האָבען, דארפסטו עס נור זאָגען.

און איצט האָט מען זיך אַ נעהם געטהאָן מאכען שפּאס, ווי עס טהוען געוועהנליך דאָרף־מענשען. אזוי גיך ווי מען איז געזעסען ביים טיש, האָט זיך די גראָבע, פּויערשע פרעהליכקייט דורכגעריסען, ווי אַ שטורם. דיביידע אַנדערע זיהן האָבען אויך געזאָלט אין גיכען חתונה האָבען. זייערע כלות זיינען דאָ געוועזען, זיי זיינען צו דעם מאָלצייט אהער געקומען. און די געסט האָבען זיך געהאַלטען אין איין וויצלען און געבען אָנצוהערעניש אויף דעם פאמיליען צוואוואקס, וועלכער וועט פון די דאָזיגע ביידע נייע חתונות ארויסקומען.

עס זיינען געפאלען גראָבע, געפעפערטע ווערטלאך, פון וועלכע די מיידלעך זיינען רויט געווארען און זיך פאר געלעכטער געשטיקט, און די מענער האָבען זיך געקאטשעט און געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. זיי האָבען געקלאַפּט מיט די פויסטען אָן טיש און געקוויטשעט דערצו. דער פאָטער און דער זיידע האָבען זיך גאָר ניט אויסגעשעפּט זאָגענדיג צווייידייטיגע וויצען. די מוטער האָט געשמייכעלט. די באבעס האָבען אויך אָן אנטהייל גענומען אין דער אלגעמיינער שמחה און זיינען אין קיין גראָבע רייד אויך נישט הינטערשטעליג געבליעבען.

דער פריסטער, וועלכען אזעלכע פּויערשע שמחות זיינען גוט בעקאנט געווען, האָט ניט געזאָגט קיין ווארט. ער איז געזעסען נעבען דער ווארטס־פרוי און האָט געקיצעלט דעם קליינעם פלימעניק מיט די שפּיץ־פינגער, אום איהם צו מאכען לאַכענדיג. דער אָנבליק פון דעם דאָזיגען קליין, שוואך נפש'ל, וועלכעס איז געוועזען דער זוהן פון זיין ברודער, האָט איהם קאָנטיג שטארק אינטערעסירט, האָט איהם געוואונדערט, ווי ער וואָלט נאָך קיין מאָל קיין קינד נישט געזעהן.

ער האָט עס אָנגעקוקט פערטראכט, מיט אַ פער'חלום'טען ערנסט. אַ מין אונבעקאנטע, וואונדערליכע צערטליכקייט האָט איהם עטוואס אומעטיג געמאכט.

נאכדעם ווי די צערעמאָניע האָט זיך געענדיגט, האָט די פאַמיליע געוואַרט, ביז דער פריסטער האָט זיין קירכען־קלייד אויסגעטהאָן. דאַן איז מען ווידער אוועק. איצט איז מען געגאַנגען שנעלער, מיט דעם געדאַנק וועגען דאָס עסען. א גרויסע באַלאַסטרע קינדער זיינען נאָכגעלאָפען און יעדעס מאָל, ווען מען האָט זיי א האַנד פול צוקער־געבעקס צוגעוואָרפען, איז ארויסגעקומען א מורא'דיגע שטופעניש און שטויסעניש מיט קלעפּ און האָררייסעניש, און אויך דער הונד האָט זיך אין דעם אריינגעמישט, אום עטוואָס פון די גוטע זאַכען צו כאַפּען, נאָך אפשר אייפריגער ווי די קליינע קונדסים, הגם יענע האָבען איהם ביים עק געכאַפּט און פאַר די לאַפּעס געהאַלטען, אום איהם ניט צוצולאָזען.

די וואַרטס־פרוי, איז אביסעל מיעד געוואָרען און האָט געזאָגט צום פריסטער, וועלכער איז נעבען איהר געגאַנגען:

— ווייסט איהר וואָס, הערר פריסטער, אויב אייך מאַכט עס נישט אויס, דאַן וואָלט איהר אפשר אייער פלימעניק א ווייל־ע פון מיר צונעהמען, אז איך זאָל קענען מיינע הענד אביסעל אויסגלייכען. איך פיהל, ווי מיר קרעמפּפּט אינ'ם בויך.

דער פריסטער האָט גענומען דאָס קינד, ועמעס וויים קליידעל האָט זיך אויף זיין שוואַרצען פריסטער־ראָק ווי א גרויסער, לייכטענדער פלעק אָבגעצייכענט. און אזוי ווי ער האָט ניט געוואוסט, ווי ער זאָל די לייכטע משא איינענטליך האַלטען און טראָגען, האָט ער האַלב צומישט דאָס קינד א קוש געטהאָן.

אַלע האָבען זיך צולאַכט און איינע פון די באַבעס האָט געפרעגט פון ווייטען:

— זאָג מיר אָקאָרשט, פריסטער, טהוט דיר עס דען ניט לייד, וואָס דו קאָנסט קיין מאָל אזא ווערימעל ניט האָבען?

דער פריסטער האָט נישט געענטפערט. ער איז געגאַנגען מיט גרויסע טריט ווייטער, זיינע אויגען אויף די בלויע אויגלאַך פונ'ם קינד געריכטעט, אין א פערלאַנג איז איהם געקומען נאָך אמאָל די קיילעכדיגע בעקעלאַך צו קושען. ער האָט מעהר ניט געקאָנט ווידערשטעהן, האָט אויפגעהויבען דאָס קינד צו זיך און איהם א לאַנגען קוש געטהאָן. דער פאָטער האָט אויסגערופען:

ביידע עמערס מילך שטעהן געבליבען, וועלכע זיי האָבען אויף דר׳ערד אוועקגעשטעלט, אום דעם טויף־צוג נאָכצוקוקען.

די ווארטס־פרוי האָט שטאָלץ געטראגען איהר לעבעדיגע משא און איז געגאנגען אויפ׳ן גלייכען, ארום און ארום מיט ביימער בע־פלאנצטען וועג. פייערליך זיינען די אַלטע נאָכגעגאנגען, אביסעל אָהן אָרדנונג; דאן זיינען געגאנגען די יונגע לייט, פרעהלאָך, לע־בעדיג, ווי זיי וואָלטען לוסט געהאט צו טאנצען, און האָבען נאָכ־געקוקט די מיידלאָך, וועלכע זיינען געגאנגען נאָך זיי. פאָטער און מוטער האָבען געטראָטען פייערליכער און ערנסטער נאָך דעם קינד, וועלכעס וועט אמאָל זייער פּלאץ פערנעהמען, און וועלכעס איז בעשטימט געווארען, זייער נאָמען, דעם נאָמען דענטו, וועלכער איז ווייט און ברייט אין דער געגענד בעקאנט געוועזן, ווייטער צו פלאנצען.

און איצט זיינען זיי ארוים אויפ׳ן פרייען פעלד און האָבען אויסגעקליבען דעם קירצערען וועג דורך די פעלדער, אום דעם לאנגען גאנג איבער דער שאָסע צו פערמיידען.

איצט האָט זיך שוין געזעהן די קירכע מיט איהר שפּיציגען טורעם. פון אויבען, אונטער דעם אויסגעקרימטען דאך, האָבען זיך געפונען די קלינג־לעכער און אין זיי האָט זיך עטוואס שנעל בע־וועגט אהין און צוריק פון איין פענסטערל צום אנדערן. דאָס איז געוועזן דער גלאָק, וועלכער האָט נאָך אַלץ געקלונגען און די עופּה׳לע איינגעלאדען צום ערשטען מאָל דאָס גאָטעס־הויז צו בעטרעטען.

הינטער דעם צוג איז נאָכגעלאָפען א הונד. מען האָט איהם צוגעווארפען זיסיגקייטען און ער איז פרעהלאך ארום די לייטע ארומגעשפרונגען.

די קירכע־טיר איז געוועזן אָפען. ביים אַלטאר האָט געווארט דער פּריסטער, א הויכער, מאָגערער, קרעפטיגער, רויט־האָריגער מאָן, אויך א דענטו, אן אָנקעל פונ׳ם קינד, א ברודער פונ׳ם פאָ־טער. ער האָט זיין פּלימעניק אין דער הייליגער טויפע א נאָמען געגעבען פראָספער־צעזאר. ווען דאָס וואסער האָט דעם קינד׳ס שטערן בענעצט, האָט עס אָנגעהויבען צו וויינען.

— די ווייבער זיינען קיין מאָל נישט פארטיג.

דעם אלטענ'סביידע אנדערע זיהן האָבען אָנגעהויבען צו לאַכען און איינער האָט זיך אָבגערופען, ווענדענדיג זיך צום עלטער'ן ברודער, וועלכער האָט פריהער זיין בעמערקונג געמאכט:

— געה זיי בעסער רופען, פּאָליט, אניט וועלען זיי פאר מיטאָג ניט ארונטערקומען.

און דער יונגער מאן איז אריין אין זיין הויז.

א משערערע ענטלאָף נעבען די פויערים זיינען זיך מיט א געפילדער צולאָפען, קלאפּענדיג מיט די פליגלען, דאן האָבען זיי זיך א לאָז געטהאָן מיט זייער לאנגזאמען, וואקלענדיגען גאנג צום טייך צו. אין דער אָפענער טיר האָט זיך בעוויזען א דיקע פרוי, מיט א קינד פון אכט וואכען אין איהרע אָרעמס. די ווייסע בענדער פון איהר הויבען הייבעל זיינען פון הינטען ארונטערגעהאנגען אויף איהר פייערדיג רויטער פאטשיילע. דאָס קינד, אין ווייסע ווינדלאָך איינגעוויקעלט, האָט גערוהט אויף די הענד פון דער ווארטס־פרוי.

איצט איז אויך די מוטער ארויסגעקומען, פון איהר מאן גע־פיהרט. פריש, שטראַהלענדיג, קוים אכטצעהן יאָהר אלט. נאָך זיי זיינען נאָכגעגאנגען ביידע באָבעס, פערוועלקט ווי אלטע עפּעל, מיעד און אָבגענוצט פון לאנגער, שווערער ארבייט. איינע פון זיי איז געווען אן אלמנה. זי האָט גענומען דעם זיידען, וועלכער איז געבליבען שטעהן פאר דער טיר, אונטער'ן אָרעם און זיך אויסגעשטעלט נאָך דעם קינד און דער העבאם אָן דער שפּיצע פון'ם צוג. די איבעריגע קרובים האָבען זיך אויסגעשטעלט הינ־טער זיי. די איינגסטע האָבען געטראגען קעסטלאָך מיט אלערליי נאשערייען.

פון דער אנדערער זייט האָט געהאלטען אין איין קלינגען דער קליינער גלעקעל, וועלכער האָט אזוי הויך, ווי ער האָט געקאָנט, דאָס קליין עופה'לע גערופען. דאָרף־איינגלעך זיינען זיך איבער'ן גאנצען וועג צוזאמענגעלאָפען, אויף די פארקאנעס און אין אלע עקען האָבען זיך געזעהן מענשען, דיענסט־מיידלעך זיינען צווישען זייערע

דער פּריעסטער.

גאר דער טיר פון א פּויערשען הויף האָבען געוואַרט די מענער אין זייערע זונטאגדיגע בגדים. די מאַיאָווע זון האָט העל בעשטראַהלט די בליהענדיגע עפּעל בוימער, וועלכע האָבען, ווי א ווייס־ראָזעווער בלומען־דאך, דעם גאַנצען הויף בעשאָטענט.

אויפ'ן מיסט האָט נעדרעמעלט א מוטער־שוויין מיט א מעכטיגען לייב און גרויסע בריסט, ווערענד א גאַנצע קופּע קליינינקע חזרים'לעך האָבען זיך מיט איהר צוזאַמענגעדרעהטען עק געשפּיעלט. פלוצים האָט הינטער די בוימער, וועלכע זיינען געשטאַנען ארום די הויפען, גענומען קלינגען דער קירכען־גלאָק. זיין הויכער קלאַנג האָט זיך לייכט געטראָגען פון ווייט, ווייט, צום לאַכעדיגען הימעל ארויף. שוואַלבען זיינען געפלויגען, ווי פייל פונ'ם בויגען דורך דעם בלויען רוים, צווישען די הויכע, אונבעוועגליכע בוימער. פון צייט צו צייט האָט זיך דער גערוך פון שטאַל אויסגעמישט מיט דעם זיסען, לינדען דופט פון די עפּעל־בליטהען.

איינער פון די מענער, וואָס זיינען געשטאַנען פאר דער טיר, האָט זיך א קעהר געטהאָן צום הויז און האָט אויסגערופען:

— נו, מעלינא, מאך דאָס אביסעל גיכער, עס קלינגט שוין.

דער הויכער פּויער, וועמען דאָס פעלד ארבייט האָט נאך דעם רוקען ניט אויסגעקרימט, האָט געמוזט זיין א יאהר דרייסיג אלט. אן אלטער מאן, זיין פאָטער, צורונצעלט ווי דער שטאַם פון א דעמב, מיט דיקע עלענבויגענס און קרומע פיס, האָט געזאָגט:

ווידער גענומען מיט איהם קלאַפּען, נאָכאַנאַנד, אָהן אויפהער. אין בעט האָט זיך מעהר קיין זאַך ניט בעוועגט, דער שטוהל איז צו־בראָכען געוואָרען אין שטיקער, איין פיסעל פון שטוהל איז נאָך גע־בליבען ביי איהם אין האַנד און מיט דעם האָט ער זי געשלאָגען אָהן אָן אָטהעם.

דאַן איז ער פּלוצים שטעהן געבליבען און געפרעגט:

— איצט וועסטו מיר שוין זאָגען, ווער דאָס איז? וועסט שוין זאָגען?

מעלינאַ האָט ניט געענטפערט.

דאַן האָט ער זיך אַראָבגעלאָזען אויף דער ערד, אַ פאַרמאַטער־טער צום טויט, אין גאַנצען אָהן קרעפטען, האָט זיך אויסגעצויגען און איז איינגעשלאָפען.

ווען עס איז טאָג געוואָרען, איז אַריינגעקומען אַ שכן, וועלכער האָט בעמערקט די אָפענע טיר. ער האָט געפונען יערעמיאַס שלאָ־פענדיג אויף דר׳ערד צווישען די שטיקלאַך פון אַ שטוהל, און אין בעט אַ פאַרבלוטיגטען, צושלאָגענעם, טויטען קערפער.



ער האָט געוואַרט, קיין שטימע האָט זיך ניט געהערט אין דער פינסטערניש.

איצט האָט ער גענומען טראַכטען און גערעדט הויך אויפ'ן קול:

— איך בין א גולם, קיין צווייפעל, איך בין א פערד! ער האָט מיך אומישנע אַנגע'שיכור'ט דער לומפּ! אז איך זאָל ניט קומען אהיים! איך בין א פערד!

און ער האָט ווייטער גערעדט:

— מעלינא, זאָג מיר, ווער איז דאָס געווען, אָדער עס וועט פּאַסירען אן אונגליק.

ער האָט געוואַרט נאָך א ווײַלע, דאַן האָט ער פּאַרטגעזעצט מיט אײַנגעשפּאַרטער, אײַנגענזיניגער לאָגיק פון א שיכור:

— ער האָט מיך פאַרהאַלטען בײַ דעם דאָזיגען גנב, בײַ פּאַר־מעלל'ן אָבענד נאָך אָבענד, כדי איך זאָל ניט קומען אהיים. אין דעם שטעקט עפּעס, זיכער; אזא עזעל!

ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען אויף די קניע. א טעמ־פּער כעס האָט איהם אָנגעכאַפּט און ער האָט ווידערהאָלט:

— מעלינא, זאָג מיר ווער דאָס איז געווען, אָדער דו וועסט בײַ מיר היינט קריגען, גיעב אכטונג!

איצט האָט ער זיך אינגאַנצען אויפגעשטעלט און האָט זיך געטרייסעלט פאַר רציחה, עפּעס אזוי ווי דער אַלקאָהאָל, וואָס ער האָט אין זיין לייב געהאַט, וואָלט זיך אין זיינע אָדערען אָנגעצונדען.

ער האָט געטהאָן א טריט, זיך אָנגעשטויסען אויף א שטוהל, עס א כאַפּ געטהאָן און געגאַנגען ווייטער, געטראָפען צום בעט, גע־נומען דאָרט טאַפּען און דערפיהלט דעם וואַרימען קערפּער פון זיין פרוי.

דאָ איז ער געוואָרען מלא רציחה און האָט גענומען רעווען:

— א, דו ביזט דאָ, דו שטיק נבלה, און דו ענטפערסט ניט?

און ער האָט אויפגעהויבען דעם שטוהל, וועלכען ער האָט גע־האַלטען אין זיין קרעפטיגען מאַטראָזען־פויסט, און איהם א שמיץ געטהאָן מיט א מורא'דיגען כעס.

עס האָט זיך דערהערט א געשריי פון בעט, א פערצווייפעלטער, הערצרייסענדער געשריי. דאַן האָט ער גענומען דעם שטוהל און

זייערע נעסטען. צום סוף האָט ער דערקענט די טיר און גענומען צו טאפּען מיט די הענד, אום צו געפינען דעם שלאָס און אריינצו־טהאָן דעם שליסעל. ער האָט אָבער ניט געקענט געפינען די לאָך און האָט זיך געשאָלטען אין דער שטיל. דאן האָט ער גענומען טראַסקען מיט די פויסטען אין טיר און גערופען זיין פרוי, זי זאָל איהם אריינלאָזען.

— מעלינא! העי, מעלינא!

אָבער בעת ער האָט זיך אָנגעשפּארט אָן טיר, אז ער זאָל ניט אומפאַלען, האָט די טיר נאָכגעלאָזען און זיך געעפענט, און יערע־מיאס האָט פערלאָרען זיין גלייכגעוויכט, האָט זיך אויסגעצויגען און איז אריינגעפאלען מיט'ן קאָפּ גלייך אין שטוב אריין.

און דאָ האָט ער דערפיהלט, ווי עטוואָס שווערעס איז איבער איהם אריבער און איז פארשוואונדען אין דער נאכט אריין.

איצט האָט ער זיך מורא געהאט צו ריהרען פון אָרט, פאר־גליווערט פון שרעק, פון אימה'דיגער מורא פאר טייוואָלים, פאר געשפּענסטער, פאר דער פינסטערניש, און איז אזוי אָבגעלעגען א היבשע צייט ניט וואגענדיג זיך אויפצוהויבען.

ווען ער האָט אָבער געזעהן, אז מעהר ריהרט זיך גאָרנישט, איז ער ווידער אביסעל געקומען צום שכל. ער האָט אָבגעווארט נאָך א לאנגע צייט, אָבער צום סוף האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און א געשריי געטהאָן.

— מעלינא!

זיין פרוי האָט ניט געענטפערט.

דאן פלוצים האָט א צווייפעל גענומען מאטערען זיין פאר־שיכור'טען מח, אן אונבעשטימטער צווייפעל, אן אונבעשטימטער פערדאכט; ער האָט זיך מעהר ניט געריהרט, איז געבליבען זיצען אויף דר'ערד אין דער פינסטער און זיך געמאַטערט צוזאַמען צו נעה־מען זיינע געדאַנקען, וועלכע זיינען געווען אונזיכער און שוואנקענ־דיג ווי זיינע פיס.

ער האָט ווידער געפרעגט:

— מעלינא, ווער איז דאָס געווען? זאָג עס מיר, ווער איז דאָס געווען? איך וועל דיר גאָרנישט טהאָן!

האָט דער ווינד געריסען די טיר און אַזוי געשטורעמט, אַז די ווענד האָבען זיך געטרייסעלט און ביידע מאַטראַזען האָבען אויפגעהויבען זייערע קעפּ, ווי ווען עמיצער וואָלט אַריינקומען. דאַן האָט מאַטהורין גענומען די פלאַש מיט בראָנפען און אָנגעגאָסען יערעמיא'ס גלאָז.

אָבער פּלוצים האָט דער ציינגער אויפ'ן בופעט געשלאָגען האַלבע נאַכט, זיין הייזעריגע שטימע האָט געקלונגען, ווי מען וואָלט גע־קלאַפּט אויף אַן אַלטען טאָפּ, און די קלעפּ האָבען נאָך אַ צייט לאַנג געציטערט מיט אַ בלעכענעם טאָן.

מאַטהורין איז גלייך אויפגעשטאַנען, ווי אַ מאַטראָז, וועלכער דאַרף געהן אויפ'ן וואַך.

— יערעמיאַס, מיר מוזען געהן!

דער צווייטער איז אויפגעשטאַנען מיט גרויס מיה, איז צוגע־גאַנגען צו דער טיר, זי געעפענט, בעת זיין קאַמעראַד האָט דעם לאָמפּ אויסגעלאָשען. פון דרויסען האָט מאַטהורין פאַרשלאָסען דאָס הויז און דאַן האָט ער געזאָגט:

— נו, אַ גוטע נאַכט, צום ווידערזעהן, מאָרגען!

און ער איז פאַרשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש.

.2

יערעמיאַס האָט געטהאָן דריי טריט, זיך גענומען שאָקלען אויף די פיס, האָט אויסגעשטרעקט די הענד און איז געפאַלען אויף אַ וואַנד, אַזוי אַז ער איז געבליבען שטעהן גלייך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך ווידער גענומען געהן.

פון צייט צו צייט האָט זיך אין דער שמאָלער געסעלע אויפגע־הויבען אַ מורא'דיגער ווינד און איהם גענומען טרייבען אין פאַרויס, אַזוי אַז ער האָט געמוזט אָבלויפען עטליכע טריט; ווען דער שטורם האָט דערנאָך אויף אַ ווײַלע נאָכגעלאָזען, איז ער פּלוצים געבליבען שטעהן, ניט האָבענדיג די קראַפט צו געהן ווייטער. און דאַן האָט ער זיך ווידער גענומען שלעפּען אויף זיינע וואַנקענדע פיס און זיך אַלץ געשאָקעלט אַהין און אַהער.

אינסטינקטיוו איז ער געגאַנגען צו זיין הויז, ווי די פויגעל צו

גלייך, ווי אן אמת'ער שיכור, אויסגעצויגען איין פוס, אין דער צווייטער האנד האט ער נאך געהאלטען די דאמינא־שטיינער.

איצט זיינען זיי געבליבען אליין מיט דעם שענקער, וועלכער איז צו זיי צוגעקומען. ער האט געפרעגט:

— נו, יערעמיאס, איז דיר איצט ווארעם, דארט אינעווייניג? אלעס גוט בעגאסען?

און יערעמיאס האט געשטאמעלט:

— וואס מעהר מען גיסט דארט אריין, אלץ טרוקענער ווערט דארטען!

דער שענקער האט אנגעקוקט מאטהורינ'ען מיט א ביטרען שמייכעל און געזאגט:

— נו, און דו, מאטהורין, ווי געהט עס דיר?

דער מאטראז האט געענטפערט:

— מיר איז שוין ווארעם, נור ניט געזארגט.

אוןביידע האבען אנגעקוקט יערעמיאס'ן, וועלכער האט מיט נצחון א ווארף געטהאן אויפ'ן טיש א זעקסער דאמינא און אויסגערוסען:

— איך האב געוואונען!

ווען די פארטיע האט זיך געענדיגט, האט דער שענקער זיך אבגערופען:

— קינדער, איך געה שלאפען. איך לאז אייך דעם לאמפ און א גאנצען ליטער פאר צוואנציג סו. מאטהורין, דו וועסט שפעטער צומאכען די טיר פון דרויסען און אריינשטעקען דעם שליסעל אונטער'ן לאדען, ווי יענע נאכט.

מאטהורין האט געענטפערט:

— נור ניט געזארגט, איך וועל עס שוין טהאן.

פאומעלל האט געדריקט זיינע ביידע פארשפעטיגטע געסט די הענד און מיט שווערע טריט איז ער ארויף אויף די הילצערנע טרעפ. א פאאר מינוטען האט מען נאך געהערט זיין שווערען גאנג איבער'ן שענק, דאן האט א שווערער קרעכצען פון א בעט אנגעזייגט, אז ער האט זיך געלעגט.

די ביידע מענער האבען ווייטער געשפיעלט, פון צייט צו צייט

און איז אוועק צו פאמעלאַ'ס שענק, וועמעס בעלויכטענע פענסטער האָבען געוואונקען פון דער ווייטען.

האַלב האָט איהם מאטהורין געשלעפּט, האַלב דער ווינד גע־טריבען און ביידע קרעפטען האָט ער ניט געקענט ווידערשטעהן.

דער ניעדעריגער צימער איז געווען פול מיט מאַטראָזען, אָנ־געפילט מיט טאַבאַק רויך און געשרייען. די דאָזיגע אַלע מענשען אין זייערע וואָלענע יאַקען מיט די עלענבויגענס אָן טיש אָנגעשפּאַרט, האָבען געשריען מיט בענומענע קולות, כדי מען זאָל זיי דערהערען און פארשטעהן, און וואָס מעהר געסט עס זיינען צוגעקומען, אַלץ העכער איז געוואָרען דער ליאַרם און דאָס קלאַפּען פון די דאָמינאָס אויף דעם מאַרמאָרנעם טיש, האָט אַלעמען געררייצט נאָך העכער צו שרייען.

יערעמיאַס און מאַטהורין האָבען זיך אַוועקגעזעצט אין א וויג־קעל און גענומען שפּיעלען א פּארטיע, און די קליינע גלעזלאַך שנאַפּס זיינען איינס נאָך'ן אנדער'ן אין דער טיעפעניש פון זייערע העלזער פארשוואונדען. דאַן האָבען זיי געשפּיעלט נאָך א פּאָאַר פּארטיעס און געטרונקען נאָך מעהר שנאַפּס.

מאַטהורין האָט כסדר אָנגעפילט זיין קאַמעראַד'ס גלעזעל און געמאַכט צייכענס צום ווירט מיט די אויגען. יענער, א דיקער, פּייערדיג־רויטער יונג, האָט נאָכאַנאַנד געשמייכעלט, ווי ער וואָלט א לאַנגע שפּאַסיגע געשיכטע דערצעהלט.

יערעמיאַס האָט געזופּט דעם אַלקאָהאָל, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געלאַכט מיט א ווילדען געלעכטער, בעת ער האָט אָנגעקוקט זיין קאַמעראַד מיט זיינע מוטנע, צופריעדענע אויגען.

צום סוף זיינען אַלע געסט אַוועק און יעדעס מאָל, וואָס איינער פון זיי האָט די גאַס־טיר געעפענט, האָט זיך אַן אייזיגער ווינד אריינגעריסען אין שענק אריין, צוטריבען דעם שווערען רויך פון די ליולקעס, גענומען טרייסלען די לאַמפּען אויף די קייטען און לעשען די ליכט. און דאַן האָט מען פּלוצים דערהערט דאָס דונער'ן פון די ברויזענדע כוואַליעס און דעם רעווען פון'ם שטורעם.

יערעמיאַס האָט אויפגעשטעלט דעם קראַגען, זיך אַוועקגעזעצט

וואָרען נאַכט און די אַרומיגע פינסטערניש האָט פאַרשלונגען דעם ברויזענדען ים.

צוויי מענער זיינען נאָך איבערגעבליבען. זיי זיינען געזעסען מיט די הענד אין די קעשענעס, די רוקענס אויסגעבויגען, די וואָ־לענע מיצלאַך ביז איבער די אויערען. דאָס זיינען געווען צוויי גרויסע נאָרמאַנישע פישער מיט רונדע בערד, די הויט פאַרברענט פון די געזאַלצענע כוואַליעס, די אויגען בלוי מיט שווארצע שוואַרץ־אַפּלען, יענע שאַרפע אויגען פון אַ מאַטראָז, וועלכע קוקען אריין אין דעם ווייטסטען האָריזאָנט, ווי די רויב־פויגעל, זוכענדיג רויב.

איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— יערעמיאָס, קום מיט מיר, לאָמיר שפּיעלען אביסעל אין דאָמינאָ.

דער אַנדערער האָט זיך אַ ווײַלע מישב געווען. צום שנאַפּס און צום שפּיעלען האָט איהם אפילו שטאַרק געצויגען, דען ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער וועט זיך ביי פּאָמעלל'ן אָנ'שיכור'ן, אָבער ער האָט אויך געטראַכט וועגען זיין ווייב, וועלכע איז איינע אַליין אין הויז. ער האָט געפרעגט:

— דו ווילסט מיך הפּנים יעדען אָבענד אָנשיכור'ען? וואָס האָסטו דערפון? דו מוזט דאָך אימער בעצאָהלען.

אָבער אין די געדאַנקען האָט ער זיך דאָך געפרעהט מיט דעם שנאַפּס, וועלכען ער וועט טרינקען אויף פרעמדע קאָסטען.

מאַטהורין, זיין פריינד, האָט איהם אַ ציה געטהאָן פאַר'ן אָרעם:

— קום מיט, יערעמיאָס, אין אַזאַ אָבענד, ווי היינטיגען, קען מען ניט געהן אהיים אָהן עטוואָס וואַרימעס אין לייב. וואָס האָסטו מורא? דו מיינסט, דיין אַלטע וועט דיר דערווייל ניט אויסוואַרעמען דאָס בעט?

יערעמיאָס האָט געענטפערט:

— אַנומעלט האָב איך ניט געקענט געפינען די טיר, אַזוי שיכור בין איך געווען!

און ער האָט זיך צולאַכט, טראַכטענדיג וועגען זיין שיכרות,

דער שיכור

דער נאָרד־ווינד האָט געבושעוועט און געטריעבען די ריעזיגע ווינטערדיגע, שווארצע און שווערע וואָלקענס אויפ׳ן הימעל, וועלכע האָבען פארביילויפענדיג אָנגעטרונקען די ערד מיט בייזע שטראָמען רעגענס.

דער צוקאָכטער ים האָט געברומט און געגרעוועט, געשליידערט אויף די ברעגעס ריעזיגע, שוימענדע כוואליעס, וועלכע האָבען מיט אַ קלאַפעריי, ווי פון קאַנאָנען, איבערגעשלאָגען איינע די אַנדערע.

גאַנץ לאַנגזאַם זיינען זיי געקומען, הויך ווי די בערג, און פון זייערע קעפּ האָבען וואָלקענס שוים זיך אויפגעהויבען און געשפריצט אין דער לופט אריין.

דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבען אין דעם קליינעם טהאָל וועפּאָרט. עס האָט געפייפט און געקרעכצט, געריסען די שינדלען פון די דעכער, ארונטערגעשליידערט די לאָדענס, אָבגעריסען קוימענס און אַזוי שטארק געבושעוועט אין די גאַסען, אז מען האָט געקענט געהן נור האַלטענדיג זיך ביי די ווענט, און קינדער האָט עס אויפגעהויבען אין דער לופט, זיי ארומגעדרעהט, ווי פארוועלקטע בלעטער, און איבער די הייזער אויף די פעלדער אוועקגעשליידערט.

די פישער־שיפלאך האָט מען ווייט אויפ׳ן פעלד ארויסגעצויגען, אויס מורא, אז דער ים זאָל ניט פארטרינקען דעם גאַנצען ברעג. אַ פּאָאַר מאטראָזען האָבען זיך איינגענורעט אונטער דעם בויך פון זייערע שיפלאך, וועלכע זיינען געלעגען עטוואָס אויף אַ זייט און צושראָקען געקוקט אויף דעם צובייזערטען ים און הימעל. דאַן האָבען זיי ביסלעכווייז גענומען זיך פאַנאַנדערגעהן, דען עס איז גע־

— איז ער געווען ניכטער היינט אין דער פריה?

— יא.

— גוט. האָט ער געהאַט ביי זיך אַ סך געלד?

— יא. מיין נדן.

— דיין נדן? דיין גאַנצען נדן?

— דעם גאַנצען נדן. ער האָט געוואָלט שפּעטער בעצאָהלען פאַר דער פּראַקטיק, וואָס ער האָט געקויפט.

— אויב אזוי, מיין ליעבע קוזינע, דאַן געפינט זיך דיין מאַן איצט וואהרשיינליך אויפ'ן וועג צו בעלגיען.

זי האָט נאָך אַלץ ניט פערשטאַנען און געשטאַמעלט:

— מיין מאַן? וואָס זאָגסטו?

— איך מיין, אַז ער האָט דיין... דיין פערמעגען גערויבט... און... דאָס אַלעס!

זי איז געבליבען שטעהן אָהן אַן אָטעהם און געשעפּטשעט:

— דאַן איז ער... דאַן איז ער... אַ לומפּ!

דאַן איז זי פון אויפרעגונג שוואַך געוואָרען און שלוכצענדיג געפאַלען איהר קאָזין אויף דער וועסט.

און אַזוי ווי פאַרביינגעהער זיינען געבליבען שטעהן און אויף זיי געקוקט, האָט ער זי גאַנץ זאַפט אריינגעשטופּט אין דער פיהר־הויז פון זיין הויז, זי אַרומגענומען אַרום טאַליע און אַרויפגעפיהרט אויף די טרעפּ און ווען די דערשראָקענע דיענסט־מיידעל האָט געעפענט די טיר, האָט ער געגעבען אַ בעפעהל:

— סאָפיע, געהט גלייך אַריבער אין רעסטאָראַן און ברענגט אַ פריהשטיק פאַר צוויי פּערזאָן. איך געה היינט ניט אין מיניס־טעריום.

— דער מאַן פון דיזער פרוי האָט זי אויפ'ן וועג אוועקגע־וואָרפען.

דער אינספּעקטאָר האָט בעמערקט:

— דאָס איז ניט אייער זאַך. איהר געהט בעסער און טהוט אייער ארבייט.

און ער האָט זיך אומגעקעהרט צו איהר מיט'ן רוקען.

דאַן האָט זי זיך געלאָזט לויפען איבער'ן גאַס. זי איז געווען צופיעל דערשראָקען, צופיעל צוטומעלט אום צו בעגרייפען וואָס מיט איהר איז געשעהען. וואו זאָל זי געהן? וואָס זאָל זי טהאָן? וואָס האָט מיט איהר פּאַסירט? ווי אַזוי איז עס מעגליך, אַז ער זאָל האָבען געמאַכט אַזאַ טעות, זאָל זיך אַזוי אָן אַלעם פערגעסען? פון וואַנען האָט זיך ביי איהם גענומען אַזאַ צושטרייטקייט?

זי האָט גראַדע געהאַט ביי זיך צוויי פראַנק. צו וועמען זאָל זי זיך ווענדען? און פּלוצים האָט זי זיך דערמאָהנט אָן איהר קרוב פּאַראַל, וועלכער האָט געדיענט אין מאַרינע מיניסטעריום. זי האָט געהאַט פּונקט גענוג געלד אום צו בעצאָהלען פאַר א דראָש־קע און זי האָט זיך געלאָזט פאָהרען צו איהם. זי האָט איהם גע־טראָפען, ווען ער האָט זיך געהאַט געקליבען צו געהן אין מיניס־טעריום. פּונקט ווי לעברומענט, האָט ער אויך געטראָגען א גרוי־סען בריעף־טאַש אונטער'ן אָרעם.

זי איז אַרויסגעשפּרונגען פון דראָשקע:

— העגרי! — האָט זי א געשריי געטהאָן.

ער איז געבליבען שטעהן א צושראָקענער.

— יאָהאַננאַ! דו, דאָ! איינע אליין. וואָס טהוסטו דאָ? פון וואַנען קומסטו?

זי האָט גענומען שטאַמלען מיט טרערען אין די אויגען:

— מיין מאַן איז נור וואָס פערלאָרען געגאַנגען.

— פערלאָרען געגאַנגען, וואו?

— אין אמניבוס. אך, גאָט!

און זי האָט איהם וויינענדיג דערצעהלט וואָס עס איז געשעהן.

ער האָט איהר אויסגעהערט, א ווייל'ע נאָכגעטראַכט און גע־פרעגט:

— נו, אָט דעם איטאַליענישען בולוואַר.
— דעם זיינען מיר שוין לאַנג פאַרבייגעפאָהרען.
— אַך, זייט אַזוי גוט, רופט מיין מאַן.
— וועלכען מאַן? וואו איז ער?
— ער איז דאָך אויבען, אויף דעם אויבערדעק.
— אויבען זיצט שוין לאַנג קיינער נים.
זי איז געוואָרען שטאַרק צושראָקען:
— וואָס רעדט איהר? דאָס איז דאָך אונמעגליך! ער איז דאָך מיט מיר צוזאַמען אריין אין אָמניבוס. זעהט אַקאָרשט נאָך, ער מוז זיצען אויבען.
דער קאָנדוקטאָר איז געוואָרען גראָב:
— נו, קליינע, גענוג נערעדט! פאַר איהם קריעגט איהר צעהן אנדערע. איצט, זייט מוחל, שטייגט אויס. אָבער מאַכט עס שנעל, ריהרעווידיג. איהר וועט גלייך קריגען אַן אנדערן.
איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען. זי האָט גענומען בעטען:
— אָבער איהר האָט א טעות, ווירקליך, איך פאַרזיכער אייך. ער האָט געהאַלטען א גרויסען בריעף־טאַש אונטער'ן אָרעם.
דער בעאַמטער האָט זיך צולאַכט.
— אַזוי, א גרויסען בריעף־טאַש? אה! יאָ, יאָ, איך דער־מאָן זיך, ער איז אויסגעשטיגען ביי דער מאַדעליינע. נאַ, אייך האָט ער אויף יעדען פאַל געלאָזט לויפען. כאַ, כאַ, כאַ!
דער וואָגען האָט זיך אָבגעשטעלט. זי איז אַרויס און מיט אַן אינסטינקטיווער בעוועגונג האָט זי אַליין א קוק געטהאָן אויפ'ן דאַך פון אָמניבוס. ער איז געווען אין גאַנצען לעדיג. דאַן האָט זי זיך צוּוויינט הויך אויפ'ן קול, ניט טראַכטענדיג, אַז מענשען הערען זי און זעהען זי און אויסגערופען:
— וואָס הויב איך איצט אָן צו טהאָן!
דער אינספעקטאָר פון דער אָמניבוס ביוראָ איז צוגעקומען:
— וואָס איז מיט אייך?
דער קאָנדוקטאָר האָט געענטפערט:

דער לייכטענטרעגער איז ארויס, אנשטאט איהם איז אריין א קוטשער, פון וועלכען עס האט געטראגען א גערוך פון א שטאהל. דעם פלאץ פון דער מיידעל מיט די לאנגע האאר, האט פארנומען א דיענער, פון וועמעס פיס עס האט זיך געהערט שוויים פון לאנ־גען געהן.

דעם אדוואקאט'ס יונגע פרוי האט גענומען איבלען; עס האט זיך איהר געוואלט וויינען, זי האט אליין ניט געוואוסט פאר וואס.

אנדערע מענשען זיינען אריין אין אמניבוס, אנדערע ווידער ארויס. דער אמניבוס איז געפאהרען אלץ ווייטער דורך ענדלאזע גאסען, האט זיך אבגעשטעלט אויף די סטאנציעס און דאן ווייטער געפאהרען.

— מיין גאט, ווי ווייט עס איז! — האט זיך געזאגט יא־האננא. — ווען ער האט נאר ניט געמאכט קיין טעות אין'ם וועג, איז אפשר גאר אנשלאפען געווארען. ער איז געוועזן שטארק מיעד די לעצטע טעג.

ביסלעכווייז זיינען אלע אויסגעשטיגען. זי איז געבליבען אליין, גאנץ אליין. דער קאנדוקטאר האט אויסגערופען:

— פאו זשיראַרד!

אזוי ווי זי האט זיך ניט גערוהרט פון ארט, האט ער געזאגט נאך אמאל:

— פאו זשיראַרד!

זי האט איהם אנגעקוקט. זי האט פערשטאנען, אז דאס דא־זיגע ווארט מיינט איהר, ווייל קיין אנדערער איז אין אמניבוס ניט געוועזן. און דאן האט דער מאן געזאגט צום דריטען מאל:

— פאו זשיראַרד!

זי האט געפרעגט:

— וואו זיינען מיר?

ער האט געענטפערט מיט כעס:

— צום טייוועל, מיר זיינען אין פאוזשיראַרד! איך האב עס שוין צוואנציג מאל אויסגערופען.

— איז דאס ווייט פון בולוואר? — האט זי געפרעגט.

— וועלכען בולוואר?

סען מאַן פון וועלכען עס האָט זיך געהערט טאַבאַק, און אַן אַלטער פרוי, וועלכע האָט פאַרשפּרעהט אַרום זיך אַ גערוך, ווי אַ הונט.

אַלע איבעריגע פּאַסאַזשירען זיינען געזעסען שטום אין איין רייהע: אַ קאָנדיטערייי אינגעל, אַ קליינע אַרבייטערין, אַ סאָלדאַט, אַ מאַן מיט גאָלדענע ברילען און אין אַ זיידענעם הוט מיט זעהר ברייטע ברעגעס, צוויי פרויען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן אונ־אַנגענעהם מיט זייערע שטאָלצע, פאַררייסענע נעזער, ווי זיי וואָל־טען וועלען זאָגען: מיר זיצען אפילו דאָ, אָבער מיר זיינען מעהר ווערט ווי איהר אַלע! צוויי נאָננעס, אַ קליין מיידעל מיט לאַנגע האָאַר און אַ לייכענטרעגער.

אַלע צוזאַמען האָבען זיי אויסגעזעהן ווי אַ זאַמלונג קאַריקאַ־טורען פון עפּעס אַ מוזעאום.

פון׳ם טומעל און פון׳ם שטענדיגען טרייסלען פון׳ם וואַגאָן, האָבען זיך זייערע קעפּ געוואָרפען אַהער און אַהין און די הויט אויף זייערע באַקען האָט געציטערט. דער ליאַרם פון די רעדער האָט זיי אַזוי ווי פאַרוויגט און זיי זיינען געזעסען פאַרשלאָפענע ווי אידיאָטען.

די יונגע פרוי האָט נאַרנישט פערשטאַנען.

— פאַרוואָס איז ער ניט אַריינגעגאַנגען צוזאַמען מיט מיר?

— האָט זי ביי זיך געפרעגט און אַן אונבעשטימטע טרויעריגקייט איז אויף איהר אָנגעפאַלען. — פון זיין ציגאַר האָט ער זיך דאָס מאָל געמענט אָבזאָגען.

די נאָננעס האָבען געמאַכט אַ צייכען, מען זאָל זיך אָבשטעלען, דאַן זיינען זיי אַרויס איינע נאָך דער אַנדערער און האָבען איבער־געלאָזען אַ שוואַכען גערוך פון אַלטע קליידער.

מען איז געפאָהרען ווייטער. דאַן האָט מען זיך ווידער אָב־געשטעלט. אַ קעכין איז אַריין אין אָמניבוס, זי איז געווען רויט, אָהן אָטהעם, האָט זיך געזעצט און אַרויפגעשטעלט אויף איהרע קניע אַ מאַרק־קערבעל. איצט האָט זי פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ שטאַרקען גערוך פון געשיר וואַסער.

— עס געדויערט אַ סך לענגער, ווי איך האָב גערעכנט! — האָט אַ טראַכט געטהאָן יאָהאַננאַ.

— אויב דו ווילסט, מיין טהייערע, געהען מיר איצט פריה־שטיקען ערגעץ וואו אויפ'ן בולוואר. און דאַן קענען מיר זיך שפּע־טער אומקעהרען אַבנעהמען אונזער קופערט און איהם ברענגען אין האָטעל.

זי איז גלייך מרוצה געוואָרען:

— יא, יא, לאָמיר געהן פריהשטיקען אין אַ רעסטאָראַן. איז עס ווייט פון דאנען?

ער האָט געענטפערט:

— יאָ, עס איז אביסעל ווייט. אָבער מיר נעהמען אַן אָמ־ניבוס.

זי איז געוואָרען ערשטוינט:

— פאַרוואָס עפּעס ניט אַ דראָשקע?

ער האָט איהר לאַכענדיג פאַרגעוואָרפען:

— אַזוי ווילסטו דאָס זיין שפּאַרזאַם? אַ דראָשקע אויף פינף מינוט וועג. דאָס מאַכט אויס זעקס סו פאַר יעדע מינוט. דו ווילסט הפנים זיך לאָזען וואויל געהן!

— דאָס איז אמת! — האָט זי געזאָגט עטוואָס צומישט.

אַ גרויסער אָמניבוס פון דריי פערד געצויגען איז פאַרביי־געפאָהרען. לעברומענט האָט אַ געשריי געטהאָן:

— קאָנדוקטאָר! קאָנדוקטאָר!

דער וואָגען האָט זיך אָבגעשטעלט און דער יונגער אדוואָקאַט האָט אריינגעשטופּט זיין ווייב און געזאָגט איילענדיג זיך:

— זעץ זיך דאָרט אוועק. איך קלעטער ארויף אויבען, איך וויל כאָטש פאַר פריהשטיק אויסרויכערען אַ ציגאַר.

זי האָט אפילו קיין צייט ניט געהאַט צו ענטפערען. דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען איהר ארעם, כדי איהר צו העלפען, און אריינגעשטופּט זי אין וואַגאָן אריין. די יונגע פרוי איז געפאַלען אַ צומישטע אויף אַ פּלאַץ, בעת זי האָט מיט שרעק געקוקט אויף די הינטערשטע פענסטער, וואו זי האָט געזעהן איהר מאַן'ס פיס, ווי ער קלעטערט אויף די טרעפּ, וואָס פיהרען אויפ'ן אויבערשטען דעק פון'ם אָמניבוס.

און דאַן איז זי געבליבען זיצען אונבעוועגליך צווישען אַ די־

— איך וועל עס איהם זאָגען מאָרגען אין דער פריה.

און דאַן האָט ער זי גענומען אין זיינע אָרעמס און זי ווידער גענומען צערטלען און האַלובען, וואָס זיי האָבען ביידע אזוי ליעב געהאט צו טהאָן פאר די לעצטע אכט טעג פון זייער צוזאמענלעבען.

דעם קומענדען דיענסטאג האָבען שווער און שוויעגער געבראכט זייער טאָכטער און דעם איידעם צום וואָקזאַל, פון וואנען זיי האָבען געזאָלט פאָהרען אין דער הויפט שטאָדט אריין.

דער שווער האָט געזאָגט :

— הער אויס, מיין זוהן. עס איז זעהר אונפּאָרזיכטיג צו שלעפּען מיט זיך אין קעשענע אזוי פיעל געלד.

דער יונגער אדוואָקאט האָט א שמייכעל געטהאָן :

— אך, פּאפּא, דארפסט ניט מורא האָבען. איך בין געוועהנט צו אזעלכע זאכען. ווייסטו, מיין פּראָפעסיאָן ברענגט מיט, אז איך זאָל אמאָל האָבען מיט זיך א מיליאָן. אויף אזא אופן מיידען מיר אויס א סך פאָרמאַליטעטען און שוועריגקייטען, וועלכע נעהמען ביי אונז אוועק צייט. דו דארפסט גאָרנישט מורא האָבען.

דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופען :

— איינשטייגען קיין פּאריז !

זיי האָבען זיך א לאָז געטהאָן אין א וואגאָן, וואו עס זיינען געזעסען צוויי אַלטע דאמען.

לעברומענט האָט א שושקע געטהאָן זיין ווייב אין אויער אריין.

— דאָס איז אָבער אונאנגענעהם, איצט וועל איך ניט קענען רויכערען.

זי האָט געענטפערט שטיל :

— מיר איז עס אויך אונאנגענעהם, אָבער ניט צוליעב דיין ציגאר.

דער צוג האָט א פייף געטהאָן און איז אוועק. דאָס פאָהרען האָט געדויערט בלויז איין שטונדע. אויפ'ן וועג האָבען זיי ניט פיעל גערעדט, ווייל ביידע אַלטע פרויען זיינען ניט געשלאָפען.

אזוי שנעל ווי זיי זיינען צוגעפאָהרען צום וואָקזאַל סיינט לאַזאר, האָט דער אדוואָקאט זיך אָבגערופען צו זיין פרוי ;

הינטער איהר איז געשטאנען איהר מאן פול מיט עראינערונגען. ער האָט געוויינט.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און אויסגעשטרעקט צו איהם איהרע הענד מיט די ווערטער:

— ווען דו ווילסט, וועלען מיר ווידער זיין פריינד!...



און זייערביידענס טרויעריגער לעבען האָט זיך ווייטער אַזוי געצויגען.

א גאַנץ יאָהר זיינען זיי געווען אַזוי פרעמד איינער צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטען זיך גאָרנישט געקאַנט. בערטהא איז געווען נאָהענט צו משוגעת.

דאַן, איין מאָל אין א פריהמאָרגען, איז זי גאַנץ פריה אוועקגעגאַנגען און איז ערשט אום אכט אוהר אהיים געקומען מיט א גרויסען בוקעט ווייסע ראָזען אין האַנד.

און זי האָט איהר מאַן געשיקט זאָגען, אַז זי וויל מיט איהם עפּעס ריידען.

ער איז געקומען א דערשלאָגענער און א בעאונרוהיגטער.

זי האָט געזאָגט:

— לאָמיר מאַכען א שפּאַציר. נעהם די דאָזיגע בלומען, זיי זיינען צו שווער פאַר מיר.

ער האָט גענומען דעם בוקעט און איז אַוועק מיט זיין פרוי. א קאַרעטע האָט אונטען אויף זיי געוואַרט, און די פערד האָבען זיך א לאָז געטהאָן אַזוי גיך, ווי דאָס פּאָאַר פאָלק איז אריין איגעווייניג.

פאַר דעם טויער פון קירכהויף איז די קאַרעטע שטעהן געבליבען. דאַן האָט בערטהא, וועמעס אויגען האָבען זיך מיט טרערען אָנגעפילט, געזאָגט צו געאָרג'ן:

— פיהר מיך צו איהר קבר.

ער איז א פערציטערטער געוואָרען. ער האָט ניט פערשטאַנען וואָס זי האָט געוואָלט און איז אוועק אין פאָראויס מיט די בלומען אין האַנד. צום סוף האָט ער זיך אָבגעשטעלט נעבען א ווייסער מאַרמאָרנער מצבה און, ניט ריידענדיג קיין וואָרט, אויף איהר אָנגעוויזען.

דאָ האָט זי ביי איהם צוגענומען דעם גרויסען בוקעט בלומען, האָט זיך אראָבגעלאָזען אויף די קניע און איהם אוועקגעלעגט צופוסען פון דעם קבר. דאַן האָט זי גענומען בעטען שטום און ערנסט מיט'ן גאַנצען הארצען.

אויף זייער פאלשקייט, זייערע בליקען, די ארט און ווייזע, ווי ער האט געשפּיעלט די ראָלע פון אַן אונשולדיגען און ווי ביידע האָבען זיך מיט איהר פערטרויען געשפּיעלט. און זי האט זיי ביידען דערזעהן פאר זיך, ווי זיי לעזען צוזאמען ביי דעם שיין פון א לאָמפּ פון איין בוך און ווי זיי קוקען זיך אָן איינער דעם אַנדערן ביים אומקעהרען די זייטלאַך.

דער כעס, דער וועהטאָג איז געוואקסען אין איהר און א פערצווייפלונג אָהן א גרענעץ איז אויף איהר אָנגעפאלען.

עס האָבען זיך דערהערט טריט, זי איז אַנטלאָפען און זיך פערשלאָסען.

דאָן האט איהר מאן גענומען רופען:

— קום שנעל, פרוי ראָסעט שטארבט!

בערטהא איז צוגעקומען צום שוועל און געזאָגט מיט ציטערענדע ליפּען:

— דו קענסט אליין צו איהר געהן; זי דארף מיך ניט האָבען.

ער האט זי אָנגעקוקט, ווי א פעררוקטער, מיט א פערשטערטען פנים און געענטפערט:

— שנעל, שנעל, זי שטארבט!

בערטהא האט זיך אָבגערופען:

— דיר וואָלט געווען ליעבער, אז איך זאָל שטארבען.

דאָ האט ער מסתמא פערשטאנען, וואס עס איז געשעהן, איז אוועקגעלאָפען, און איז ווידער ארויף צו דער שטערבענדער.

ער האט זי בעוויינט אָפען, ניט פערשטעלטערהייד, אָהן שאנדע, און דער קומער פון זיין פרוי האט איהם ניט געריהרט, צו איהרע ליידען איז ער געבליבען קאלט. זי האט מעהר מיט איהם ניט גערעדט, איהם מעהר ניט אָנגעזעהן, האט געלעבט גאנץ אליין פאר זיך און זיך אין גאנצען פערשלאָסען אין איהר עקעל, אין איהר ענטריסטונג און נאָר טאָג און נאכט געבעטען צו גאָט.

און דאָך האָבען זיי געוואָהנט צוזאמען, זיינען געזעסען ביים טיש איינער אנטקעגען אנדערן, שטום און פערצווייפעלט.

ביסלעכווייז האט ער זיך בערוהיגט. אָבער זי האט איהם ניט פערגעבען.

און ער איז אוועקגעלאָפן אין זיין צימער, צו נעהמען זיין הוט.

בערטהא האָט אויף איהם געוואַרט אַן אונרוהיגע און אַ נערוועזע. אָבער אַזוי ווי זי האָט איהם אימער געפאָלגט, האָט זי ניט געקענט אַרויסגעהן צו איהר פריינדין, איידער ער האָט זיך צוריקגעקעהרט.

ווען עס איז אָבער אוועק אַ שטיקעל צייט און ער איז ניט צוריקגעקומען, איז איהר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַ קוק צו טהאָן אין זיין צימער, אויב ער האָט מיטגענומען זיינע האַנדשוה, וואָס עס וואָלט געווען אַ סימן, אַז ער האָט געמוזט מאַכען אַ בעזוך.

אָבער מיט'ן ערשטען בליק האָט זי זיי גלייך דערזעהן און דערביי איז געלעגען אַ צוקנייטשטע שטיקעל פּאַפּיער, וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפען.

זי האָט עס גלייך דערקענט: דאָס איז געווען דער בריעף, וועלכען מען האָט נאָר וואָס געאָרג'ן געבראַכט.

און דאָ האָט זיך פאַר איהר אַוועקגעשטעלט דער ערשטער שטאַרקער נסיון פון איהר לעבען: דער ברענענדיגער בענעהר דעם בריעף צו לעזען, זיין אינהאַלט צו דערגעהן. איהר געוויסען האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען, אָבער שמערצליכע נייגירדע האָט זי גע־פייניגט און געצוואונגען די האַנד נאָכ'ן בריעף אויסצושטרעקען. זי האָט גענומען דאָס פּאַפּיער, עס געעפענט, גלייך דערקענט זשור־ליע'ס האַנדשריפט און איבערגעלעזען די מיט בלייפעדער אָנגע־שריבענע ציטערענדע ווערטער:

„קום אליין צו מיר אַרויף, אָרימער שאַץ, מיך נאָך אַמאָל אַ קוש צו טהאָן; איך מוז שטאַרבען.“

צוערשט האָט זי ניט פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך און איז געבליבען שטעהן, ווי פּאַראַליזירט. פריהער פאַר אַלעם איז איהר בולט געוואָרען דער געדאַנק וועגען טויט; דאַן איז איהר מיט אַמאָל אויפגעפאַלען דאָס, וואָס זי דוצט איהם; און דאַן, פּלוצים, האָט איהר אַ בליץ געטהאָן אין מוח און אַלעס איז איהר קלאָר געוואָרען, זי האָט אַלעס אין דעם ריכטיגען ליכט דערזעהן: דעם העסליכען אמת, אַל דעם פערראַט, די גאַנצע נידערטרעכ־טיגקייט. מיט איין מאָל האָבען זיך איהר געעפענט די אויגען

און צוויי יאָהר נאָכאנאנד זיינען זיי געווען פריינדינען און קיין וואָלקען האָט זייער פריינדשאפט ניט פערדונקעלט. עס איז געווען א פריינדשאַפט מיט'ן גאנצען הארצען, מיט דער גאנצער נשמה, צארט און איבערגעבען, אנגענעהם און זיס. בערטהא האָט ניט געקענט זאָגען קיין איין זאץ, אז זי זאָל דערביי ניט דערמאָנען זשוליען, וועלכע איז פאר איהר געווען א מוסטער פון אלדאָס גוטעס א זיסע, שטילע פרייד האָט זיך אין איהר הארצען בעזעצט.

אָבער איין טאָג איז פרוי ראססעט פּלוצלונג קראַנק געוואָרען. בערטהא איז פון איהר ניט אָבגעטראָטען. גאנצע נעכט איז זי ביי איהר אָבגעזעסען און איז געווען אויסער זיך. איהר מאן איז אויך געווען שטארק פערצווייפעלט. און איין מאָל, אין אן איין־דער־פריה, האָט דער דאָקטאָר אָבגערופען געאָרג'ן און זיין פרוי פֿאַן א זייט און זיי ערקלעהרט, אז דער צושטאנד פון זייער פריינדין איז זעהר ערנסט.

אזוי שנעל ווי ער איז אוועק האָבען זיך ביידע יונגע מענשען אין גאנצען דערשלאָגענע אוועקגעזעצט איינער אנטקעגען אנדערן און זיך פּלוצלונג צואווײנט. יענע נאכט האָבען זיי ביידע ביי דער קראנקערס בעט געוואכט און בערטהא האָט אלע ווײלע צערט־ליך געקושט די קראנקע, ווערהענד געאָרג איז שווייגענדיג גע־שטאנען צופוסען פון בעט און קיין אויג פון איהר ניט אראָבגע־נומען.

אויף'ן צווייטען טאָג איז איהר געוואָרען נאָך ערגער.

צום סוף, אין אבענד, האָט זי ערקלעהרט, אז זי פיהלט זיך בעסער און געצוואונגען איהרע פריינד, אראָבצוגעהן אונטען עסען.

ווען זיי זיינען געזעסען אין עס־צימער פערטרויערטע, ניט קענענדיג אראָבשלינגען א ביסען, האָט דאָס מיידעל דערלאַנגט געאָרג'ן א בריעף. ער האָט איהם געעפענט, איז בלייך געוואָרען, האָט זיך אויפגעהויבען און שטארק צוטראָגען האָט ער געזאָגט צו זיין פרוי:

— ווארט דאָ אויף מיר, איך מוז אויף א מאָמענט אוועקגעהן, אין צעהן מינוט בין איך דאָ צוריק. אָבער דו מוזט אונבעדינגט בלייבען דאָ אין צימער.

וואוסט, אז א געפאהר, פון וועלכער מען ווייס, איז שוין קיין גע־פאהר ניט.

זיי זיינען אריין אין א קליינע, קינסטלעריש־געמעבלירטע, רייצענדע וואהנונג, וועלכע איז געווען פול מיט אנטיקען. זי האט זיך געפונען אויפ׳ן פיערטען שטאק פון א שעהנער הויז. נאכדעם ווי זיי האבען פינף מינוט געווארט אין א זאאל, וועלכען טאפעטען, פארטיערען און שעהן דראפירטע פארהאנגען האבען עטוואס דונ־קעל געמאכט, האט זיך א טיהר געעפענט און א יונגע פרוי האט זיך בעוויזען. זי איז געווען קליין, ברוין, עטוואס דיק און האט געשמייכעלט ערשטוינט.

געארג האט זיי פארגעשטעלט:

— מיין פרוי, — פרוי זשוליא ראססעט.

די יונגע אלמנה האט ארויסגעלאזט א לייכטען געשריי פאר ערשטוינונג און פאר פרייד, און האט אויסגעשטרעקט דער אנ־דערערביידע הענד. אויף אזא פרייד, האט זי געזאגט, האט זי גארנישט געוואגט צו האפען, ווייל זי האט געוואוסט, אז פרוי באראן געהט צו קיינעם ניט. אבער זי איז אזוי גליקליך, אזוי גליקליך, זי האט געארג׳ן אזוי ליעב (זי האט געזאגט גאנץ איינ־פאך „געארג" מיט עפעס א מין שוועסטערליכער פערטרויליכקייט) אז זי האט שוין פון לאנג אן דעם גליהענדען וואונש געהאט מיט דער יונגער פרוי בעקאנט צו ווערען און אויך זי אין איהר הארץ צו שליסען.

אין א מאנאט ארום זיינען זיי ביידע געווען נאהנטע פריינ־דינען. זיי האבען זיך בעזוכט טאג־טעגליך און מאנכעס מאל צוויי מאל א טאג, האבען יעדען אבענד געגעסען צוזאמען דא ביי דער און דא ביי יענער אין דערהיים. איצט איז געארג שוין זעלטען־ווען אוועקגעגאנגען פון דערהיים און האט שוין ניט געזאגט קיין תירוצים וועגען געשעפטען. קיין זאך איז איהם ניט אזוי ליעב ווי זיין היים, האט ער געזאגט.

צום סוף איז אין דעם הויז, וואו פרוי ראססעט האט געוואהנט, לייד־יג געווארען א וואהנונג, און פרוי באראן האט זיך צוגעאיילט, זי צו דינגען, אום צו דער פריינדין נאך נעהנטער צו זיין.

בעהויפטעט, אז ער האנדעלט אזוי נאר צוליעב איהר גליק און ווייל ער האסט דאס בייזע און ליעבט די ווארהייט.

מען האט איהר געלאזט וויסען, אז איהר מאן האט זייט צוויי יאהר בעציהונגען מיט א יונגער אלמנה, א געוויסער פרוי ראססעט, ביי וועלכער ער פערברענגט אלע זיינע אבענדען.

זי האט ניט געוואוסט פון פאלשקייט, האט זיך ניט געקענט פארשטעלען, ניט פערשטאנען ווי אזוי איהם אויסצוכיטרעווען, איהם נאכצושפיאנירען. און ווען ער איז צום פריהשטיק אהיים געקומען האט זי איהם שלוכצענדיג דעם בריעף א ווארף געטהאן און איז אין איהר צימער אנטלאפען.

איצט האט ער געהאט צייט צו קומען צו זיך און אויס־טראכטען עפעס א תירוץ. און ער איז אוועק צו זיין פרוי'ס צימער און אנגעקלאפט אין טיר. זי האט גלייך געעפענט, אבער האט ניט געוואגט אויף איהם א קוק צו טהאן. ער האט געשמייכעלט, זיך געזעצט, גענומען די פרוי צו זיך אויף'ן שויס און געזאגט מיט א זיסער, עטוואס שפאטישער שטימע:

יא, טהייערינקע מיינע, פרוי ראססעט איז ווירקליך מיין פריינדין, איך קען זי שוין א יאהר צעהן און איך האב זי גאנץ ליעב. איך קען דיר נאך דערצעהלען, אז איך בין בעקאנט מיט אם וויינינסטענס צוואנציג אנדערע פאמיליען פון וועלכע איך האב מיט דיר קיין מאל ניט גערעדט, ווייל איך וויים, אז דו אינטע־רעסירסט זיך ניט פאר געזעלשאפטען, איינלאדונגען און נייע בע־קאנטשאפטען. אבער אום איין מאל פאר אלע מאל א סוף צו מאכען צו אזעלכע מיאוסע נידערטרעכטיגקייטען, בעט איך דיך, טהו זיך גלייך אן נאך'ן פריהשטיק און מיר וועלען מאכען א בעזוך דער יונגער פרוי. איך בין זיכער, אז איהר וועט ווערען פריינדינען.

א גליקליכע האט זי איהר מאן אין איהרע ארעמס געשלאסען און אויס יענער עכט־ווייבערשער נייגירדע, וועלכע געהט ניט אוועק ווען מען האט זי שוין איין מאל אויפגעוועקט, האט זי זיך ניט אבגעזאגט צו בעזוכען די אונבעקאנטע, וועלכע איז איהר טראצ־דעם עטוואס פערדעכטיג פארגעקומען. זי האט געפיהלט אונבע־

איז זי נישט בעקאנט געוואָרען, פון איהרע פערגעניגענס ניט גע־וואוסט, פונקט אזוי ווי זי האָט פריהער ניט געוואוסט ניט פון די נידערטרעכטיגקייטען און ניט פון די וואונדער פון דער וועלט.

אזוי ווי זי איז כמעט שטענדיג אין דער היים געזעסען, האָט זי איינגענטליך ניט געוואוסט קיין זאך אויסער איהר גאס, און ווען זי האָט זיך ווען נים ווען ארויסגעכאפּט אין אַן אנדער קוואר־טאל, האָט זיך איהר אויסגעדאכט, אַז זי מאכט אַ ווייטע רייזע אין אַן אונבעקאנטער פרעמדער שטאָדט. דאן האָט זי אין אבענד געזאָגט צו איהר מאן:

— איך בין היינט איבער די בולווארען געגאנגען.

איהר מאן האָט זי צוויי־דריי מאָל אַ יאָהר מיטגענומען אין טהעאטער, און דאָס זיינען ביי איהר געווען יום־טובים, וועלכע זי האָט אַ לאנגע צייט ניט געקענט פערגעסען, און פון וואָס זי האָט שטענדיג גערעדט. עס פלעגט טרעפען, אַז אין אַ פיערטעל יאָהר ארום זאָל זי זיך פלוצלונג צולאכען ביים טיש און אויסרופען:

— געדענקסטו נאָך דעם אקטיאָר, וועלכער איז געווען אָנגע־טהאָן אלס גענעראל און וועלכער האָט געקרעהט ווי אַ האָהן?

אלס בעקאנטע האָט זי געהאט בלויז צוויי פאמיליעס, וועלכע האָבען פאר איהר די גאנצע מענשהייט פאָרגעשטעלט. און האָט זי ווענען זיי גערעדט, האָט זי זיי שטענדיג גערופען „די מארטי־נעטס“ און „די מיכעלינס“.

איהר מאן האָט געלעבט ווי ער האָט געוואָלט, איז אהיים גע־קומען ווען איהם האָט זיך געפּאסט, מאנכעס מאָל ערשט פארטאָג. דאן האָט ער געזאָגט, אַז איהם האָבען געשעפטען פערהאלטען און האָט זיך ווייטער ווענען איהר ניט געקימערט, ווייל ער איז זיכער געווען, אַז אין איהר ריינעם הארצען וועט קיין מאָל קיין פערדאכט ניט ערוואכען.

אָבער איין מאָל אין אַ פריהמאָרגען האָט זי געקרינען אַ בריעף אָהן אַן אונטערשריפט.

זי איז געוואָרען דערשראָקען צום טויט. זי איז געווען צו עהרליך צו פערשטעהן די גאנצע געמיינהייט פון אזעלכע פּאסקווי־לען, צו קענען פעראכטען דעם בריעף, וועמעס פערפאסער האָט

ניט, אַז מען דענקט גאָר ניט אַזוי ווי מען רעדט, און אַז מען רעדט ניט אַזוי ווי מען האַנדעלט. זיי ווייסען ניט, אַז מען מוז אויס־קומען מיט דער גאַנצער וועלט, אָדער אַם וויינינגסטענס מאַכען אַן אָנשטעל, אַז מען לעבט מיט אַלעמען אין פריעדען. זיי ווייסען ניט, אַז מען ווערט איבעראַל בעטראָגען, ווען מען לעבט רוהיג און טהוט קיינעם קיין בייזעס ניט, אַז דער אויפריכטיגער איז אימער דער נאַר און אַז דער גוטער איז שטענדיג אויף צרות.

אַ טהייל פון זיי האַלט איין די דאָזיגע בלינדע אונוויסענהייט און עהרליכקייט זייער גאַנץ לעבען. זיי בלייבען דאַן אַזוי אונ־שולדיג, דאָס קיין זאַך אין דער וועלט קען זיי שוין־די אויגען נישט עפענען.

די אַנדערע ווערען ביסלעכווייז ענטוישט, הגם זיי בעמערקען עס נאָך אַליין ניט. עס קומט אַ טאָג און זיי פאַלען, דאַן זיינען זיי פערצווייפעלט און ביז צום טויט מיינען זיי, אַז אַן אויסערגע־וועהנליך בייזער שיקזאַל האָט זיי פערפאָלגט און אַז זיי זיינען געווען אָפּפער פון טרויעריגע פאַסירונגען און איבערהויפּט פון שלעכטע מענשען.

די סאַוויניאַלס האָבען זייער טאָכטער, בערטהאַ, חתונה גע־מאַכט צו אַכטצעהן יאָהר. זי האָט געהייראַט מיט געאָרג באַראָן, אַ יונגען פּאַריזער, וועלכער האָט געמאַכט געשעפטען אויף דער בירזשע. ער איז געווען אַ שעהנער יונג, מיט שעהנע מאַניערען און האָט געמאַכט אַ גוטען איינדרוק, גראַד ווי די פאַמיליע האָט זיך געוואונשען. אָבער אין דער טיעפעניש פון זיין הארצען האָט ער זיך דאָך אויסגעלאַכט פון זיינע צוריקגעבליבענע, אַלט־פרענקישע שווינער־עלטערן, און אין דעם קרייז פון נאָהענטע פריינד האָט ער זיך איבער זיי לוסטיג געמאַכט.

ער האָט געשטאַמט פון אַ שעהנער משפּחה, און דאָס מיידעל איז געווען רייך. זיי האָבען זיך בעזעצט אין פּאַריז.

זי איז געווען איינע פון יענע קליינשטעטעלדיגע אין פּאַריז, פון וועלכע עס איז דאָרט דאָ אַ שעהן ביסעל. אין דער גרויסער שטאָדט האָט זי גאָרנישט געלערנט, מיט דער עלעגאַנטער וועלט

די פערצייהונג.

זי האָט נעשטאַמט פון איינער פון יענע פאמיליעס, וועלכע לעבען צוריקגעצויגען, ווייט פון דער גאנצער וועלט. זיי ווייסען ניט פון די פּאָליטישע פאסירונגען, הגם מען רעדט ווענען דעם ביים טיש. אָבער די איבערקעהרענישען אין די רעגירונגס־פאָרמען קומען פאָר אזוי ווייט אוועק, אז מען רעדט ווענען זיי ווי ווענען היסטאָרישע פאקטען, ווי למשל פון לודוויג דעם זעכצעהנטען'ס טויט, אָדער נאפּאָלעאָן'ס לאנדונג.

די זיטען ענדערען זיך, א מאָדע נאָך א מאָדע קומט ארויס; אָבער אין די דאָזיגע שטילע פאמיליעס, וואו אלעס נעהט זיך מיט דעם געוועהנליכען גאנג, בעמערקט מען נאָר נישט דערפון. און ווען עס פאסירט אין דער נאכבארשאפט עפעס א נארישע געשיכטע, דאן שווייגט דער סקאנדאל אויף'ן שוועל פון יענער הויז. נאָר פאָטער און מוטער זאָגען אפשר אין אבענד א פּאאר ווערטער ווענען דעם, און דאָס אויך גאנץ שטיל מיט אן איינגעהאלטענעם קול, ווארים די ווענד האָבען איבעראל אויערען. און גאַנץ שטיל זאָגט דער פאָטער:

— האָסטו געהערט, וואָס פאר א שרעקליכע געשיכטע עס האָט ביי די ריוואָלים פאסירט?

און די מוטער ענטפערט:

— ווער האָט עס געקענט דענקען! עס איז שרעקליך!

די קינדער ווייסען פון גאָרנישט צו זאָגען און טרעטען אריין אין דעם אלטער, וואו זיי הויבען אָן פון זייער זייט צו לעבען מיט פערבונדענע אויגען און א פערבונדענעם גייסט. זיי האָבען ניט קיין אהנונג פון די פערבאָרגענע זאכען פון לעבען. זיי ווייסען

און זייט דריי מאָנאַטען בין איך אַליין, אַליין, גאַנץ אַליין. אין אַלגעמיין בין איך געוואָרען גאַנץ רוהיג. נאָר פּאַר איין זאַך האָב איך מורא... אַז דער אַנטיקוואַר זאָל משוגע ווערען... און מען זאָל איהם ברענגען אַהער אין מיין בעהעלטעניש... אַפילו די געפענגניסע זיינען הײַנטיגע צייטען ניט זיכער...

טייפעל מיט דעם קאָפּ ווי א לבנה. און מען וועט איהם קיין מאָל ניט כאפּען, ער וועט קיין מאָל ניט קומען צוריק אהיים. וואָס אַרט עס איהם? אָבער איך קען זיך מיט איהם אָנטרעפען, און דאָס וויל איך נישט.

איך וויל נישט, איך וויל נישט, איך וויל דאָס נישט!

און ווען ער זאָל יא אַהיים קומען, ווען ער זאָל ווידער אין זיין קראָם קומען, וגער וועט איהם דאן בעווייזען, אז די מעבעל זיינען געוועזן ביי איהם? נאָר מיין עדות זאָגען איז אַנטקעגען איהם און איך פיהל, אז עס איז פערדעכטיג.

אך גאָט, ניין, ניין, אזא לעבען קען איך מעהר נישט אויס־האלטען.

און איך האָב ניט געקענט מעהר בעהאלטען דעם סוד, ניט געקענט שטיקען אין זיך יענע געהיימנים, וועלכע איך האָב אליין מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן. איך האָב ניט געקענט ווייטער לעבען אין דער שטענדיגער מורא, אז אָט־אָט הויבט זיך די־זעלבע געשיכטע אָן פון דאָס ניי.

איך האָב אויפגעזוכט דעם דאָקטאָר, וועלכער איז דער פיהרער פון דעם דאָזיגען נערוועז־אנשטאלט און האָב איהם אלעס דער־צעהלט.

נאָכדעם ווי ער האָט מיך אויף פערשיעדענע אופנים אויסגע־פרעגט, האָט ער צום סוף געזאָגט:

— וואָלט איהר געוואָלט אויף א געוויסע צייט בלייבען דאָ אין אנשטאלט?

— זעהר גערן.

— איהר זייט דאָך פערמעגליך?

— יא.

— ווילט איהר א וואָהנונג פאר זיך אליין?

— יא.

— ווילט איהר, אז מען זאָל אייך קומען בעזוכען?

— ניין, ניין, קיין מענשען זאָל מען צו מיר נישט צולאָזען.

דער מאן פון רוען קען וואגען זיך אריינצורייסען אהער, אום פון מיר נקמה צו נעהמען...

אך, גאָט, מיין גאָט! ווי מיין האַרץ, מיין אָרים האַרץ האָט נעקלאַפּט... פערצעהן לאַנגע טעג האָב איך אָבגעוואָהנט אין רוען. דער מאַן איז ווי אין וואַסער אריין. גאָט ווייס וואו ער איז אהין געקומען.

און אויף דעם זעכצעהנטען טאָג אין דער פריה קריג איך פון מיין גערטנער, וועלכער האָט בעוואַכט מיין בע׳גנב׳עט און ליידיג הויז דעם פאָלגענדען זעלטזאַמען בריעף:

„גנעדיגער העררן!

„איך האָב די עהרע איך מיטצוטהיילען, אַז נעכטען ביינאַכט איז געשעהען עטוואָס אַזוינס, וואָס קיין מענש קען ניט פערשטעהן, ניט די פּאָליציי און ניט מיר. אַלע מעבעל אָהן אויסנאַהמע, אַלע ביז צו די קלענסטע קלייניגקייטען, זיינען צוריקגעקומען אויף זייער אָרט. דאָס הויז זעהט איצט אויס פּונקט ווי אין דעם אָבענד פאַר דער גנבה. מען קען משוגע ווערען. אין דער נאַכט פון פרייטאָג אויף שבת איז עס געשעהן. די וועגען ווייזען סמנים, ווי מען וואָלט פון דעם טויער ביז צום הויז אַלעס געשלעפּט. אַזוי איז עס אויך געווען, ווען זיי זיינען גע׳גנב׳עט געוואָרען.

„מיר ערווארטען דעם גנעדיגען העררן.

„אייער ערגעבענער דיענער

פּ. ל. פּראודין“.

איך זאָל זיך אומקעהרען צוריק? איך? ניין, ניין, בשום אופן ניט. איך קעהר זיך ניט אום צוריק.

איך האָב געבראַכט דעם בריעף צו דעם קאָמיסאַר פון רוען.

— דאָס איז א קלוגער שפּיצעל אַלעס ווידער אויף אַן אָרט צו שטעלען. לאָמיר זיך מאַכען ניט וויסענדיג. מיר וועלען שוין דעם יונג כאַפּען, היינט אָדער מאָרגען, פון אונזערע הענד וועט ער זיך שוין ניט אַרויסדרעהען...

אָבער מען האָט איהם נישט געכאַפּט. ניין, זיי האָבען איהם ניט געכאַפּט. און איצט האָב איך מורא פאַר איהם, ווי ער וואָלט געווען אַ ווילדע חיה, וואָס לויערט אויף מיר.

מען קען איהם נישט געפינען, נישט געפינען דעם דאָזיגען

דער קאָמיסאַר האָט זיך אָבגערופען צו מיר:

— איך האָב געמאַכט אַלע נויטיגע פאָרבערייטונגען. האָב געלאָזט וויסען דאָס געריכט. מיר וועלען געהן צו דער קראַם, זי לאָזען עפענען און איהר קענט מיר אָנווייזען אַלעס, וואָס אייך געהערט.

מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען אהין אין א דראָשקע. א פּאָאַר פּאָליציי בעאַמטע זיינען שוין געשטאַנען מיט א שלאָסער פאַר דער טיר פון דער קראָם, וועלכע איז געעפענט געוואָרען.

ווען איך בין אריין, האָב איך דאָרט ניט געפונען ניט מיין שאַפע, ניט מיינע שטוהלען, ניט מיינע טישען, גאַרנישט, קיין זאך פון מיינע מעבעל, קיין ברעקעל ניט, בעת מיט א טאָג פריהער האָב איך ניט געקאָנט טהאָן קיין איין טריט, אז איך זאָל זיך ניט אָנשטויסען אויף עפּעס פון מיינע זאַכען.

דער פּאָליציי קאָמיסאַר איז געווען ערשטוינט און האָט מיך אָנגעקוקט פון דער זייט.

— מיין גאָט! — האָב איך זיך אָבגערופען — דער מאַן איז אַלזאָ פערשוואונדען צוזאַמען מיט די זאכען.

דער פּאָליציי קאָמיסאַר האָט א שמייכעל געטהאָן:

— יא, ריכטיג. עס איז געווען א פעהלער פון אייך נעכטען, וואָס איהר האָט געקויפט און גלייך בעצאָהלט פאַר די זאכען, וואָס האָבען געהערט צו אייך. דער מאַן האָט זיך הפנים גלייך אָנגעשטויסען.

— איך האָב געענטפערט:

— איך פערשטעה אָבער ניט ווי אזוי דאָס קומט, וואָס אויף דעם פּלאַץ פון מיינע מעבעל שטעהען איצטער לויטער אנדערע זאכען.

— אָה, — האָט געענטפערט דער קאָמיסאַר — ער האָט געהאַט א גאַנצע נאַכט צייט און וואהרשיינליך געהאַט נאָך ארויסהעלפער אויך. אויסערדעם איז דאָס הויז מסתמא פערבונדען מיט די שכנישע הייזער. אָבער איהר זייט רוהיג, איך וועל די זאך ענערגיש אויספאָרשען. דער רויבער וועט זיך שוין פון אונזערע הענד ניט ארויסדרעהען. איך וועל האָבען אַן אויג אויף איהם.

דאַן וועט ער שוין זיין דאָ און איך וועל איהם אין אייער געגענ־וואַרט ווידער פערהערען.

— גוט. איך דאַנק אייך טויזענד מאָל.

איך בין אַוועק אין האָטעל און געגעסען מיט מעהר אַפּעטיט, ווי איך האָב ערוואַרט. איך בין געווען זעהר צופרידען. מען האָט איהם אַרעסטירט!

אין צוויי שטונדען אַרום האָב איך זיך אומגעקעהרט צו דער פּאָליציי, וואו דער בעאַמטער האָט אויף מיר געוואַרט.

— יא, — האָט ער זיך אָבגערופען, ווען ער האָט מיך דער־זעהען, — וואָס זאָגט איהר דערצו? מען האָט דעם מאַן ניט געקענט געפינען און פאָלגליך האָט מען איהם ניט אַרעסטירט.

— אַך! — האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסען אַ געשריי, און איך בין שיער ניט געפאַלען פון די פיס.

— אָבער איהר האָט דאָך געפונען דאָס הויז? — האָב איך גע־פרעגט.

— געוויס! עס איז זאָגאַר בעוואַכט פון פּאָליציי, ביז ער וועט צוריקקומען. אָבער דערווייל איז ער פערשוואונדען.

— פערשוואונדען?

— פערשוואונדען. געוועהנליך פערברענגט ער דעם אבענד ביי זיינער אַ שכנה, אויך אַ טענדלערקע פון אַלטוואַרג, עפּעס אַ מין סאָרט מכשפה מיט'ן נאָמען רידאַן. היינטיגען אָבענד האָט זי איהם ניט געזעהען און זי ווייס ניט וואו ער איז. מיר מוזען וואַרטען ביז מאָרגען.

איך בין אוועק. מיין גאָט! ווי טרויעריג, ווי משונה'דיג האָבען מיר אויסגעזעהען די גאַסען פון רוען!

איך האָב שלעכט געשלאָפען. שווערע שטיינער האָבען מיר אויפ'ן האַרצען געדריקט.

אויף מאָרגען האָב איך ניט געוואָלט אַרויסווייזען, ווי אויפ־געדעגט איך בין און איך האָב אָבגעוואַרט ביז עס איז געוואָרען צעהן אַ זייגער. דאַן ערשט בין איך אוועק צו דער פּאָליציי.

דער הענדלער האָט זיך מעהר ניט געוויזען. זיין קראָם איז נאָך אַלץ געווען צוגעמאַכט.

אין מיטען פון א גרויסען צימער איז געשטאנען א קליינער מאן. ער איז געווען גאנץ קליין און דיק ווי א פאס, ווי א ברייטע שרעקליכע פאס. ער האט געהאט א שיטער בערדיל, ניט קיין גלייכע און מיט געלבליך־ווייסע שפרינקלעך, און גאר קיין האר אויפ'ן קאפ, קיין איין האאר ניט. און ווען ער מיט דער אויס־געשטרעקטער האנד אויפגעהויבען דאס ליכט, אום אויף מיר א קוק צו טהאן, האט ער אויסגעזעהען ווי א קליינע לבנה אין דעם האזינגען גרויסען צימער, וועלכער איז אנגעפילט געווען מיט אלטע מעבעל. דאס פנים איז ביי איהם געווען צורונצעלט און אנגע־בלאזען, די אויגען פערגאסען מיט פעטס אזוי אז מען האט זיי כמעט ניט ארויסגעזעהען.

איך האב ביי איהם גלייך גענומען האנדלען דריי שטוהלען, וועלכע האבען אמאל געהערט צו מיר, און האב איהם פאר זיי בעצאהלט א גרויסען פרייז. איך האב אנגעגעבען דעם נומער פון מיין האטעל. אויף מארגען א זייגער ניין האבען זיי געזאלט זיין ביי מיר.

דאן בין איך אוועק. ער האט מיך זעהר העפליך בעגלייט ביז צו דער טיר.

פון דארט בין איך גלייך אוועק צום פאליציימייסטער, האב איהם דערצעהלט וועגען דער גנבה פון מיינע מעבעל און פון דער ענטדעקונג, וואס איך האב נאר וואס געמאכט. ער האט טעלעג־ראפיש אנגעפרעגט אין געריכט וואו די זאך איז פערהאנדעלט גע־ווארען און האט געבעטען, איך זאל אבווארטען ביז עס וועט קומען אן ענטפער. אין א שטונדע ארום איז פון דארט אנגעקומען א טעלעגראם.

זי האט בעשטעטיגט מיינע רייד.

— איך וועל דעם מאן לאזען ארעסטירען, — האט געזאגט דער פאליציימייסטער — און איהם גלייך נעהמען אויף א פערהער, ווארים עס קען זיין, אז ער זאל האבען געקריגען א פערדאכט און זאל די אלע זאכען, וואס האבען געהערט צו אייך, בעזייטיגען. עסט פריהער אב און קומט אין צוויי שטונדען ארום צוריק אהער,

מענש האָט זיך ניט געפונען אין דעם דאָזיגען גרויסען הויז מיט די פערשיעדענע טירען אין אַלע זייטען.

עס איז נאַכט געוואָרען. איך האָב זיך געמוזט צוזעצען אין דער פינסטער אויף איינעם פון מיינע שטוהלען, דען איך האָב ניט געוואָלט אוועקגעהן פון דאנען. פון צייט צו צייט האָב איך ווידער גערופען: — העי, וואו זייט איהר? איז קיינער נישטאָ?

איך בין אזוי אָבגעזעסען אודאי א שעה צייט, ווען איך האָב דערהערט טריט, לייכטע, לאנגזאמע טריט, איך ווייס ניט פון וואנען. איך האָב געוואָלט אנטלויפען, אָבער איך האָב מיר געימאַכט מוט און בין געבליבען. דאן האָב איך דערזעהען אין צווייטען צימער א ליכטיגען שיין.

— ווער איז דאָ? — האָט געפרעגט א שטימע.

איך האָב געענטפערט:

— א קונה.

די שטימע האָט זיך אָבגערופען:

— איצט איז ניט די צייט צו קומען אין א קראָם אריין. עס איז שוין צו שפעט.

איך האָב געענטפערט:

— איך וואַרט אויף אייך שוין זייט א שטונדע.

— איהר האָט דאָך געקענט קומען מאָרגען.

— מאָרגען וועל איך פערלאָזען רוען.

איך האָב ניט געוואגט איהם אנטקעגען צו געהן, און ער איז ניט געקומען צו מיר. איך האָב נאָך אַלץ געזעהען ניט מעהר ווי דעם שיין פון זיין ליכט, וועלכער איז געפאַלען אויף א שטיקערייַ אויף וועלכער צוויי מלאכים זיינען ארומגעפלויגען צווישען די מויטע קערפערס פון א שלאַכטפעלד. דאָס האָט אויך געהערט צו מיר.

איך האָב געפרעגט:

— נו, קומט איהר אריין?

ער האָט געענטפערט:

— איך ערוואַרט אייך דאָ.

איך האָב זיך אויפגעהויבען און בין אוועק צו איהם.

און דאָ... מיין גאָט! מיין גאָט! וואָס פאַר אַ מורא'דיגער שרעק! אין אַ שצאַנקע פול אָנגעשטאָפּט מיט טויזענדערליי קליינינקייטען, וועלכע האָט אויסגעזעהן ווי דער אריינגאַנג צו אַ בית־עולם פון אַלטע מעבעל, האָב איך פלוצים דערזעהען איינע פון מיינע שעהנסטע שאַפעס. ציטערענדיג מיט אַלע גליעדער בין איך צוגעקומען נעהענטער. איך האָב אַזוי געציטערט, אַז איך האָב ניט געוואָגט עס אָנצוריהרען. איך האָב אויסגעשטרעקט די הענד, נאָך אַ ווײַלע געצעגערט... אָבער עס איז געווען די זעלבע שאַפע. דאָס איז געווען אַ גאַנץ איינגענאַרטיגער שראַנק פון דער צייט פון לודויג דעם דרייצעהנטען, און ווער עס האָט איהם נאָר איין מאָל געזעהען, האָט איהם לייכט געקאָנט דער־קענען. און בעת מיינע אויגען האָבען פלוצים גענומען ווייטער וואַנדערען אין דער דונקעלער טיעפקייט פון דער גאַלערעע, האָב איך געזעהען דריי פון מיינע פאָטעלען מיט אַלע שטיקערייען בע־צוינגען, און דאַן נאָך אַ ביסעל ווייטער — מיינע ביידע טישען פון דער צייט פון הענרי דעם צווייטען, וועלכע זיינען געווען אַזעלכע זעלטענע אַנטיקען, אַז לייט פון פּאַריז זיינען עקסטרא געקומען צופאַהרען אום זיי צו זעהען.

מען קען זיך פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט.

ציטערענדיג פון אינוועניגסטער אויפרעגונג, בין איך צוגע־קומען צו די זאַכען, אָבער איך בין צו זיי דאָך צוגעגאַנגען, ווייל איך בין מוטיג. איך בין צו נעהנטער, ווי אַ ריטער פון די מיט־טישע צייטען איז צוגעקומען צו עפּעס אַ צויבער. און טריט אויף טריט האָב איך געפונען אַלעס, וואָס האָט געהערט צו מיר: מיי־נע לייכטער, מיינע ביכער, מיינע פאָרהאַנגען, מיינע געוועהר, אַלעס אויסער דעם שרייבטיש מיט מיינע בריעף, וועלכען איך האָב דאָ ניט געזעהען.

איך בין אַראָב אונטען אין קעלער, דערנאָך אין די העכערע עטאַזשען. איך בין געווען איינער אַליין. איך האָב גערופען, קיינער האָט מיר ניט געענטפערט. איך בין געווען אַליין, קיין

איך געוואָלט זיך דורכפאָהרען איבער נאָרמאַנדיע, וועלכע איז מיר נאָך ניט געווען בעקאַנט.

איך האָב אָנגעהויבען מיט רוען. אכט טאָג נאָכאַנאַנד האָב איך זיך ארומגעטריבען לעבעדיג, בעגייסטערט, צושרייט דורך דער דאָזיגער מיטעלאַלטערליכער שטאָדט, היגגעריסען פון דעם דאָזיגען וואונדערליכען מוזעאום פון זעלטענע גאָטהישע געביידען.

דאָ, איינמאָל אַ נאָכמיטאָג, אַ זייגער פיער, האָב איך זיך פערקירעוועט אין עפּעס אַ מאָדנער גאַס, וועלכע איז איבערגעהאַקט געוואָרען פון אַ שוואַרצען ווי טינט טייכעל. מיט גרויס אינטע־רעס האָב איך בעטראַכט דאָס מאָדנע אויסזעהן פון די אַלטפרענקישע הייזלאַך, ווען פּלוצלונג איז מיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגען געוואָרען צו אַ רייהע קראָמען פון אַלטע זאַכען, וועלכע זיינען געלעגען איינע נעבען דער אַנדערער, אַ טיר נאָך אַ טיר.

יענע אַלטע אַנטיקוואַרען האָבען אויסגעקליבען דעם ריכטי־גען פּלאַץ, אין דער פאַנטאַסטישער גאַס איבער דעם דונקעלען שטראָם אונטער די שפּיציגע ציגעל און שינדלען דעכער, אויף וועלכע די פאָהנען פון דער פערגאַנגענהייט האָבען נאָך געוועהט.

אין די דונקעלע קראָמען האָט מען געקענט זעהן געשניצטע פיגורען, פאַיאַנסען פון רוען, געווערס, מוסטיערס, געמאָהלטע בילדער זיילען, פון דעמב געשניצטע קריסטוס פיגורען, הייליגע יונגפרויען, קירכען־בעפּוצונגען, פּריעסטער־קליידער, זאָגאַר געפעס פאַר גאָטעסדיענסט. אָך, דאָס זיינען מערקווירדיגע לעבער די דאָזיגע קראָמען, וועלכע זיינען פון אונטען ביז ארויף, פון קעלער ביז׳ן דאַך אָנגעשטאָפּט מיט אַלערליי זאַכען, וועלכע האָבען אי־בערגעלעבט זייערע ערשטע בעזיצער, זייערע יאהרהונדערטען, זיי־ערע צייטען, זייערע מאָדעס און ווערען פון נייגעריגקייט וועגען געקויפט פון נייע דורות.

מיין ליעבע צו אַזעלכע זאַכען האָט ווידער ערוואַכט אין דער דאָזיגער אַנטיקוואַרען גאַס. איך בין געגאַנגען פון קראָם צו קראָם, מיט צוויי טריט האָב איך אריבערגעטראָטען דעם בריק פון פיער פערפוילטע ברעטער, וועלכע מען האָט אריבערגעלייגט איבער דעם שוואַרצען, שלעכט־שמעקענדען וואַסער.

אומזיסט. די געשיכטע וואָלט זיך דאָך אָנגעהויבען פון דאָס ניי. איך האָב מעהר ניט געוואָלט וואָהנען דאָרטען, און איך האָב עס טאַקע ניט געטהאָן אויך. פון דאַן אָן האָב איך עס מעהר ניט געזעהען.

איך בין אַוועק אין פּאַריז אין אַ האָטעל, און איך האָב זיך בעראַטען מיט דאָקטוירים איבער דעם צושטאַנד פון מיינע נערווען, וועלכער האָט מיך זייט יענער מורא'דיגער נאַכט זעהר גע־שראָקען.

זיי האָבען מיר געראַטען צו רייזען, און איך האָב זייער ראַט געפאָלגט.

צוערשט האָב איך זיך אַוועקגעלאָזט קיין איטאַליען. די דאָרטיגע זון האָט מיר גוט געטהאָן. אַ האַלב יאָהר נאָכאַנאַנד האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט פון גענוא קיין ווענעדיג, פון ווע־נעדיג קיין פלאָרענץ, פון פלאָרענץ קיין רוים, פון רוים קיין נעאַפּעל. דאַן האָב איך דורכגעוואַנדערט סיציליען, אַ לאַנד, וועל־כע איז פּונקט אַזוי וואונדערבאַר פון דער נאַטור ווי פון די ווערק פון מענשליכע הענד. נאָכדעם בין איך אַוועק קיין אַפריקא, האָב רוהיג דורכגעקרייצט יענע גרויסע, געלע, שטילע וויסטעניש, וואו עס טרייבען זיך אַרום קעמלען, הירשען, אַראַבער און וואו אין דער רוהיגער, דורכזיכטיגער לופט איז ניט פאַראַן קיין שום איבער־נאַטירליכעס ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט.

איך האָב זיך צוריק געקעהרט אין פראַנקרייך איבער מאַרסעל. און ניט קוקענדיג אויף דער אַרומיגער פרעהליכקייט, האָט מיך דער וועניגער העלער הימעל גלייך טרויעריג געמאַכט. ווי נאָר איך האָב אַרויסגעטראָטען אויף דעם אייזענבאַהן באַהנהאָף האָב איך דערפיהלט דעם זעלטזאַמען איינדרוק פון אַ קראַנקען, וועלכער גלויבט, אַז ער איז אויסגעהיילט און וועמען אַ טעמפּער וועהטאָג דערמאָהנט, אַז זיין קראַנקהייט איז נאָך ניט פערשוואונדען.

דאַן האָב איך זיך צוריקגעקעהרט קיין פּאַריז. אין פיער וואָכען אַרום האָב איך זיך גענומען שטאַרק לאַנגווייליגען. עס איז געווען הערבסט־צייט, און איידער דער ווינטער קומט אָן האָב

הינטער פערשלאָסענע ווענד, וועלכע שיצען מיינע גרינסען און פרוכטען פון גנבים.

איך האָב ארויפגעשלעפּט די קאָלדרע ביז צו די אויגען, אָבער איך האָב ניט געקענט שלאָפען און געוואַרט אויף טאָג מיט א קלאַפּעדיגען הארצען. איך האָב געגעבען א בעפעהל, אז אזוי גיך ווי עס וועט ווערען טאָג, זאָל מען ווענען מיר לאָזען וויסען מיינע בעדיענטע. א זייגער זיעבען אין דער פריה האָט מיין דיענער אנגעקלאַפּט אין טיר.

ער האָט אויסגעזעהען שטארק צוטראָגען:

— היינטיגע נאַכט איז א גרויס אונגליק געשעהען — האָט ער געזאָגט.

— וואָס אזוינס?

— מען האָט אייער גאַנץ מעבעל בע׳גנב׳עט, אַלעס, אַלעס, אפילו די קלענסטע קלייניגקייטען האָט מען צוגענומען.

די דאָזיגע נאַכריכט האָט מיך געפרייט. פארוואָס? ווער ווייס? איך האָב זיך בעהערשט און בעשלאָסען קיינעם ניט צו דערצעהלען, וואָס איך האָב געזעהען, דאָס פון אַלעמען צו בעהאַלטען, בעגראָבען אין מיין געוויסען, ווי א מורא׳דיגען סוד. איך האָב געענטפערט:

— דאָן זיינען עס הפּנים די זעלבע מענשען, וועלכע האָבען ביי מיר מיינע שליסלען צוגע׳גנב׳עט. מען מוז גלייך לאָזען ווי־סען דער פּאָליציי ווענען דעם. איך שטעה אויף. אין א פּאָר מינוטען וועל איך אויך אונטערקומען.

די אונטערזוכונג האָט געדויערט פינף מאָנאַטען. מען האָט גאָרנישט אויסגעפונען; נישט אפילו די קלענסטע שטיקעל זאַך פון מיינע הויז חפצים האָט מען געפונען און נישט דעם מינדעסטען שפּור פון די גנבים. איין גאָט ווייס, אז ווען איך זאָל האָבען געזאָגט, וואָס איך האָב געוואוסט, וואָלט מען איינגעשפּארט מיך און ניט די גנבים, מיך, דעם מאַן וואָס האָט עטוואָס אזוי ביינגע־וואָהנט.

אָ, איך האָב פערשטאַנען, אז איך מוז שווייגען. אָבער מיין הויז האָב איך שוין צוריק ניט אויסמעבלירט. עס איז געוועזן

אָדער אַ פרוי, ווען זיי אַנטלויפען. אָבער דער טיש איז זיך רוהיג ווייטער געגאַנגען זיין וועג. ניט קוקענדיג אויף אַלע מיינע מאַטערנישען, אויף מיין ווילדען כעס, האָב איך אפילו ניט גע־קענט זיין גאַנג לאַנגזאַמער מאַכען, שוין ניט ריידענדיג פון גאָר אָבהאַלטען איהם. בעת איך האָב זיך ווי אַ פערצווייפעלטער מיט אַלע מיינע קרעפטען מיט איהם געראַנגעלט, בין איך גע־פאַלען צו דער ערד און זיך אָן איהם אָבגעשלאָגען. דאַן האָט ער מיך אַ שלעפּ געטהאָן מיט זיך, איך האָב זיך אויסגעצויגען אויף'ן זאַמד; און שוין האָבען די מעבעל, וועלכע האָבען נאָך'ן טיש נאָכגעפאָלגט, גענומען טרעטען איבער מיר, געטראַמפּעלט מיר איבער די פיס און מיר וועה געטהאָן. ווען איך האָב איהם דאַן איינגעלאָזען, זיינען די איבעריגע איבער מיר אריבער, ווי אַן אַטאַקע פון קאַוואַלעריסטען איבער אַ געפאַלענעם ריימער.

צום סוף האָב איך זיך האַלב משוגע פאַר שרעק ארויסגע־ראַטעוועט פון דער גרויסער אַלעע און זיך ווידער בעהאַלטען צווישען די בוימער. און איך האָב געזעהען, ווי די קלענסטע פון מיינע זאַכען, די פון וועלכע איך האָב אַם וועניגסטען געטראַכט, זיינען פערשוואונדען.

דאַן האָב איך פון דערווייטען דערהערט אַ צוקלאַפּען פון טירען אין מיין הויז. זיי האָבען זיך צוגעשלאָסען פון אויבען ביז אראָב, ביז צו דער לעצטער איינגאַנג־טיר, וועלכע איך האָב אַליין משוגענערהייד געעפענט. די דאָזיגע טיר האָט זיך צוגעמאַכט די לעצטע.

דאַן האָב איך געכאַפּט די פיס און זיך געלאָזט לויפען אין שטאָדט אריין. ערשט ווען איך האָב זיך געפונען אין די שטאָד־טישע גאַסען און האָב נאָך בעגעגענט אַ פּאָר פערשפּעטיגטע פאַר־ביינעהער, האָב איך זיך ווידער בערוהיגט. איך האָב אָנגעקלונגען אין אַ האָטעל וואו איך בין געווען בעקאַנט. איך האָב מיט מיינע הענד אויסגעקלאַפּט מיינע קליידער, אַז דער שטויב זאָל פון זיי ארויס, און נאָר דערצעהלט, אַז איך האָב פערלאָרען דעם בונד שליסלען, וואו עס האָט זיך אויך געפונען דער שליסעל צום אויבסט־גאָרטען, וואו מיינע דיענער שלאָפען אין אַ הויז פאַר זיך,

דערהערט עפעס א מאָדנעם שפּרינגען אויף די טרעפּ, אויפ׳ן פּאָל, אויף די טעפּיכער. און דאָס שפּרינגען איז ניט געווען פון קיין מענשליכע פיס, פון שיך, נאָר עפּעס פון קוליעס, פון הילצערנע און מעטאַלענע קוליעס, וועלכע האָבן געקלונגען אזוי זאַנדער־באַר. און פּלוצים האָב איך דערזעהן אויפ׳ן שוועל פון מיין טיר א שטוהל, מיין גרויסען פאָטעל, וועלכער וויגענדיג זיך אהער און אהין, איז געגאַנגען פון הויז אַרויס. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען, אַנדערע האָבען איהם נאָכגעפאָלגט: די שטוהלען פון מיין סאַלאָן, דאַן די ניעדריגע סאָפעס, וועלכע האָבען זיך געשלעפּט ווי קראָקאָדילען אויף זייערע קורצע פיסלאַך. צום סוף זיינען געקומען אַלע מיינע שטוהלען, די גרעסערע זיינען געשפּרונגען ווי די ציגען און די קליינע פאָטעלען האָבען זיך אויפגעהויבען ווי די וועוויאָרקעס.

אָ, וואָס פאַר א שרעק. איך בין אַריינגעלאָפען צווישען די בושעס און האָרט געבליבען שטעהן אן איינגעהויקערטער, בעת מיינע אויגען האָבען געקוקט אויף דעם מאַרש פון די מעבעל. דען זיי זיינען אַלע אַוועקגעגאַנגען, איינס נאָכ׳ן אַנדערען, שנעל אָדער לאַנגזאַם, נאָך זייער גרויס און געוויכט נאָך. מיין פּיאַנאָ מיט׳ן גרויסען פליגעל איז פאַרבייגעלאָפען אין גאַלאָפּ, ווי א שנעל אַנטלויפענדיג פערד, בעת די סטרונעס אין זיין לייב האָבען גע־געקלונגען אין גאַנג. די קליינע זאַכען האָבען זיך פאַרביינעטראָגען אין זאַמד, ווי די מוראַזשקעס; די בערשטלאַך, די גלעזער, די אַנדערע קלייניגקייטען האָבען פאַרביינעשוועבט ווי פייער־פליגעלאַך פון דעם לבנה־שיין בעשטראַהלט. די שטאָפען זיינען געקראָכען זיך אויסציהענדיג ברייט ווי די כוואַליעס אין ים. מיין שרייב־טיש האָט זיך בעוויזען, א זעלטענעם קונסטווערק פון פאַרינגען יאָהרהונדערט, אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען אַלע מיינע בריעף. די גאַנצע געשיכטע פון מיין הארצען איז דאָרטען גע־ווען פערשלאָסען, אן אַלטע געשיכטע מיט א סך, א סך יסורים. און אויך אַלע מיינע פאָטאָגראַפיען זיינען דאָרט געווען.

פּלוצים איז מיין מורא פערשוואונדען. איך האָב זיך אַרויפּ־געוואָרפען אויף איהם, איהם אָנגעכאַפּט, ווי מען כאַפּט א גנב

מעהר בעוועגונג ווי ליארעם, א שטופּען פון זאַכען אהין און אהער, עפּעס אזוי ווי מען וואָלט מיינע מעבעל שטיל געשלעפּט אהין און צוריק און זיי אויף אנדערע פּלעצער געשטעלט.

א לאַנגע צייט האָב איך געצווייפעלט, אויב מיין אויער האָט ריכטיג געהערט. אָבער ווען איך האָב עס צוגעליינט צום לאָדען, אום דעם מאָדנעם גערויש אין מיין הויז בעסער צו הערען, בין איך געוואָרען זיכער, אז דאָרט ביי מיר אינעווענינג געהט פאָר עטוואָס אונגעוועהנליכעס, עטוואָס אונפערשטענדליכעס. איך האָב ניט מורא געהאַט, אָבער איך בין געבליבען שטעהן ווי פערשטאַרט פון ערשטוינען. איך האָב ניט ארויסגענומען מיין רעוואָלווער, איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אז איך וועל איהם ניט דאַרפען. איך האָב אָבגעוואַרט.

איך האָב געוואַרט א לאַנגע צייט און ניט געקענט אָננעהמען קיין שום בעשלוס. איך האָב געזעהען גאַנץ קלאָהר, אָבער אויף מיר איז אָנגעפאַלען א מורא'דיגע אנגסט. איך האָב געוואַרט שטעהענדיג און זיך צוגעהערט צו דעם אַלץ וואקסענדען גערויש, וועלכער איז צייטענווייז אויסגעוואַקסען אין אַן אונגעדולדיגען ליארעם.

דאַן האָב איך זיך פּלוצים פערשעהמט פאַר זיך אליין, פאַר מיין פייגהייט און זיך געמאַכט מוטה, האָב גענומען מיין בונד שליסלען, אויסגעזוכט דעם שליסעל, וועלכען איך האָב געדאַרפט, איהם אריינגעשטעקט אין שליסעל־לאָך, צוויי מאָל ארומגעדרעהט און מיט אַלע מיינע קרעפטען אַן עפען געטהאָן די טיר. די טיר איז אָבגעשפּרונגען אנטקעגען דער וואַנד.

עס האָט א קלונג געטהאָן, ווי דער שאָס פון געוועהר, און אויף דעם דאָזיגען קנאַל האָט אין מיין גאַנצער וואָהנונג פון אויבען ביז אראָב געענטפערט א מורא'דיגער טומעל. און דער געטומעל איז נעקומען אזוי פּלוצלונג, איז געווען אזוי מורא'דיג, אזוי פערטויבענדיג, אז איך בין אָבגעשפּרונגען א פּאָאַר טריט צוריק און האָב ארויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער, הגם איך האָב נאָך אַלץ געוואוסט אז איך וועל איהם ניט דאַרפען.

איך האָב געוואַרט נאָך א מאָמענט. און איצט האָב איך קלאָהר

זייט צעהן יאָהר, אַז איך קעהר זיך אום אַט אַזוי אַהיים און קיין מאָל האָב איך ניט געפיהלט די קלענסטע אונרוהיגקייט. איך האָב ניט מורא געהאַט. דער אָנבליק פון אַ טרעמפּ, אַן איינברעכער, אַ גנב וואָלט מיך בלויז אויפגעבראַכט, און איך וואָלט איהם אָהן צווייפעל בעפאַלען. איבריגענס בין איך געווען בעוואַפענט, איך האָב מיט זיך געהאַט אַ רעוואָלווער. אָבער איך האָב איהם ניט אָנגעריהרט. איך האָב געוואָלט בעקעמפּפען אין מיר די מורא.

וואָס איז עס געווען? נאָר אַ פאָרגעפיהל? יענער זעלט־זאַמער פאָרגעפיהל, וואָס פאַלט אָן אויף אַ מענשען, ווען איהם שטעהט פאָר עטוואָס אונערקלעהרליכעס. אפשר, ווער ווייס?

וואָס ווייטער איך האָב געטראַכטען אין פאָראויס, אַלץ מעהר האָב איך געשווידערט. און ווען איך בין צוגעקומען צו מיין הויז מיט די צוגעמאַכטע לאָדענס, האָב איך געפיהלט, אַז איך מוז וואַרטען עטליכע מינוטען איידער איך וועל קענען עפענען די טיר און אַריינגעהן אינעווייניג. און איך האָב זיך געזעצט אויף אַ באַנק אונטער די פענסטער פון מיין עס־צימער. אביסעל אויפ־גערעגט, דעם קאָפּ אויף דער וואַנד אָנגעשפּאַרט, מיט אָפענע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אין דער דונקעלהייט צווישען די בלע־טער בין איך געבליבען זיצען. בעת די ערשטע פּאָאר סעקונדען האָב איך אַרום זיך ניט בעמערקט קיין שום אויסערגעוועהנליכע זאַך. איך האָב געהערט ווי עס רוישט מיר אין די אויערען, אָבער דאָס טרעפט מיט מיר אָפטער, מאַנכעס מאָל דאַכט זיך מיר ווי לאָקאָמאָטיוועז וואָלטען זיך פאַרבייגעטראָגען, אָדער איך הער גלאָ־קען קלינגען, אָדער אַ מאַסע מענשען שטראָמענדיג אַהין און אַהער.

אָבער באַלד איז דאָס דאָזיגע רוישען געוואָרען העכער, דייט־ליכער, לייכטער צו דערקענען. איך האָב אַ טעות געהאַט. עס איז ניט געווען דער געוועהנליכער קלאַפּען פון דאָס בלוט אין די אָדערען, וועלכעס פעראורזאַכט דעם דאָזיגען גערויש, נאָר עפּעס אַ גאַנץ בעזונדער ליאַרעם, הגם אַ גאַנץ אונבעשטימטער, דאָך האָט ניט געקענט זיין קיין צווייפעל, אַז ער איז געקומען פון אינע־ווייניג פון מיין הויז אַרויס.

איך האָב דורך די וואַנד געהערט דעם נאָכאַנאַנדיגען גערויש,

אפּערא געהערט צום ערשטען מאָל און זי איז מיר זעהר שטארק געפעלען. צו־פוס, מיט שנעלע טריט, האָב איך זיך אומגעקעהרט אהיים. מיין קאָפּ איז געווען פול מיט געדאנקען, מיט מעלאָדיעז, שעהנע בילדער האָבען נאָך פאר מיינע אויגען געשוועבט. די נאַכט איז געווען שווארץ, שווארץ... אזוי שווארץ, אז איך האָב קוים געקענט דערקענען דעם וועג און בין עטליכע מאָל שיער ניט אריינגעפאלען אין א גראָבען אריין. פון שטאָדט ביז צו מיר איז געווען אונגעפעהר צוואנציג מינוטען גאנג. עס איז געווען איינס א זייגער פארטאָג, איינס אָדער האלב־צוויי. דער הימעל פאר מיר איז געוואָרען עטוואָס העלער, די לבנה האָט זיך בעוויזען. ווען די ערשטע פערטעל פון דער לבנה געהט אויף א זייגער פיער אָדער פינף פארנאַכט, איז זי קלאָהר, העל, זילבערדיג; אָבער דער פערטעל. וואָס קומט נאָך האלבע נאַכט איז רויטלעך, טרויעריג, בעאונרוהי־גענד. דער ערשטער פערטעל, ווען ער איז אפילו נאָר אזוי שמאָל ווי א שטריך, ווארפט ארום זיך א פריינדליכעס ליכט, פון וועלכעס עס ווערט פרעהליך אויפ'ן הארצען; דער לעצטער פערטעל אָבער איז מאַט, בלאַס און ווארפט כמעט גאָר קיין שאָטען ניט ארום זיך.

פון ווייטען האָב איך דערזעהען די דונקעלע מאַסע פון מיין גאָרטען, און איך ווייס ניט פון וואנען עס האָט זיך ביי מיר גענומען אַן אונאַנגענעהמער געפיהל ביי דעם געדאנק, אז איך מוז אהין אריינ־געהן. איך האָב געטראָטען לאנגזאַם. די לופט איז געווען מילד. די גרויסע בוימער האָבען אויסגעזעהען ווי מצבות, אונטער וועלכע מיין הויז איז געווען בעגראָבען.

איך האָב געעפענט דעם טויער, אריין אין דער לאנגער אלעע פון סיקאָמאָרען, וועלכע האָט געפיהרט צום הויז. איך האָב גע־טראָטען דורך דונקעלע בושען, ארום בלומען־בעעטען, וועלכע האָ־בען אין דער פינסטערניש אויסגעזעהען ווי פלעקען פון אונבע־שטימטע פארבען.

ווען איך בין צוגעקומען צום הויז איז אויף מיר אָנגעפאלען עפּעס א מערקווירדיגע שטימונג. איך בין געבליבען שטעהן. מען האָט גאָרנישט געהערט, קיין ווינטעל האָט זיך ניט בעוועגט צווי־שען די בלעטער. וואָס טהוט זיך מיט מיר? האָב איך געטראַכט.

דאן זיינען פאראן אזעלכע, וועמען גראד אין גענענטהייל מענשען מאכען מיער, שטערען, מאטערען, לאנגווייילען, בעת די איינזאמקייט בערוהיגט זיי און אין פריעדען גיבען זיי זיך אב צו זייערע אייגענע אונגעשטערטע געדאנקען.

אין אלגעמיין אין דאס גאנץ נאטירליך. די ערשטע זיינען בעשאפען געווארען אום צו לעבען אין דרויסען, די אנדערע — אום צו לעבען אינעווייניג. איך האב ווייניג פעהיגקייטען אויפצופאסען אויסערליכע זאכען. דערפאר האב איך אלע מאל געליעבט און ליעב נאך היינט אונבעוועגליכע, נים לעבדיגע זאכען, זאכען וועלכע האבען ביי מיר געקריגען די בעדייטונג פון לעבעדיגע בעשעפעניי־שען, און מיין הויז איז פאר מיר געווארען א וועלט אין וועלכער איך האב געלעבט איינזאם צווישען מיינע מעבעל, מיינע פערשיע־דענע קלייניגקייטען, צו וועלכע איך בין צוגעוועהנט געווארען און וועלכע זיינען מיר טהייער געווען ווי לעבעדיגע פנים׳ער. איך האב ביסלעכווייז מיין הויז מיט דעם אלעמען אנגעפילט, אויסגע־פוצט און זיך דארט געפיהלט צופרידען און גליקליך, ווי אין די ארעמס פון א ליעבער פרוי.

דאס דאזיגע הויז האב איך געלאזט אויפבויען אין מיטען פון א שעהנעם גארטען, אין גאנצען אבגעשלאסען פון די גאסען, נים ווייט פון א שטאדט, וואו איך האב ווען עס איז ביי א געלע־גענהייט געפונען פרעהליכקייט. מיינע דיענער זיינען געשלאפען אין א געביידע א שטיק ווייט פון מיר. די דאזיגע געביידע האט זיך געפונען אין דעם אויבסט־גארטען, וועלכער איז ארומגעצאמט געווען ארום און ארום מיט א הויכער וואנד. דער טיעפער פריעדען פון דער נאכט, אין דער שטילקייט פון מיין הויז, וועלכע איז אין גאנצען בעהאלטען געווען אונטער די בלעטער פון די הויכע בוימער, האט מיך אזוי בערוהיגט, איז מיר געווען אזוי ליעב, אז איך האב יעדען אבענד שטונדען לאנג זיך נים געקענט אברייסען פון מיין פלאץ און געהן צו בעט, אזוי איז מיר געווען א שאד דעם דאזיגען פערגעניגען צו פערלירען.

אין א געוויסען טאג האט אין שטאדט געשפיעלט די אפערא „זיגורד“. איך האב דאן די דאזיגע וואונדערבארע, פאנטאסטישע

ניט גערן מיט זיי געפּלוידערט, אַז איך האָב ניט הנאה געהאַט ווען ניט ווען צו עסען מיט אַ פּאָר פריינד. אָבער ווען איך זעה זיי אַ צייט לאַנג אַרום מיר, מעגען זיי זיין אפילו מיינע בעסטע פריינד, דאַן לאַנגווייליגען זיי מיך, פערמאַטערען מיך, מאַכען מיך נערוועז און איך דערפיהל אַ שטאַרקע און אַלץ וואַקסענדע בעדערפעניש, אַז זיי זאָלען אַוועקגעהן אָדער איך זאָל זיי פערלאָזען, כדי איך זאָל זיין אַליין.

דער דאָזיגער פערלאַנג מיינער איז מעהר ווי אַ בעדערפעניש, עס איז אַ נויטווענדיגקייט. און ווען איך זאָל מוזען נאָך לענגער פערבלייבען אין דער געגענוואַרט פון די דאָזיגע מענשען, ווען איך זאָל נאָך לענגער מוזען אויסהערען זייערע רייד, וואָלט אָהן צווייפעל מיט מיר עפּעס אַן אונגליק געשעהען. וואָס פאַר אַן אונגליק? ווער ווייס? אפשר וואָלט איך בלויז נע'חלש'ט. יאָ, וואַהרשיינליך.

איך האָב אַזוי ליעב צו זיין אַליין, אַז איך קען אפילו נישט פערטראָגען, אַז אַנדערע מענשען זאָלען שלאָפען מיט מיר אונ מער איין דאַך. איך קען ניט וואָהנען אין פּאַריז, דאָרט וואָלט איך אָהן צווייפעל צו גרונד געגאַנגען. איך וואָלט געשטאָרבען מאָראַליש. און די גרויסע מאַסע מענשען, וועלכע בעוועגט זיך און לעבט אַרום מיר, פערשאַפט מיר, אפילו ווען זי שלאָפט, גרויסע יסורים אין קערפּער און אין די נערווען. אַך, דער שלאָף פון די מענשען איז מיר נאָך שרעקליכער ווי זייערע רייד! און איך קען קיין מאָל ניט געפינען קיין רוה, ווען איך פיהל הינטער אַ וואַנד דעם אָטהעם פון אַ שלאָפענדיגען מענשען.

פאַרוואָס בין איך אַזוי? ווער ווייס? אפשר האָט עס אַ גאַנץ איינפאַכע אורזאַכע. אַלעס וואָס געהט ניט פאָר אין מיר אַליין מאַטערט מיך שנעל אויס. און אַ סך מענשען פיהלען זיך פּונקט אַזוי ווי איך.

עס זיינען דאָ צוויי סאָרטען מענשען אויף דער וועלט: אַזעלכע וואָס נויטיגען זיך אין געזעלשאַפט, און מענשען וועלכע לעבען נאָר אין דעם אַרומיגען טומעל און ליאַרעם און די איינזאַמקייט פערמאַטערט זיי, מאַכט זיי מיעד, ווי זיי וואָלטען געקלעטערט אויף אַ הויכען באַרג אָדער זיך געשלעפּט אין אַ ווייטען מדבר. און

ווער ווייס?

מיין גאָט! מיין גאָט! איך וויל ארויסלעגען אויף פאפיר, וואָס מיט מיר האָט געטראָפען. אָבער צי וועל איך עס קענען, וועל איך עס וואגען? עס איז אזוי מאָדנע, אזוי אונערקלעהרליך, אזוי אונ-פערשטענדליך, אזוי משוגע!

ווען איך זאָל ניט זיין זיכער אין דעם וואָס איך האָב אליין געזעהען, ווען איך זאָל ניט וויסען בעשטימט אז איך האָב ניט קיין מעות, אז דאָס איז ניט קיין איינגעריידעניש, וואָלט איך געקענט מיינען, אז איך בין איינפאך א קרבן פון א פאנטאזיע, פון א חלום, א מיראזש. אָבער ווער ווייס?

היינט געפין איך זיך אין אן אנשטאלט פאר נערוועזע קראנקע. איך בין אהין אריין מיט מיין אייגענעם ווילען פון פאָרזיכטיגקייט וועגען און פון אנגסט. איין איינציגער מענש נאָר ווייס פון מיין געשיכטע — דער דאָקטאָר פון דעם אנשטאלט. איך וועל זי אָנ-שרייבען אויף'ן פאפיער. איך ווייס אייגענטליך אליין ניט צו וואָס. אפשר, אום זיך גרינגער צו מאכען אויף'ן הארצען, אראָב-צוּוואַרפען פון זיך א שווערע משא, דען איך פיהל, אז עס דער-שטיקט מיך.

איך בין אימער געווען אן איינזאמער מענש, א טרוימער, א שטילער פילאָסאָף, א גוטמוטיגער יונג, וועלכער איז מיט ווייניג צו-פרידען און טראָגט ניט אין זיין הארצען קיין ביטערקייט אנטקעגען מענשען און קיין האס געגען גאָט. איך האָב אימער געלעבט אליין, ווייל צווישען מענשען האָב איך זיך געפיהלט ניט דרייסט, אונזי-כער, פערלעגען. ווי זאָל איך עס ערקלעהרען? איך קען ניט זאָגען, אז איך האָב ניט ליעב געהאט קיין מענשען, אז איך האָב

איך האָב זיך אויפגעהויבען מלא רציחה און אויסגערופען אין א טאָן, ווי אָט־אָט וואָרף איך זיך ארויף אויף זיי און צוריים זיי לעבעדיגערהיים:

— צום טייפעל, וואס זוכט איהר ביי מיר?

דער קוימענקעהרער, וועלכער האָט זיך געשטיקט פאר געלעכ־טער, האָט ארויסגעלאָזען פון זיינע הענד די בלעך פאר'ן אויווען און עס איז מיט א געפּילדער געפאלען צו דר'ערד. דער פּאָר־טער האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט אין גאנצען משוגע געווארען און דער בעל הבית פון הויז האָט געשטאַמעלט:

— אָבער. . . מיר. . . זיינען געקומען. . . וועגען דעם אויווען. . . דעם אויווען. . .

איך האָב געשריען:

— טראָגט זיך אָב פון דאנען. . . געהט צום טייפעל. . .

דאַן האָט ער צומישט ארונטערגענומען דעם הוט און בעת ער האָט זיך ארויסגערוקט פון צימער, האָט ער געזאָגט:

— ענטשולדיגט. . . ענטשולדיגט. . . ווען איך זאָל וויסען, אז איך שטער אייך. . . וואָלט איך ניט געקומען. דער פּאָרטער האָט מיך פערזיכערט, אז איהר זייט אוועקגעגאנגען. . . ענטשול־דיגט. . .

און זיי זיינען אוועק.

און זייט דאַן מאַך איך מעהר קיינמאָל ניט צו די פענסטער, אָבער איך פערריגעל אימער. . . די טיר.

אויף דעם שפּאַלט, דורך וועלכען עס האָט זיך נאָך אריינגעריסען א שטראַהל ליכט, דאַן האָב איך גענומען טאַפּען מיט אויסגע־שטרעקטע הענד, כדי ניט צו פאַלען איבער א שטוהל, און מיט א ציטערנדען הארצען האָב איך געזוכט און געפונען מיין פריינ־דין.

איצט האָבען מיר צוזאמען גענומען טאַפּען אין דער פינסטער, איין מויל צום צווייטען צוגעדריקט, זוכענדיג דעם צווייטען עק פון מיין צימער, וואו דער אַלקער האָט זיך געפונען. הפּנים אז מיר זיינען ניט געגאַנגען מיט דעם ריכטיגען וועג, ווייל מיר האָבען זיך פריהער אָנגעשטויסען אָן דעם קאַמין, דאַן אָן דער קאָמאָדע און צום סוף זיינען מיר צוגעקומען צו דעם געזוכטען פּלאַץ.

דאָ האָב איך אַלעס פערגעסען אין משוגענער ליידענשאַפט. עס איז געוועזען א שטונדע פון איבערמענשליכער פרייד. דאַן איז אויף אונז אָנגעפאַלען א מיעדקייט און צוגעדריקט איינער צום צווייטען זיינען מיר איינגעשלאָפען.

און איך האָב געטרוימט. איך האָב געטרוימט, אז עמיצער רופט מיך, עס האָט זיך מיר געדאכט, אז איך הער געשרייען נאָך הילף. דאַן האָב איך געקראגען א שטאַרקען שטויס. איך האָב געעפענט די אויגען.

אך. . . מיין פענסטער איז געוועזען ווייט אָפען. די אונטערגע־הענדיגע זון האָט אָנגעצונדען דעם ווייטען האָריזאָנט און איהרע פורפור רויטע שטראַהלען זיינען געפאַלען אין צימער אריין און בעלויכטען דאָס בעט, וואו א דערשראָקענע פרוי איז געלעגען און געשריען, געטראמפּעלט מיט די הענד און מיט די פיס, געשלעפּט צו זיך די ארונטערגעפאַלענע דעקע, זיך געצאַפּעלט נאָך א שטי־קעל פאָרהאנג, אדער וואס עס איז, כדי עס אויף זיך ארויפצו־ווארפען. אין מיטען צימער זיינען געשטאַנען גאַנץ פערלעגען דער בעל הבית פון הויז אין א שווארצען ראָק, דער פאָרטער ביי זיין רעכטער זייט און דער קוימענקעהרער, שווארץ ווי א טייפעל, צו זיין לינקער. און אלע דריי האָבען אויף אונז געקוקט מיט נאַ־רישע, אויסגעגלאָצטע אויגען.

האָט מיר צוגעזאָגט אין א פּאָר טעג ארום אליין צו קומען מיט א מאַן נאָכצוזעהן און פעררירכטען דעם אויוועןֿ.

אזוי שנעל ווי מיין פריינדין איז אריין אינעווייניג, האָב איך איהר ערקלעהרט:

— דער אויוועון רויכערט! איך האָב ניט קיין פייער!

עס האָט איהר ווי עס שיינט גאנץ ווייניג געקימערט און זי האָט אויסגעשטאַמעלט:

— עס מאַכט ניט אויס... איך האָב אליין גענוג!

און ווען איך האָב זי פערוואונדערט אַנגעקוקט, איז זי געוואָרען צומישט און געזאָגט:

— איך וויים אליין ניט וואס איך רייד. . . איך בין משוגע. . . איך האָב אין גאַנצען מיין קאָפּ פערלאָרען. אום גאָטעס ווילען, וואָס טהו איך דאָ! צו וואס בין איך אהער געקומען! עס איז אַן אונגליק! איך שעהם זיך פאר זיך אליין. . . איך שעהם זיך. . .

און שלוכצענדיג איז זי מיר געפאלען אין די אָרעמס.

איך האָב אַנגענומען איהרע געוויסענביסע פּאָר עכטע און האָב איהר צוגעזאָגט, אז איך וועל זי ניט אָנריהרען. דאַן האָט זי זיך איינגעקלאַמערט אין מיר און אויסגערופען:

— אָבער, זעהסטו דען ניט, אז איך ליעב דיך? אז דו האָסט מיך בעזיעגט, מיך אין גאַנצען פון זינען אראָבגעבראַכט?

דעם מאָמענט האָב איך געוואלט אויסנוצען און איך האָב געטראַכט, אז איצט איז די צייט אָנצוהויבען. . . אָבער זי האָט געציטערט, ווי א בלאַט, האָט זיך ארויסגעריסען פון מיינע הענד, געגומען אנטלויפען און געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זי וואָלט זיך וועלען בעהאלטען אין שאַפע. דערביי האָט זי נערוועז אויסגערופען:

— אַך, קוקט נישט אויף מיר. . . איך שעהם זיך אזוי. . . ווען עס וואָלט כאָטש געווען דונקעל, אז דו זאָלסט מיך ניט קענען זעהן! אבער אזוי! אַך, עס איז אזוי ליכטיג!

איך בין צוגעלאָפען צום פענסטער, צוגעמאַכט די לאָדענס, אראבגעצויגען די פאָרהאנגען און אויפגעהאנגען מיין אויבעררא̇ק

אָבער זי האָט שוין איהרס געהאט אָבגעטהאָן. איך האָב געטרוימט פון איהר. זי האָט אין מיינע אויגען אויסגעזעהן ריי־צענד שעהן. איך האָב זיך איינגערעדט, אז איך ליעב זי, אז איך וועל זי אימער ליעבען און איך האָב בעשלאָסען פון איצט אָן צו זיין דרייסטער, זאָגאר פרעך, ווען נויטיג.

ווען איך האָב זי ווידער געזעהן, האָט זי צו מיר געשמייכעלט. אך, ווי איהר שמייכעל האָט מיך אויפגערעגט. זי האָט מיר לאַנג און פול מיט בעדייטונג געדריקט די האנד.

פון דעם דאָזיגען טאָג אָן בין איך געוואָרען צו איהר אויפ־מערקזאַמער, בין איהר נאָכגעגאַנגען, הפּנים איהר ליעבע געזוכט יעדענפאַלס האָט זי מיך דערנאָך פערזיכערט, אז איך האָב זי פער־פיהרט, אין קייטען געשמיעדט, איהר עהרע גערויבט און וואָס איהר ווילט.

אָבער איין זאַך האָט מיך שטאַרק בעאונרוהיגט. וואו זאָל איך מיין זיעג געניסען? איך האָב געוואָהנט אין דער היים און מיין פאַמיליע איז אין אזעלכע זאַכען געווען זעהר שטרענג. איך האָב אָבער דאַן נאָך ניט געהאט דעם מוט אין מיטען העלען טאָג צו געהן מיט א פרוי אין א האָטעל. און מיט וועמען זיך אָן עצה האַלטען האָב איך אויך ניט געהאט.

אבער מיין פריינדין אליין האָט מיך ארויסגענומען פון דער דאָזיגער פערלעגענהייט. איין מאָל האָט זי געזאָגט צו מיר מיט א שעלמישען שמייכעל: „יעדער יונגער מאַן מוז האָבען זיין איי־גען צימער אין שטאָדט....“

מיר האָבען געוואָהנט אין פאַריז. דאָס איז געווען א וואונש. איך האָב געדונגען א צימער. . . און זי איז געקומען אהין.

אין א געוויסען נאָוועמבער טאָג איז זי מיך געקומען בע־זוכען. איך אליין האָב שטאַרק געוואָלט די זאַך אָבלייגען, דען צו מיין גרויסען בעדויערען האָט אין מיין צימער קיין פייער ניט געברענט. און דאָס פייער האָט ניט געברענט, ווייל דער קאָמין האָט גערויכערט. גראַדע מיט א טאָג פריהער האָב איך וועגען דעם גערעדט מיט מיין בעל הבית, אַן אמאָליגער סוחר, און ער

די, פון וועלכער איך דערצעהל אייך, האָט ווי עס שיינט שטאַרק געוואָלט, אז איך זאָל זי ערניעדריגען. זי איז געווען אַ יאהר פינף־און־דרייסיג אַלט. מיר איז דאַן ערשט געוואָרען צוויי־און־צוואַנציג. איך האָב אַזוי פיעל אין זינען געהאַט זי צו פערפיהרען, ווי צו ווערען אַ מאָנאַך אין אַ קלויסטער. קורץ, אין אַ געוויסען טאָג, ווען איך האָב זי בעזוכט, האָב איך ערשטוינט בעמערקט, אז זי טראָגט אַ מאָרגען קלייד, וועלכע איז געווען פאר־נאַנדערגעשפיליעט, אָפען, ווי אַ קירכען טיר, ווען מען קלינגט צו גאָטעסדיענסט. זי האָט גענומען מיין האַנד און זי געדריקט, ווי מען דריקט בלויז אין אַזעלכע מאָמענטען, און געזאָגט צו מיר מיט אַ שוואַך קול און אַ טיעפען זיפץ:

— אך, מיין ליעב קינד, קוקט מיך נישט אַזוי אָן!

איך בין געוואָרען רויטער ווי אַ טאָמייטע און, עס פערשטעהט זיך, נאָך מעהר צומישט ווי זי. איך וואָלט מיט פערגעניגען אוועקגעגאַנגען, אָבער זי האָט געהאַלטען מיין האַנד פעסט, דער־נאָך האָט זי זי אַרויפגעלעגט אויף איהר הויכען בוזים און געזאָגט צו מיר:

— אָט, פיהלט ווי מיין הארץ קלאַפט!

עס האָט טאַקע געקלאַפט. איך האָב גענומען פערשטעהן, האָב אָבער ניט געוואוסט ווי איך זאָל זיך האַלטען. — זייט דאַן האָב איך, זעלבסטפערשטענדליך, פיעל געלערענט. —

און איך בין אַזוי געבליעבען שטעהן מיט איין האַנד אויף איהר הארצען און אין דער אַנדערער מיין הוט. דערביי האָב איך זי אָנגעקוקט מיט אַ צומישטען, נאַרישען, צושראָקענעם שמייכעל. אָבער דאָ גלייכט זי זיך פּלוצים אויס און זאָגט צו מיר אין אַ געררייצטען טאָן:

— יונגער מאַן, וואָס טהוט איהר? איהר זייט ניט אַנשטענ־דיג און דרייסט!

איך האָב שנעל אַ כאַפּ געטהאָן מיין האַנד צוריק, מיין שמייכעל איז פערשוואונדען, איך האָב אויסגעשטאַמעלט אַן ענט־שולדיגונג, בין אויפגעשטאַנען און אַנטלאָפען אַ צומישטער און אָהן אַ קאָפּ.

— נו, איצט, אז איהר זייט שוין פארטיג מיט זיך, ווייל איך איך דערצעהלען א ליעבעס אוואַנטיור, אָבער ניט מיין לעצטען נור מיין ערשטען. מיין ערשטען פאַל (דען עס איז אַ פאַל) אין די אָרעמס פון א פרוי. אָה, איך וועל אייך ניט בעשרייבען מיין ערשטען. . . ווי זאָל איך עס אָנרופען. . . . מיין ערשטען אָנהויב — אָה, ניין. דאָס איז ניט אינטערעסאַנט. געווענליך איז עס אַ אונריינע געשיכטע, פון וועלכער מען קומט ארויס אביסעל בע־שמוצט, מיט אַ גרויסען עקעל, עטוואס טרויעריג און מיט אַ שעה־נעם טרוים וועגיגער. די נאַקעטע ווירקליכקייט אין דער ליעבע שטויסט אונז אָב דעם ערשטען מאָל. מען האָט עס זיך גאַנץ אַנדערש פאָרגעשטעלט, צאַרטער, איידעלער. עס בלייבט אין אונז איבער א געפיהל פון מאָראַלישען און פיזישען עקעל, ווי מען וואָלט צופעליג אריינגעשטעקט די האַנד אין פעך און מען קען ניט קריגען קיין וואַסער, אום זיך אָבצואוואַשען. מען קען רייי־בען וויפיעל מען וויל — דער פעך בלייבט אַלץ.

אָבער ווי שנעל געוועהנט מען זיך צו דערצו!

אַלזאָ, וואס איך וויל אייך דערצעהלען, איז, ווי איך האָב גע־וואונען מיין ערשטע פרוי. . . אוים דער גנזעלשאַפט. ענטשול־דיגט, איך מיין די ערשטע פרוי אוים דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט מיך געוואונען. ווייל צוערשט לאָזען מיר זיך פאַנגען. שפּע־טער. . . איז אויך אַזוי.

זי איז געווען מיין מוטער'ס א פריינדין. . . איבעריגענס, א רייצענדע פרוי. ווען דער דאָזיגער סאָרט פרויען איז ריין. . . איז עס געווענליך אַ דאַנק זייער נאַרישקייט, און ווען זיי זיינען פער־ליעבט, דאַן זיינען זיי משוגע. אויף אונז קלאָגט מען זיך, אז מיר פערדאַרבען זיי! עס איז ניט אמת! ביי אַזעלכע הויבט אָן דער האָז אָבער ניט דער יעגער. איך ווייס גאַנץ גוט, אז פון אויי־בען זעהט עס אוים, ווי זיי זיינען גאָר נישט שולדיג, אָבער אין דער ווירקליכקייט זיינען זיי עס יאָ. זיי טהוען מיט אונז וואס זיי ווילען, הגם ניט אָפען. דערנאָך קלאָגען זיי זיך אויף אונז, אז מיר האָבען זיי פערפיהרט, זייער עהרע גערויבט, זיי ערניעדריגט, און וואָס ניט?

מיט איין מאָל אין גאַנצען איבערגעריסען מיט זיינע פריהערדי־
גע געגנאָסען און ניט געוואָלט מעהר פון זיי וויסען.

צווישען אַנדערעס האָבען זיי ביי יעדען דינער זייערן געמוזט
דערצעהלען דעם נאָמען און אַלע איינצעלהייטען פון זייער לעצטען
ליעבעס זיינג. דערפאַר האָט זיך צווישען זיי אויסגעארבייט אַ
ווערטעל: „ער ליינט, ווי אונזער אַ מיטגליעד".

זייער הויפּט פּרינציפּ איז געווען די פעראכטונג צום ווייב־
ליכען געשלעכט און זיי האָבען בעהאַנדעלט די פרויען ווי חיות,
געשאַפען צו בעפריעדיגען די מענערשע תאוה. שאָפּענהויער איז
געווען זייער גאָט. דערצו האָבען זיי געפאָדערט, אז מען זאָל
צוריק איינפיהרען דעם הארעם. אויף דעם טישטוך, אויף וועל־
כען זיי האָבען געגעסען, האָבען זיי געלאָזט אויסנעהען אַ געווי־
סען פערז פון אַלפרעד דע־וויגני:

„אַ קראַנק קינד איז דאָס ווייב און אונריין צוועלף מאָל!"

און אזוי איז עס געקומען, אז אויס לוימער פעראכטונג צו די
ווייבער, האָבען זיי געלעבט איינגענטליך נאָר פאַר זיי, פאַר די
פרויען, וועגען זיי נעטראכט, צו זיי געשטרעבט, נאָך זיי געגארט.
די אַמאָליגע מיטגליעדער, וועלכע האָבען שפּעטער חתונה געהאַט,
האָבען זיי גערופען „אַלטע שירצען יעגער", זיי אויסגעלאכט און
דאָך פאַר זיי מורא געהאַט.

ווען דער סעקט האָט אין די גלעזער געשוימט, האָבען די
אַלטע בחורים געדאַרפט אָנהויבען דערצעהלען זייערע מעשיות.

אין דעם דאָזיגען טאָג זיינען אַלע אַלטע מענער געווען שטאַרק
לוסטיג. וואָס עלטער זיי זיינען געוואָרען, פון אַלץ וואונדערלי־
כערע ערפאָלגען האָבען זיי געהאַט צו דערצעהלען. יעדער פון די
פיער האָט אין לעצטען מאָנאַט אַם וויינינגסטענס איין פרוי אַ טאָג
פערפיהרט! און נאָך וואָס פאַר אַ פרויען! די אינגסטע, די
אַריסטאָקראַטישסטע, די רייכסטע און, עס פערשטעהט זיך, די
שעהנסטע!

ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען מיט זייערע געשיכטען, איז
אויפגעשטאַנען דער ערשטער, וועלכער האָט זיי אַלע געמוזט אויס־
הערען, און געזאָגט:

דער ריעגעל.

די פיער גלעזער פאר די פיער מענער ביים טיש זיינען געשטאנען האלב פול, מייסטענס א סמן, אז די געסט זיינען גאנץ פול. זיי האבען גענומען פלוידערן ניט קימערנדיג זיך איינער וועגען אנדערן, ניט הערענדיג וואס דער אנדערער רעדט, דען יעדערער איז געווען פערנומען מיט זיך אליין און מיט זיינע איינענע זאכען. די שטימען זיינען געווארען העכער און העכער, די בעוועגונגען לעבעדיגער, די אויגען האבען געברענט.

עס איז געווען א דינער פון אלטע בחורים. מיט צוואנציג יאהר צוריק האבען עטליכע פערביסענע געגנער פון פערהייראטען לעבען געגרינדעט א בונד, וועלכען זיי האבען א נאמען געגעבען „פרייע מענער“. דעמאלט זיינען געווען זייערע פערצעהן מאן, אלע ענטשלאסען קיין מאל ניט חתונה צו האבען. פון זיי זיינען איבערגעבליבען בלויז פיער. דריי זיינען געשטארבען, די איבעריגע זיבען האבען געהייראט.

די דאזיגע פיער האבען הויך און פעסט געהאלטען די פאהן און האבען אבגעהיט אלע רעגעלן פון דער פראגראם, וועלכע איז אנגענומען געווארען ביי דער גרינדונג פון דעם דאזיגען זאנדערבארען פעראיין. זיי האבען געגעבען א האנד איינער דעם אנדערן ארויסצופיהרען אזוי פיעל פרויען, ווי נור מעגליך פון דעם זאגענאנטען „גלייכען וועג“. די ערשטע כפרה היהנדלעך האבען געזאלט זיין די פרויען פון זייערע פריינד, איבערהויפט פון די בעסטע, אינטימסטע פריינד. דערפאר האט יעדער, וועלכער איז ארויס פון דעם דאזיגען פעראיין, אום צו גרינדען א פאמיליע,

— פאר וואס האסטו איהם ניט געזאגט?

— ווייל, ער וואלט מיר אפשר ווידער נעהייסען צאהלען.

די אלטע האט א ווײלע געטראכט און דאן האט זי ווידער אויפגעהויבען איהרע עמער:

— מארש, שטעה אויף און זעה, אז דו זאלסט מיר געהן, ווי א מענש.

דאן נאך א קורצען שטילשווייגען, האט זי בעמערקט:

— און דו זאלסט עס איהם נאך ניט זאגען, ביז וואנען ער וועט עס אליין בעמערקען, כדי מיר זאלען קענען נאך זעקס ארער אכט פראנק איינשפארען!

צעלעסטינע האט זיך אויפגעהויבען, זי האט נאך אלץ געוויינט, איהר הייבעל האט זיך פעררוקט אן א זייט און מיט שווערע טריט האט זי גענומען געהן ווייטער, ברומענדיג:

— ניין מוטער, איך וועל גאר נישט זאגען!

אכט־און־פערציג פראנק. דאן האט זי אויסגערעכנט, אז אין נאך צוויי יאהר ארום וועט עס אויסמאכען כמעט הונדערט פראנק.

און דאס האט זי בערעכענט אזוי לאנג, ביז איין מאל אין א פריהלינג טאג, ווען זיי זיינען געווען אליין און ער האט ווי געוועהנליך געפרעגט:

— נו, היינט?

האט זי געענטפערט:

— ווי איהר ווילט, הערר פאליט.

ער האט זיך גאר נישט פערוואונדערט און האט נור גלייך אריבערגעקלעטערט פון דער הינטערשטער באנק אין וואגען אריין. דערביי האט ער געזאגט מיט א צופריעדענער מינע:

— נו, יא, איך האב עס דאך פריהער געוואוסט.

און דאס פערדעל האט זיך געשלעפט אזוי לאנגזאם, עפעס אזוי ווי עס וואלט זיך ניט וועלען ריהרען פון פלעק און האט ניט געפאלגט די שטימע, וועלכע האט פון דער טיעפעניש פון וואגען צו איהם פון צייט צו צייט געשריען:

— הי, ליזע! הי, ליזע!

אין דריי מאנאטען ארום האט צעלעסטינע בעמערקט איהר אונגליק.

* * *

דאס אלעס האט זי מיט א וויינענדיג קול דערצעהלט איהר מוטער און די אלטע האט געפרעגט בלייך פאר כעס:

— אלזא, וואס האט דאס דיר איינגעבראכט ביז אהער?

— צעלעסטינע האט געענטפערט:

— פיער מאנאטען, נו, אכט פראנק דאך געווים.

— דא איז די אלטע געווארען אנגעצונדען פאר כעס, זי האט זיך ווידער אווארף געטהאן אויף איהר טאכטער און איהר גענומען געבען קלעפ, ביז זי האט שוין מעהר קיין כחות ניט געהאט זי צו שלאגען. צום סוף, ווען זי האט זיך אויפגעהויבען, האט זי געפרעגט:

— האסטו איהם נאך ניט געזאגט, אז דו ביזט שוואנגער?

— ניין, נאך ניט.

— ביי אזא גוטען קינד ווי איך, האָט איהר געמעגט נעהמען זעקס סו, עס וואָלט געווען גאַנץ גענוג.

ער האָט גענומען לאַכען:

— איין זעקסער, קליינע, ביזט מעהר ווערט ווי דאָס.

זי האָט געבעטען:

— דאָס מאַכט דאָך בלויז אויס מיט צוויי פראַנק ווייניגער אויפ'ן מאָנאַט.

ער האָט אויסגערופען און א שמייכל געטהאָן דאָס פערד:

— נו, איך וויל זיין גוט, פאר א קליינע געפעליגקייט וועל איך עס טהאָן.

זי האָט נאַריש געפרעגט:

— וואָס מיינט איהר?

דאָס האָט איהם פערשאפט אזוי פיעל שפאַס, אז ער האָט זיך אזש צוהוסט פאר געלעכטער.

— א געפעליגקייט, נור א קליינע געפעליגקייט... אָט ווי צווישען מאַן און ווייב און אָהן מוזיק!

זי האָט פערשטאַנען, איז רויט געוואָרען און ערקלעהרט:

— ניין, איך האָב ניט ליעב אזעלכע שפאַסען!

אָבער ער איז נישט צומישט געוואָרען און האָט ווייטער גע־רעדט, בעת די געשיכטע האָט איהם אַלץ מעהר און מעהר אמוזירט:

— נו, נו, דו וועסט שוין ווייכער ווערען, מיר וועלען בלויז שפּיעלען אביסעל אין מאַן און פרוי.

און זייט דאַן האָט ער יעדעסמאָל, ווען זי האָט געדארפט צאָה־לען, אננעהויבען צו פרעגען:

— נו, היינט?

זי האָט באַלד אויך גענומען טרייבען שפאַס און געענטפערט:

— היינט ניט, הערר פּאָליט, אָבער שבת גאַנץ זיכער!

און ער האָט אויסגערופען מיט א געלעכטער:

— גוט, קליינע, אלזא שבת!

אָבער זי האָט זיך בערעכענט, אז זייט צוויי יאָהר, וואס זי שפּיעלט זיך אזוי מיט פּאָליט'ן, האָט זי איהם איבערגעגעבען אכט־און־פיערציג פראַנק און אין דאָרף געפינט מען ניט אין גאַס קיין

פון אַן אַלטען, ווייסען פערד און פּאָליט דער קוטשער, אַ דיקער, שטענדיג פרעהליכער יונג. ער איז געווען שטאַרק בעלייבט ניט קוקענדיג אויף זיינע יונגע יאָהרען, פערברענט פון דער זון, פון ווינד און אַלע וועטער'ן כמעט שוואַרץ, פון רעגען דורכגענעצט, פון שנאַפּס אַנגעוואַרעמט, אַזוי אַז זיין פּנים און זיין האַלז האָבען אויסגעזעהן, ווי אַ ציעגעל. קנאַקענדיג מיט'ן בייטש, האָט ער נאָך פון ווייטען אויסגערופען:

— גוט מאָרגען, פריילייך צעלעסטינע, ווי געהט עס אייך?

זי פלעגט איהם דערלאַנגען איהרע קערב, איינעם נאָכ'ן אַנדערען, ער האָט זיי אַרויפגעשטופּט אויפ'ן וואָגען, דאַן איז זי אַרויפגעקראָכען, האָט אויפגעהויבען דעם פוס הויך, אום צוצוקומען צום טרעפּעל, און דערביי האָט מען געזעהן דעם בלויען זאָק אויף איהר גראָבער פּאָלקע, און יעדעס מאָל האָט פּאָליט געזאָגט דעם זעלבען וויץ:

— איהר זייט ניט מאָגערער געוואָרען!

און זי האָט געלאַכט; איהר האָט עס אויסגעוויעזען מוראַדיג קאָמיש.

דאַן האָט ער אויסגערופען:

— הי, ליעזע!

און דאָס מאָגער פערדעל האָט זיך אָוועקגעשלעפּט. דאַן האָט צעלעסטינע אַרויסגעצויגען פון דער טיעפעניש פון איהר קעשענע אַ פּאָרטמאָנע, אַרויסגענומען פון דאָרט צעהן סו, זעקס סו פאַר זיך און פיער פאַר די קערב, און עס דערלאַנגט פּאָליט'ן איבער'ן אַקסעל אַריבער. יענער האָט עס גענומען מיט די ווערטער:

— נו, מילא, היינט מוז הפּנים זיין אַזוי! — און ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ ברייטען געלעכטער און זיך אומגעדרעהט, אום זי בעסער צו זעהן. עס איז איהר געווען זעהר ביטער אויפ'ן האַרצען, איהם פאַר יעדעס מאָל פאָהרען צו געבען אַ האַלבען פראַנק און ווען זי האָט ניט געהאַט קיין קליינגעלד איז איהר געווען נאָך ערגער. זי האָט ניט געקענט ביי זיך פועל'ן, איהם צו געבען אַ זילבערנע מטבעה. און איין מאָל אין אַ געוויסען טאָג, ווען זי האָט איהם געדאַרפט בעצאָהלען, האָט זי געזאָגט:

טינע, וועלכע איז איצט געלעגען אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג צווישען איהרעביידע עמער, וועלכע האָבען זי אַביסעל בע־שיצט, האָט נאָר פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד.

אַלע קיה האָבען אויפגעהערט צו פרעסען, האָבען זיךפערוואונ־דערט אומגעדרעהט און אַנגעקוקט מיט זייערע גרויסע אויגען די ביידע פרויען. די וואָס איז געשטאַנען אם נאָהענטסטען האָט גענומען מעעקען.

— איז דאָס מעגליך, פאַליט איז עס נאָר געווען? אָבער ווי אַזוי האָסטו געקענט זיך אריינלאָזען מיט א קוטשער? דו ביזט הפּנים פון זינען אראָב! מיט אַזא שלעפער האָסטו געשעפטען?

צעלעסטינע, וועלכע איז נאָך אַלץ געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, האָט געוויינט אין גראָז אריין:

— דערפאַר האָב איך דאָך ניט געדאַרפט בעצאָהלען קיין פוהר־געלד!

און די אַלטע נאָרמאַנישע פרוי האָט אַלעס פערשטאַנען.

* * *

צוויי מאָל א וואָך, מיטוואָך און שבת איז צעלעסטינע גע־פאָהרען אין שטאָדט אום צו פערקויפען דאָרט היהנער, מילך און אייער, וואָס זיינען איבערגעבליעבען פון דער פאַרמע. זיעבען אזייגער אין דער פריה פלעגט זי אוועקגעהן מיט צוויי גרויסע קערב אויפ׳ן אָרעם, אין איינעם מילך אין צווייטען די היהנער. ארויס אין גאַס, האָט זי דאָרט אָבגעוואַרט דעם פּאָסט וואָגען, וועלכער איז געפאָהרען קיין וועטאָט.

זי פלעגט אוועקשטעלען איהרע קערב אויף דר׳ערד און אליין זיך צוזעצען אויפ׳ן גראָבען, בעת די היהנער מיט זייערע קורצע, שפּיציגע שנאָבלען און די ענדיקעס מיט די ברייטע און פלאַכע, האָבען ארויסגעשטעקט זייערע קעפּ פון צווישען די שטאַכעטען פון זייער שטיינ און זיך מיט רונדע, נארישע אויגען פערוואונדערט ארומגעקוקט.

באַלד איז אָנגעקומען דער וואָגען, אַזא מין סאָרט געלער קור־פערט מיט א שווארצען לעדערנעם צודעק פון אויבען, געטריבען

איצט האָט אויך די אַלטע אָראָבגעשטעלט איהר לאַסט אויף דער ערד. זי איז געוואָרען אַזוי איבערראַשט, אַז זי האָט ניט געקענט אַרויסברייינגען קיין איין וואָרט. צום סוף האָט זי אַרויס־געשטאַמעלט:

— דו ביזט שוואַנגער, דו נאַרישע מויד דו, איז דאָס מעגליך?

די מאַליוואַירס זיינען געווען רייכע פּויערים, האָבען געהאַט אַ נאָמען, געווען אָנגעזעהען און מיט אַן איינפלוס. — צעלעסטינאַ האָט געשטאַמעלט:

— יאָ, איך גלויב אַזוי!

די צושראָקענע אַלטע האָט אָנגעקוקט איהר טאָכטער, וועלכע איז געזעסען פאַר איהר אַ וויינענדיגע און באַלד האָט זי גענומען שרייען:

— זייט ווען ביזטו שוואַנגער, און ווי אַזוי האָט עס מיט דיר פּאַסירט, דו מיאוסע בריאה?

און צעלעסטינע האָט געשעפּטשעט אַ צובראָכענע:

— איך גלויב אין פּאַלים׳ס וואָגען.

די אַלטע האָט זיך געסטאַרעט צו פערשטעהן, זיך אָנצושטויסען און אַרויסצוקריגען, ווער סע האָט דאָס געקענט אָבטהאָן איהר טאָכטער. אויב דאָס איז אַ רייכער יונג, וועט זי שוין די געשיכטע אין אָרדנונג ברייינגען; דאַן וואָלט עס נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט. צעלעסטינע איז ניט געווען די ערשטע מיט וועלכע אַזאַ זאַך האָט פּאַסירט. פון דעסטוועגען האָט איהר דאָך פערדראָסען, עס איז איהר ניט אָנגעשטאַנען אַזאַ געשיכטע, עס האָט ניט געפּאַסט ניט פאַר איהר און ניט פאַר לייטען און זי האָט געזאָגט:

— ווער האָט עס דיר געטהאָן, דו פּאַסקודסטוואָ?

צעלעסטינע איז געווען ענטשלאָסען איצט אַלעס צו זאָגען און זי האָט געשטאַמעלט:

— איך גלויב, עס איז געווען פּאָליט.

דאָ האָט זיך די אַלטע אַ וואָרף געטהאָן אויף איהר טאָכטער מלא רציחה און זי גענומען אַזוי שלאָגען, אַז זי האָט איהר הייבעל פערלאָרען. זי האָט איהר געקלאַפּט מיט די קולאַקעס אויף קאָפּ, אויף׳ן רוקען, איבעראַל וואו זי האָט נאָר געטראָפען. און צעלעס־

גאָלד־ברוינע, הייגנגענדיגע פליישיגע אייטער. און מוטער און טאָכטער קניהען אונטער דעם לייב פון דער קוה און ציהען מיט אַ קורצער, שארפער בעוועגונג דאָס אויפגעבלאָזענע אייטער אראָב, וועלכער לאָזט ביי יעדען דרוק אַ פיינעם מילך־שטראָם אין עמער אריין. דער עמוואָס געלבליכער שוים הויבט זיך אויף ביז צו די ברעגעס, און ביידע פרויען געהען דורך די גאַנצע רייהע פון איין בהמה צו דער אַנדערער.

אזוי שנעל ווי זיי האָבען איין קוה אויסגעמאָלקען, טרייבען זיי זי אָב אַ שטיק ווייטער, אום אַז זי זאָל זיך קריגען אַ שטיק פעלד מיט פרישען ניט געטשעפעטען גראָז. דאַן געהען זיי לאַנג־זאם אוועק צוריק, געבוינען אונטער דער שווערער לאסט פון די מילך, די מוטער אפריהער און די טאָכטער נאָך איהר.

אָבער פלוצים בלייבט די טאָכטער שטעהן, לאָזט ארונטער איהר שווערע עמער, זעצט זיך און הויבט אָן צו וויינען. און ווען מוטער מאַליוואַיר הערט ניט מעהר הינטער זיך די טריט פון איהר טאָכטער, דרעהט זי זיך אום און בלייבט שטעהן ערשטוינט.

— וואָס איז דיר? — פרעגט זי.

צעלעסטינע, איהר טאָכטער, אַ גרויסע מויד מיט רויטע האָאר, מיט רויט פארברענטע באַקען און זומער־שפרינקלאַך, וועלכע זעהען אויס ווי פונקען וואָלטען איהר אויף׳ן פנים ארויפגעפאַלען, האָט געענטפערט בליפענדיג שטיל, ווי אַ קינד, וואָס מען האָט אַנגע־שלאָגען:

— איצט קען איך ניט מעהר שלעפען די מילך!

— וואָס איז דיר דען?

צעלעסטינע האָט געענטפערט זיצענדיג איינגעזונקען צווישען איהרע ביידע עמערס און ווישענדיג מיט׳ן פארטוך די אויגען:

— דאָס איז צו שווער, איך קען עס ניט איינהאַלטען!

די מוטער האָט געפרעגט צום דריטען מאָל:

— וואָס איז דיר דען?

און די טאָכטער האָט ארויסגעקרעכצט:

— איך גלויב... איך בין שוואַנגער...

און זי האָט גענומען שלוכצען.

זיך מודה געווען



טראהלענדיג שיינט די זון אויף די פעלדער, אויף די פריצישע הויפען, אויף די בוימער. די גאָל־דענע קאָרן־זאנגען, דער העל־גרינער האָבער, דאָס דונקעל־גרינע גראָז האָבען אויסגע־שפרייט א גרויסען, געשטרייפטען, זיך לייכט־בעוועגענדען מאַנטעל איבער'ן נאַקעטען לייב פון דער ערד.

דאָרט פון ווייטען, אויף'ן גראָז, פאשען זיך אַן אונענדליך לאנגע רייהע קיה. אייניגע ליגען, אנדערע שטעהען און מיט זייערע גרויסע אויגען פינטלען זיי, פארבלענדט פון דער ברענענדינער זון. זיי מעקען און פרעסען דאָס גראָז פון פעלד, וועלכער ציהט זיך אוועק אין דער ברייט און אין דער לענג, ווי א ים.

צוויי פרויען, מוטער און טאָכטער, געהען מיט א ווינענדיגען טריט, איינע הינטער דער אנדערער, אויף א שמאָלער סטעזשקע צווישען די תבואה־פעלדער צו דער סטאַדע בהמות.

זיי טראָגען ביידע צו צוויי בלעכענע עמערס אויף א גרויסען שטעקען איבער די שולטערן. און ביי יעדען טריט, וואָס זיי טהוען, בליסטשעש דאָס ווייסע מעטאַל אויף דער זון.

זיי ריידען ניט; זיי געהען מעלקען די קיה. אָט זיינען זיי צוגעקומען, אוועקגעשטעלט די עמער, צוגעגאַנגען צו די ערשטע צוויי קיה און זיי געגעבען א זעץ מיט די הילצערנע שיך אין זייט, אז זיי זאָלען זיך אויפהויבען.

די בהמה הויבט זיך אויף לאנגזאם, צוערשט אויף די פאָ־דערשטע פיס, דאן שטרעקט זי אוים איהר ברייטען הינטערשטען טהייל, וועלכער זעהט אויס נאָך שטאַרקער צוליעב דאָס גרויסע,

און איך האָב געענטפערט מיט א פעסטער שטימע:

— איך האָב פופציג סאַנטים טרינק געלד געגעבען.

מיין מוטער האָט זיך א כאַפּ געטהאָן און מיך שאַרף אָנ־געקוקט:

— דו ביזט הפנים משוגע געוואָרען, געבען פופציג סאַנטים אזא שלעפּער, אזא לומפּ...

מיין פאָטער האָט זי אָנגעקוקט פול בעדייטונג און פון דער זייט געוואָרפען א בליק אויף זיין איידעם, אזוי אז זי האָט איהרע רייד אין מיטען איבערגעבראָכען. דאַן זיינען אַלע אנשווייגען גע־וואָרען. פאר אונז האָט זיך ווי א וויאָלעטער שאָטען פון ים אויפגעהויבען. דאָס איז געווען דזשאֵייזי. ווען מיר זיינען צו־געקומען צום האַפען, האָב איך געפיהלט א בעדירפעניש נאָך א מאָל צו זעהן אַנקעל יוליוס, צו איהם צו צוגעהן און איהם מיט עפּעס טרייסטען.

אָבער אזוי ווי קיינער האָט שוין מעהר קיין אויסטערס ניט גענעסען, איז ער פערשוואונדען געוואָרען. דער שלים מזל׳דיגער מענש איז הפּנים אראָב אין דעם פארשטונקענעם שיף־קעמערל, וואו ער האָט געוואָהנט.

ווען מיר זיינען צוריק געפאָהרען, האָבען מיר אויסגעקליבען א שיף איבער אַן אנדרער וועג, אום איהם ווידער ניט צו באגעגענען. מיין מוטער האָט די אונרוהה צופיעל געמאַטערט.

איך האָב מיין פאָטער׳ס ברודער קיין מאָל מעהר נישט גע־זעהן און אָט דערפאַר, זעהסטו, גיעב איך דאָס פון צייט צו צייט אַן אָרימאַן א פינף פראַנק שטיק.

אויסטערס. מעהר פעהלט אונז נישט, נור אז דער בעטלער זאָל אונז דערקענען, דאַן וועט זיין א שעהנער סקאַנדאַל אויף'ן שיף. מיר וועלען אריבערגעהן אויף דער אַנדערער זייט און זעהן, אז דער מאַן זאָל נישט צוקומען צו נאָהענט צו אונז.

זיי זיינען אויפגעשטאַנען און אוועק, נאָכדעם ווי איך האָב געקריגען א פינף פראַנק שטיק. מיינע שוועסטער האָבען פער־וואונדערטע אויפ'ן פאָטער געוואַרט. איך האָב זיי פערזיכערט, אז די מאַמע איז עטוואָס זעהר קראַנק געוואָרען, און געפרעגט דעם אויסטער עפענער:

— וואָס זיינען מיר אייך שולדיג?

איך האָב מורא געהאַט, אז איך זאָל ניט צולייגען: „ליעבער אַנקעל".

ער האָט געענטפערט:

— צוויי פראַנק פופציג סאַנטים.

איך האָב איהם דערלאַנגט מיין פינף פראַנק שטיק און ער האָט מיר ארויסגעגעבען דאָס איבעריגע געלד צוריק. דערביי האָב איך אָנגעקוקט זיין צוקנייטשטע, צורונדעלטע מאַטראָזען האַנד און זיין פּנים, אַן אַלט, פאַר'חושכ'ט, טרויעריג, מיעד פּנים. און איך האָב געזאָגט צו זיך אַליין: דאָס איז אַלזאָ מיין אַנקעל, דער ברו־דער פון מיין פּאַפּאַ. איך האָב איהם געגעבען צעהן סאָו טרינק־געלד.

ער האָט געדאַנקט.

— גאָט זאָל אייך דערפאַר העלפען, יונגער הערר.

דער טאָן פון אַן אָרימאַן האָט געקלונגען אין זיין דאַנק, פון א בעטלער, וואָס קריגט א נדבה; ער האָט הפּנים דאָרט, אויף יענער זייט ים געבעטעלט. מיינע שוועסטער האָבען מיך אָנגע־קוקט. זיי זיינען געוועזן זעהר ערשטוינט פון מיין פרייגעביגקייט. ווען איך האָב די צוויי פראַנק מיין פאָטער אָבגעגעבען, האָט מיין מוטער געפרעגט:

— די אויסטערס האָבען דריי פראַנק געקאָסט? דאָס איז דאָך ניט מעגליך!

— אזוי, אזוי, זעהר שעהן. דאס וואונדערט מיך גארנישט. איך דאנק אייך פיעל מאל, הערר קאפיטאן.

און ער איז אוועק, בעת דער קאפיטאן האט איהם שטארק פערוואונדערט נאכגעקוקט. מיין פאטער איז אזוי דערשראקען צו דער מוטער צוגעקומען, אז זי האט אויסגערופען איהם אנטקעגען:

— זעץ זיך צו, אז ניט וועט מען נאך באמערקען, וואס דא טהוט זיך.

ער האט זיך אראבגעלאזען אויף א באנק און גענומען שטאמלען:

— ער איז עס, ער איז עס.

דערנאך האט ער געפרעגט:

— וואס טהוט מען איצט?

און זי האט געענטפערט מיט היץ:

— מיר מוזען די קינדער אוועקנעהמען פון דאנען. אזוי ווי יאזעף וויים שוין סיי ווי סיי, טא זאל ער געהן און זיי אוועקרופען. אבער די הויפט זאך איז, אז אונזער איידעם זאל דערפון גארנישט וויסען.

מיין פאטער איז קענטיג געווען אויסער זיך; ער האט געמורמעלט:

— אזא שלים מזל!

מיין מוטער, וועלכע איז פלוצים געווארען אויפגעבראכט, האט צוגעלעגט:

— איך האב אבער פון שטענדיג אן געטראכט, אז פון דעם גנב וועט גארנישט ארויסקומען און ער וועט אונז נאך א מאל ווידער פאלען צו לאסט! נו יא, וואס פאר א גוטעס קען מען ערווארטען פון א דאווראנשע!

און מיין פאטער האט א פיהר געטהאן מיט דער האנד איבער'ן שטערן, ווי ער פלעגט געוועהנליך ביי די פארווירפע פון זיין פרוי טהאן.

זי האט צוגעלעגט:

— גיעב יאזעף'ן געלד, אום ער זאל גלייך בעצאהלען פאר די

פיטאן און פרעג איהם. אבער אום נאטעם ווילען, זיי פארזיכטיג, אז דער טויגעניכטס זאל זיך אונז ווידער ניט אנלעגען אויפ'ן קארג.

מיין פאטער איז אוועק, און איך האב איהם נאכגעפאלגט. איך בין געווען זעהר בעוועגט. דער קאפיטאן, א גרויסער, מאגע־רער מאן, מיט לאנגע וואנצעס, האט מיט אזא וויכטיגער מינע געטראטען אויף דעם קאמאנדע־בריק, ווי ער וואלט א שיף נאך אינדיען געפיהרט.

מיין פאטער האט צו איהם גענומען רעדען פייערליך, האט איהם אויסגעפרעגט וועגען זיין בערוף און איהם דערביי א פאאר קאמפלימענטען געמאכט. ער האט געוואלט עטוואס וויסען איבער דער בעדייטונג פון דזשאייזי, פון זיינע פראדוקטען, זיין בעפעל־קערונג, די זיטען און געוואהנהייטען וואס הערשען דארט און אזוי ווייטער. דאן האט ער גענומען רעדען איבער דאס שיף, דעם „עקספרעס". דערנאך פון זיינע מאטראזען. און אויפ'ן סוף האט מיין פאטער מיט אן עטוואס אונזיכערער שטימע געזאגט:

— איהר האט דא אויפ'ן שיף עפעס אן אלטען מאן, וועלכער עפענט די אויסטערס. דער זעהט מיר אוים זעהר אינטערעסאנט. ווייסט איהר עפעס נעהנטערעס פון דעם גוטען אלטען?

דער קאפיטען, ווען די דאזיגע אונטערהאלטונג האט גענור־מען ווערען לאנגווייליג, האט געענטפערט טרוקען:

דאס איז אן אלטער פראנצויזישער שלעפער, וועמען איך האב לעצטען יאהר אין אמעריקא געטראפען און וועלכען איך האב צוריק אהער געבראכט. איך גלויב, ער האט קרובים אין האוור. אבער ער וויל צו זיי ניט קומען, ווייל ער איז זיי שולדיג געלד. ער הייסט יוליוס דארמאנשע אדער דאווראנשע, מיט איין ווארט עטוואס עהנ־ליכעס. עס שיינט, אז ער איז דארט אין אמעריקא, א מאל רייך געווען, אבער ווי איהר זעהט, איז ער איצט ווידער גאנץ געפאלען.

מיין פאטער איז געווארען טויט ווי קאלך און האט געשטא־מעלט מיט א הייזעריגער שטימע, קוקענדיג צושראקען ארום זיך.

ראָק און איך האָב געהערט, ווי מיין מוטער האָט געברומט: ער וואָלט עס בעסער צו רוה געלאָזען!

אָבער מיט איין מאָל איז אויף מיין פאָטער עפּעס אַ געוויסע אונרוה אָנגעפאַלען, ער האָט אַ פּאָאַר טריט צוריק געטראָטען און האָט מיט שטאַרע אויגען זיין פאַמיליע אָנגעקוקט, וועלכע איז ארום דעם מאַן געשטאַנען, וואָס האָט די אויסטערס געעפענט.

דאַן איז ער צו אונז צוגעקומען. מיר האָט זיך געדאכט, אַז ער איז בלייך געוואָרען און זיינע אויגען האָבען אַ בעזונדערען אויסדרוק אָנגענומען. ער האָט אין דער שטיל געזאָגט צו מיין מוטער:

— עס איז דאָך מערקווירדיג, ווי דער מאַן דאָ, וועלכער עפענט אויף די אויסטערס, איז ענליך צו יוליוס'ן.

מיין מוטער האָט געפרעגט ערשטוינט:

— וואָס פאר אַ יוליוס?

מיין פאָטער האָט געענטפערט:

— אָט, מיין ברודער יוליוס. ווען איך זאָל ניט וויסען, אַז איהם געהט גוט דאָרט, אין אמעריקאַ, וואָלט איך כמעט געווען זיכער, אַז דאָס איז ער.

מיין מוטער האָט גענומען שטאַמלען צושראָקען:

— ביזטו משוגע? ווען דו ווייסט, אַז דאָס איז נישט ער, טאָ צו וואָס טוּיג דיר רעדען אַזעלכע נארישקייטען?

אָבער מיין פאָטער איז געבליבען ביי דאָס זייניגע:

— קוק איהם אקאָרשט גוט אָן, קלאַריסאַ! עס איז מיר ליעבער, אַז דו זאָלסט זיך אַליין איבערצייגען.

זי איז אויפגעשטאַנען און אוועק צו איהרע טעכטער. אויך איך האָב אָנגעקוקט דעם מאַן. ער איז געווען אלט, שמוציג, פול קנייטשען און האָט ניט אָבגעריסען די אויגען פון זיין בעשעפ־טיגונג.

מיין מוטער האָט זיך צוריק געקעהרט. איך האָב געזעהן, ווי זי האָט געציטערט און ווי זי האָט שנעל געזאָגט:

— איך גלויב, עס איז ער. געה אקאָרשט אריבער צום קאַ־

געבען. זיי האָבען געגעסען זעהר פּאַרזיכטיג, האַלטענדיג די אויס־טערס אין פיינע מאשענטיכער, בעת זיי האָבען דעם מויל אין פּאַרראויס פאררישען, אום ניט צו מאַכען קיין פלעקען אויף זייע־רע קליידער. דאַן האָבען זיי מיט אַ פּלוציםדיגער בעוועגונג דאָס וואַסער פון די אויסטערס אויסגעטרונקען און די שאָלעכץ אין ים אריינגעוואָרפען. מיין פּאָטער איז הפנים געפעלען געוואָרען די אַריסטאָקראַטישע אַרט צו עסען אויסטערס אויפ׳ן שיף. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס איז אויסערגעוועהנליך פיין, און ער איז צוגעקומען צו דער מוטער מיט דער שוועסטער מיט דער פראַגע:

— זאָל איך אייך הייסען געבען אַ פּאָאַר אויסטערס?

מיין מוטער האָט זיך מישב געווען צוליעב די קאָסטען. אָבער מיינעביידע שוועסטער האָבען גלייך אָנגענומען. און מיין מו־טער האָט געזאָגט מיט כעס:

— איך האָב מורא, איך וועל קריגען דערפון בויך־וועהטאָג. גיעב נאָר די קינדער, אָבער ניט צופיעל, אַז זיי זאָלען ניט קראַנק ווערען.

דאַן האָט זי זיך אַ קעהר געטהאָן צו מיר און צוגעלעגט:

— יאָזעף דאַרף עס גאָרנישט. מען טאָר אַזעלכע אינגלאַך ניט צולאָזען.

איך האָב געמוזט בלייבען נעבען דער מוטער, הגם איהר אונ־טערשיידונג צווישען מיר און די עלטערע איז געווען זעהר אַן אונגערעכטע. איך האָב נאָכגעקוקט מיין פּאָטער, וועלכער האָט זיינע ביידע טעכטער און זיין איידעם, צו דעם אַלטען, אָבגעריסע־נעם מאַטראָז צוגעפיהרט.

די ביידע דאַמען זיינען נור וואָס אַוועקגעגאַנגען און מיין פּאָטער האָט ערקלעהרט מיינע שוועסטער, ווי אַזוי מען דאַרף עסען די אויסטערס, אַז זיי זאָלען ניט אויסרינען. ער אַליין האָט זיי געוואָלט ווייזען ווי אַזוי מען מאַכט די זאַך, און האָט גענומען אַן אויסטער. פּרובירענדיג צו מאַכען אַזוי ווי יענע דאַמען האָבען עס געטהאָן, האָט ער דעם גאַנצען אינהאַלט אויסגעגאָסען אויף זייז

זיטען צו שטודירען, ווייל אויף דעם דאָזיגען אינזעל פלאַטערט דער פלאַג פון גרויס בריטאַניען, ווי דער פּראָסטער עולם זאָגט.

מיט דער דאָזיגער רייזע קיין דזשאַייזי האָבען מיר זיך אַ לאַנגע צייט בעשעפטיגט. זי איז געוואָרען אונזער איינציגע ערוואַרטונג; מיר האָבען פון קיין שום אַנדער זאַך ניט געטרוימט. צום סוף זיינען מיר אָבגעפאָהרען. איך זעה נאָך אַלעס קלאָהר פאַר זיך, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטען געשעהן: דעם גרויסען דאַמפּפער, ווי ער איז רויכערענדיג אין האַפען פון גראַנוויל געלעגען, מיין פאָטער, ווי ער האָט אָן איפגערעגטער אונזערע דריי פּעקלאַך באַגאַזש געהיט; מיין מוטער, וועלכע האָט בעזאָרגט די עלטסטע אונפערהייראַטע טאָכטער אונטער'ן אָרעם גענומען — זייט די אַנדערע איז פון הויז אוועק, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ציפּליאָנאָק'ל, וועלכער איז איינער אליין ביי דער הוהן פערבליבען — און הינטער אונז דאָס יונגע פּאָאָר פּאָלק, וועלכע איז אימער אביסעל אָבגעשטאַנען, אַזוי אַז איך האָב אָפט צו זיי דעם קאָפּ אומגעקעהרט.

דאָס שיף האָט גענומען פייפען; מיר זיינען געווען ביים ברעג. דאָס שיף האָט פערלאָזען דעם האַפען און האָט זיך אוועקגעלאָזט אין ים אַרויס, וועלכער איז געלעגען פלאַך פאַר אונז, ווי אַ טיש פון גרינעם מאַרמאָר. מיר האָבען געזעהן ווי די ברעגעס ווערען פערשוואונדען און האָבען זיך געפיהלט גליקליך און שטאָלץ, ווי אַלע, וואָס געהען זעלטען אויף רייזען.

מיין פאָטער איז געשטאַנען דערביי אין זיין שווארצען ראָק, פון וועלכען מען האָט נאָך אין דערפריה פאָרזיכטיג אַלע פלעקען אַרויסגענומען און האָט פאַרשפּרעהט אַ בענזין־גערוך, ווי אין די שפּאַציר טעג, פון וועלכע איך האָב גלייך דערקענט, אַז עס איז זונטאַג.

פּלוצים האָט ער בעמערקט צוויי עלעגאַנטע דאַמען, וועמען צוויי הערען האָבען אָנגעבאָטען אויסטערס. אַן אַלטער אָבגעריסענער מאַטראָז האָט געעפענט די שאָלעכץ מיט אַ מעסער און דערלאַנגט די הערען, וועלכע האָבען זיי דאַן די דאַמען איבערגע־

און מיין פאָטער האָט יעדען זונטאג, ווען ער האָט געזעהן די מעכטיגע שיפען מיט די וואָלקענם רויך נאָך זיי, וואָס האָבען זיך ווי שלאַנגען צום הימעל געדרעהט, זיין געוועהנליכע פראזע ווידער־האָלט:

— אַך, ווען יוליום וואָלט מיט אָט אזא שיף צוריק געקומען. דאָס וואָלט געווען אן איבערראשונג!

און מען האָט כמעט געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט מיט זיין טאַשענטוך פאָכען און וועט אויסרופען: „הוררא, פיליפ!"

טויזענד לופט־שלעסער האָט מען געבויט אויף דאָס דאָזיגע צוריק קומען פון דעם אַנקעל. מען האָט אפילו פאַר זיין געלד גע־זאָלט קויפען אַ קליין גוט איינגאַוויל און איך בין ניט זיכער, אויב מיין פאָטער האָט ניט געפיהרט פערהאנדלונגען וועגען דעם.

מיין עלטסטע שוועסטער איז דאַן אַלט געווען אכט און צוואַנ־ציג יאָהר; די אינגערע, זעקס און צוואַנציג. זיי האָבען ניט גע־האַט קיין שום אויסזיכט זיך צו פערהייראַטען און דאָס האָט אַלע־מען וועה געטהאָן.

צום סוף האָט זיך בעוויזען אַ חתן פאַר דער אינגערער, אַ ניט גאָר רייכער, אָבער זעהר אַן עהרענהאַפטער בעאַמטער. איך האָב אימער געהאַט אַ חשד, אַז אַנקעל יוליוס בריעף, וועלכען מען האָט איהם אמאָל געצייגט, האָט צו זיין צווייפעל אַן ענדע געמאַכט און דעם יונגען מאַן צו דעם ענטשלוס געטריבען.

זיין ווערבונג איז גלייך אָנגענומען געוואָרען, און מען האָט בעשלאָסען, אַז די גאַנצע פאַמיליע זאָל נאָך דער חתונה מאַכען אַ קליינע רייזע נאָך דזשאָיזי.

צו פאָהרען קיין דזשאיייזי איז דאָס אידעאַל פון ניט רייכע מענשען. עס איז ניט וויים; די רייזע איבער׳ן ים ווערט געמאַכט אין אַ קליין שיפעל, און מען געפינט זיך אויף פרעמדען באָדען, ווייל דער אינזעל געהערט צו די ענגלענדער. אַ פראַנצויז קען זיך אַלזאָ מיט אַ צוויי שטונדיגער רייזע פערגינען, אַ נאַכבאַר־פאָלק אויף זיין איינענעם באָדען צו בעאָבאַכטען, און זיינע אגב שלעכטע

געשיקט. דאָרט האָט אָנקעל יוליוס אָנגעהויבן עפּעס אַ געשעפט און אין גיכען האָט ער געשריבן, אַז ער פאַרדינט אַביסעל געלד און אַז ער האָפט, דאָס אונרעכט, וואָס ער האָט מיין פאָטער אַמאָל געטהאָן, ווידער גוט צו מאַכען. דער דאָזיגער בריעף האָט דער פאַמיליע טיעף גערירט.

יוליוס, וועלכער, ווי מען זאָגט, איז אַן אויסגעבלאָזענע איי ניט ווערט געווען איז פּלוצים געוואָרען אַ בראַווער יונג, אַ מענש מיט אַ גוט הארץ, אַ ריכטיגער דאַווראַנשע, טאַדעלאָז ווי אַלע דאַווראַנשעס.

אַ קאַפּיטען האָט אונז נאָך דערצו אָבגעגעבען אַ גרוס, אַז ער האָט אַ שעהנע קראָם געדונגען און פיהרט גרויסע געשעפטען.

צוויי יאָהר שפּעטער איז אָנגעקומען נאָך אַ בריעף, וועלכער האָט זיך געלעזען ווי פאָלגט:

„מיין ליעבער פיליפּ! איך שרייב דיר, אום דו זאָלסט וועגען מיר און מיין געזונד זיך ניט מאַכען קיין געדאַנקען. איך בין געזונד און די געשעפטען געהן גאַנץ גוט. מאָרגען אונטערנעהם איך אַ גרויסע רייזע נאָך זיד אַמעריקאַ. עס קען זיין, אַז דו וועסט אַ פּאָאָר יאָהר פון מיר גאָר נישט הערען. זאָלסט זיך גור ניט בעאונרוהיגען, אויב איך וועל ניט שרייבען. אַזוי שנעל, ווי איך וועל ווערען רייך, קום איך צוריק קיין האַוור, און איך האָף, אַז דאָס וועט ניט גאָר לאַנג געדויערען און אַז מיר וועלען דאַן אַלע צוזאַמען לעבען גליקליך“.

דער דאָזיגער בריעף איז געוואָרען דאָס יעוואַנגעליום פון אונזער פאַמיליע. ביי אַלע געלעגענהייטען האָט מען איהם געהאַלטען אין איין לעזען און מען האָט איהם געצייגט יעדען איינציגען מענשען בעזונדער. און ווירקליך, אָנקעל יוליוס האָט זעקס יאָהר נאָכאַנאַנד גאָרנישט געלאָזט הערען פון זיך. אָבער מיין פאָטער'ס האָפנונג איז געוואַקסען, וואָס מעהר צייט עס איז אַוועק, און אויך מיין מוטער האָט אָפט געזאָגט:

— ווען דער גוטער יוליוס זאָל נאָר קומען, וואָלט זיך אונזער לאַגע שוין ענדערען. יענער האָט גאַנץ קלוג אָנגעהויבען.

און יעדען זונטאג, ווען מיר האָבען געזעהן די גרויסע שיפען, וועלכע האָבען זיך פון אונבעקאנטע לענדער צוריק געקעהרט און זיינען אין האפען געשטאנען, האָט מיין פאָטער געזאָגט די זעלבע ווערטער:

— אך, ווען יוליוס וואָלט מיט אזא מין שיף צוריקגעקומען! דאָס וואָלט געווען אן איבערראשונג!

אַנקעל יוליוס, מיין פאָטער'ס א ברודער, איז געווען די איינ־ציגע האָפנונג פון דער פאמיליע, נאָך דעם ווי ער איז אמאָל זייער אונגליק געוועזען. אין מיינע קינדער יאָהרען האָב איך אָפט פון איהם געהערט רעדענדיג, און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז ווען איך זעה איהם, וואָלט איך איהם אויפ'ן ערשטען בליק דערקאָנט, אזוי אָפט און אזוי פיעל האָב איך זיך מיט איהם בעשעפטיגט. איך האָב געוואוסט אלע איינצעלהייטען פון זיין לעבען ביז צו דעם טאָג, ווען ער איז קיין אמעריקא אוועק, הגם מען האָט פון דער דאָזיגער צייט פון זיין לעבען נור מיט א האלבען מויל גערעדט.

ער האָט זיך שלעכט אויפגעפיהרט, דאָס הייסט ער האָט גע־קאָנט א סך געלד פארלעבען און דאָס איז פאר אָרימע לייט א גרויס פארברעכען. ביי די רייכע מאכט א מאן, וועלכער לעבט איבער זיין פערמעגען: „דומהייטען", און מען רופט איהם מיט א שמייכעל „פארשווענדער". ביי די נעדריקטע ווערט דער זוהן, וועלכער צווינגט די עלטערען זייערע אָרימע פאָאר גראָשען איהם צו געבען, א שלעכטער יונג אָנגערופען און נאָך א לומפ דערצו.

די אונטערשיידונג צווישען ביידע איז גאַנץ גערעכט, הגם זיי טהוען ביידע די זעלבע זאך, וואָרים נור די פאָלגען ענטשיידען איבער דעם ווערט פון א טהאט.

צום סוף האָט אָנקעל יוליוס זאָגאר די ירושה אָנגעריהרט, אויף וועלכער מיין פאָטער האָט א רעכט געהאט. דאָס האָט ער געטהאָן ערשט נאָך דעם, ווי ער האָט זיין אייגענעם טהייל אין גאנצען ביז א גראָשען פארלעבט. מען האָט איהם, ווי מען האָט דאן אָפט געטהאָן, אויף א האנדעלס שיף ארויפגעזעצט, וועלכע איז געגאנגען פון האוור קיין ניו יאָרק, און איהם קיין אמעריקא אוועק־

בעשטאַנען פון זופ און רינדפלייש און פון צייט צו צייט עפּעס אַן אַנדער סאָוס. דאָס דאָזיגע עסען מאַכט געווים געזונד און שטאַרק, אָבער איך טאָלט ראַן גערן עפּעס אַן אַנדער זאַך אויך געגעסען.

איבער יערען פערלאָרענעם קנאָפּ און יעדער פּאָאַר צוריסענע הויזען פלעגען אַרויסקומען מורא'דיגע סצענען.

אָבער יעדען זונטאַג זיינען מיר אין זונטאַגדיגע בגדים אויף ברעג ים שפּאַציערען געגאַנגען. מיין פאָטער האָט געטראָגען אַ שוואַרצען ראָק, אַ הויכען הוט, האַנדשוה, און האָט געפיהרט מיין מוטער געאָרעמט, וועלכע האָט זיך אָנגעבלאָזען, ווי אַ שיף אין אַ פּעסט־טאָג. מיינע שוועסטער, וועלכע זיינען אימער צוערשט פער־טיג געוואָרען, האָבען געוואַרט אויף אַ צייכען צום געהן. אָבער אין לעצטען מאָמענט האָט מען אימער ענטדעקט אַ פלעק אויף דעם ראָק פון דעם בעל הבית, וועלכער האָט אין גרוים איילעניש נאָך געמוזט אַרויסגענומען ווערען מיט אַ אין בענזין איינגעטונקענע שמאַטקעלע.

דאַן איז מיין פאָטער געשטאַנען מיט דעם הוט אויפ'ן קאָפּ, מיט די ווייסע אַרבעל פון דער העמד און געוואַרט, ביז די אָפּע־ראַציאָן וועט געענדיגט ווערען. בערט, מיין מוטער, האָט אַזוי שנעל ווי מעגליך געריבען דעם פלעק, צו וואָס זי האָט אַראָבגענומען איהרע האַנדשוה, אום זיי ניט איבערצופיהרען און די ברילען אָנ־געטהאָן, ווייל זי איז געווען קורצזיכטיג.

פייערליך זיינען זיי אוועק, מיינע שוועסטער, געאָרעמט און פּאָראַוים. זיי זיינען געווען כלה מיידלאַך און מען האָט זיי געמוזט ווייזען פאַר לייטען. איך בין געגאַנגען ביי מיין מוטער'ס לינקער זייט; מיין פאָטער ביי איהר רעכטער. און איך געדענק נאָך גאַנץ גוט דאָס גרויסאַרטיגע אויסזעהן פון מיינע אָרימע עלטערן ביי די דאָזיגע זונטאַגדיגע שפּאַצירגאַנגען. איך זעה נאָך פאַר מיי־נע אויגען זייערע ערנסטע געזיכטער און זייער בכבוד'יגען האַל־טען זיך. זיי זיינען געגאַנגען גלייך, מיט שטייפע טריט, עפּעס ווי אַ זעהר וויכטיגע זאַך וואָלט פון זייער האַלטונג אָבגע־האַנגען.

אָנקעל יוליוס.

אַן אַלטער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד האָט ביי אונז געבעטען אַ נדבה. מיין פריינד, יאָזעף דאַוואַנשע, האָט איהם געגעבען אַ פינף־פראַנק שטיק. דאָס האָט מיך פאַרוואונדערט, און ער האָט געזאָגט:

— דער אָרימער יונג דערמאָהנט מיך אָן אַ געשיכטע, וואָס האָט מיט מיר געטראָפען און וועלכע איך קען קיין מאָל ניט פאַרגעסען.

מיין פאַמיליע, וועלכע שטאַמט פון האַווער, איז ניט געוועזן פערמעגליך. מען האָט זיך קוים דורכגעשטופּט. דער פאָטער האָט געאַרבייט, איז שפּעט ביי נאַכט פון ביוראָ אַ היים געקומען און האָט ניט פיעל פערדיענט. איך האָב געהאַט צוויי שוועסטער.

מיין מוטער האָט שטאַרק געליטען פון אונזער אָרימקייט און אָפט האָט זי אויסגעלאָזען איהר ביטער האַרץ צו איהר מאַן און פאַרשטעלט איהם פאָרווירפע געמאַכט. דאַן האָט דער אָרימער מאַן געענטפערט מיט אַ האַנד־בעוועגונג, וועלכע האָט אימער וועה געטהון: ער האָט זיך אַ פיהר געטהאָן מיט דער האַנד איבער'ן שטערן, ווי ער וואָלט וועלען אַ טראָפּען שוויים אָבווישען, וועלכער איז דאָרט גאָרניט געוועזן און האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט. איך האָב געפיהלט זיין אָהנמעכטיגען שמערץ. מען האָט אין אַלדינג געשפּאָרט. קיין מאָל האָבען מיר ניט אָנגענומען קיין איינלאַדונג צו אַ דינער, אויס מורא, אז מען זאָל צו אונז נישט קומען. אַלע הויז זאַכען זיינען איינגעקויפט געוואָרען אויף אַן אויספּערקויף, מיינע שוועסטער האָבען זיך אַליין גענעהט זייערע קליידער און איבער יעדער בענדעל, צו פופצעהן סאַנטים אַ מעטער, האָט מען לאַנג, לאַנג זיך געישובט. אונזער געוועהנליכער עסען איז

די רעטער אויף אונזער שפּור צו ברענגען און מיר אליין מוט צו מאַכען.

צום סוף האָט אונז דערהערט אַ פערשפּעטיגטער פויער און האָט אונז אַרויסגעפיהרט אויף אַ וועג.

איך האָב בעגלייט באַיוווין אהיים. ביים שוועל פון זיין הויז האָב איך זיך מיט איהם געזעגענט און האָב שוין געהאַלטען ביים אוועקגעהן, ווען עס האָט זיך פּלוצים געעפענט די טיר און די פרוי האָט זיך בעוויזען מיט אַ ליכט אין האַנד. אַ קעלט איז מיר איבער אַלע גליעדער אַריבער.

אַזוי שנעל ווי זי האָט דערזעהן איהר מאַן, וועלכען זי האָט ערוואַרט שוין פון פאַרנאַכט, האָט זי אַ געשריי געטהאָן און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף מיר:

— דאָס זייט איהר, שופט! איהר לומפּ! איך האָב אָבער געוואוסט, אַז איהר וועט מיר איהם ברענגען אהיים אַ שיכור'ן.

צום טייפעל; איך האָב זיך אַ ריס געטהאָן און געלאָזט זיך לויפען מיט אַלע מיינע קרעפטען. איך בין געלאָפען צום וואָקזאַל, און אַזוי ווי איך האָב געדענקט, אַז די צורייצטע פרוי פערפאָלגט מיך, האָב איך זיך איינגעשלאָסען אין קלאָזעט און זיך דאָרט בעהאַלטען, ווייל דער נעקסטער צוג איז אָבגעגאַנגען ערשט אין אַ האַלב שעה אַרום.

דאָס איז אַלעס. אָט דערפאַר האָב איך קיין מאָל ניט געהייראַט און; דערפאַר פאָהר איך מעהר קיינמאָל ניט אַרויס פון פּאַריז.

שלאָגען, װעלענדיג מאַכען שלום צװישען זיי און װען ניט דער בעל הבית פון שענק, װאָלטען מיר נאָך אפשרביידע ערמאָרדעט געװאָרען.

איך האָב איהם אװעקגעשלעפּט פון דאָרט, איהם געהאַלטען, װי מען האַלט די שיכורים, און איהם אװעקגעפיהרט צו די ערשטע בושעס. דאָרט האָב איך איהם איינגעלאָזען און דאַן האָב איך זיך אליין אװעקגעלייגט דערביי און בין הפּנים איינגעשלאָפען.

מיר האָבען מסתמא זעהר לאַנג געשלאָפען, װייל װען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געװען נאַכט. באַיװין האָט גע־כראָפּעט נעבען מיר. איך האָב איהם גענומען טרייסלען. ער איז אויפגעשטאַנען, איז אָבער נאָך אַלץ געװען שיכור, הגם אביסעלע װעניגער װי פריהער.

און מיר זיינען אװעק צוריק אין דער דונקעלהייט איבער דעם פלאַכען שטיק פעלד. באַיװין האָט געזאָגט, האָט מיר פאַרזיכערט, אז ער װעט געפינען דעם װעג. מיר זיינען געגאַנגען לינקס, דאַן רעכטס, דאַן װידער לינקס. מען האָט גאָרנישט געזעהן, ניט פון הימעל און פון דער ערד און מיר זיינען געװען פאַרבלאָנדזשעט אין עפּעס א מין װאַלד פון קליינע בוים׳לאַך, װעלכע האָבען אונז גע־גרייכט ביז צו דער נאָז.

עס איז װאַהרשיינליך געװען א װייננאָרטען. עס איז ניט געװען אין ערגעץ קיין לאַנטערנע. א שעה אָדער צװיי האָבען מיר דאָ ארומגעבלאָנדזשעט, געדרעהט זיך אהין און אהער, אויסגע־שטרעקט די הענד, געטאַפּט ארום זיך פאַרצװייפעלט, נים געפינענ־דיג קיין אויסגאַנג און זיינען אימער צוריק געקומען אויף דעם זעלבען פּלאַץ.

צום סוף איז באַיװין אומגעפאַלען אויף א בוים און זיך צו־ריסען די באַק. ער איז דאַן געבליבען זיצען אויף דר׳ערד אָהן בעװעגונג און געערװעט מיט בענומענע קולות:

— אוי, אוי! אוי, אוי! אוי, אוי!

איך האָב גענומען שרייען נאָך הילף אַזוי הויך, װי איך האָב נור געקענט, האָב אָנגעצונדען מיין אויטאָמאַטישע לאַמטערנע, אום

האָב געוואָלט זיין העפליך און איך האָב זיך פארנייגט פאַר דער פרוי און געזאָגט:

— איך דאַנק אייך פיעל מאָל פאַר דער ליעבענסווירדיגקייט, מיט וועלכער איהר האָט מיך אויפגענומען.

זי האָט געענטפערט:

— גוט, איהר זאָלט איהם אָבער ניט ברענגען אַ היים אַ שיכור׳ן, אַז ניט וועט איהר האָבען צו טהאָן מיט מיר.

מיר־זיינען אוועק. מיר האָבען געמוזט געהן אונטער דער ברענענדיגער זון איבער אַ שוצלאָזען, פלאַכען שטיק פעלד. איך האָב געוואָלט עפּעס אויסרייסען ביי די זייטען פון וועג, אָבער גלייך האָב איך ארויסגעלאָזען אַ מורא׳דיגען געשריי, עס האָט מיר שרעקליך צושטאָכען די פינגער. דאָס זיינען געווען שטעכעדיגע בייזע פלאַנצען. און דערצו האָט איבעראַל געשטונקען מיט מיסט, געשטונקען אַזוי, דאָס עס האָט געקענט ניט גוט ווערען.

באַיוווין מאַכט צו מיר:

— נור אביסעלע געדולד, מיר קומען באַלד צום טייך.

און ווירקליך, מיר זיינען צוגעקומען צום טייך. דאָרט האָט געשטונקען מיט שטעהענדיגע וואַסער און מיט אָבפאַל און די זון האָט אַזוי מורא׳דיג געפלאַקערט, אַז זי האָט מיר שיער די אויגען ניט אויסגעברענט.

איך האָב געבעטען באַיווינ׳ען, מיר זאָלען וואו עס איז אריינגעהן. ער האָט מיך אוועקגעפיהרט אין עפּעס אַ לאָך, וואו אַן עולם מענשען זיינען געזעסען, אַזאַ מין סאָרט שענק פאַר מאַטראָזען. און ער האָט צו מיר געזאָגט:

— עס זעהט דאָ אפילו ניט אויס בעזונדערס שעהן, דאָ איז אָבער גוט.

איך בין געווען הונגעריג און האָב זיך געהייסען געבען אַ פיינקוכען. אָבער שוין נאָך דער צווייטער גלאָז וויין איז דער אַלטער באַיווין שוין געווען אָנגעסנאַסקעט. און איצט האָב איך פארשטאַנען, פארוואָס זיין פרוי וויל איהם ניט געבען קיין געלד. ער האָט גערעדט פון וועג, איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אריינגעמישט אין דעם שטרייט פון צוויי שיכורים, וועלכע האָבען זיך גע־

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט כעס:

— אום איהר זאָלט זיך ביידע אָנ'שיכור'ן, ניט אמת? און דאַן וועט איהר דאָ זיצען דעם גאַנצען טאָג און איך וועל פון אייך ניט קענען פּטור ווערען. ניין, א שעהנעם דאנק אייך.

ער האָט געשוויגען. נאָך דעם ערשטען געריכט איז געקומען א צווייטער: קארטאָפעל מיט קרויט. נאָך דעם ווי מיר האָבען שווייגענדיג אויפגעגעסען דאָס צווייטע געריכט, האָט זי געזאָגט:

— נו, איצט זייט איהר פאַרטיג, און טראָגט זיך, זייט מוחל, גלייך אָב פון דאַנען.

באַיוויין האָט זי אָנגעקוקט א דערשראָקענער:

— אָבער-די טויב; דו האָסט דאָך היינט אין דער פריה צורעכט געמאַכט א טויב.

זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיט די הענד אין די באָקעס:

— וואָס איז, עס איז אייך ניט גענוג? דו שלעפּסט אהער פרעמדע מענשען און דענקסט, אז מען דארף אויפעסען אַלעס, וואָס איז דאָ אין הויז. און וואָס וועלען מיר דאַן עסען צו סאָפּער?

מיר זיינען אויפגעשטאַנען. באַיווין האָט מיר אריינגעשושקעט אין אויער:

— ווארט אויף מיר איין מינוט און דאַן רוקען מיר זיך ארויס פון דאַנען.

ער איז אריין אין קיך, וואו זיין פרוי איז איצט געווען, און איך האָב געהערט, ווי ער האָט צו איהר געזאָגט:

— גיב מיר צוואַנציג סו, מיין ליעבע.

— וואָס וועסטו טהאָן מיט צוואַנציג סו?

— מען קען ניט וויסען, וואָס עס קען טרעפען. עס איז אימער גוט, ווען מען האָט ביי זיך געלד.

זי האָט אויסגעברומט הויך אויפ'ן קול, כדי איך זאָל הערען:

— ניין, דו קריגסט גאָרנישט. דו האָסט איינגעלאַדען דעם מאַן דאַרטען, מעג ער איצט דיך דערפאַר אויסנעהמען און פאר דיר בעצאָהלען.

דער אַלטער באַיווין האָט זיך אומגעקעהרט נאָך מיר. איך

— אַט אזוי, — אַט די פלאַנצונג — נאָך אביסעלע — באגים אַט דאָ — אַט אזוי — איצט דאָ...

די קאַן האָט געהאט א לאָך, זי האָט גערונען און איך האָב בעגאָסען מיינע פיס מעהר ווי די בלומען. דער אונטערשטער נאסער טהייל פון מיינע הויזען איז איננאנצען שמוציג געוואָרען. צוואנציג מאָל כסדר האָט זיך ווידערהאָלט דיזעלבע געשיכטע: איך האָב נאָכאנאנד בעגאָסען מיינע פיס און דאַן איבער א נייס אָנגעפילט די קאַן, בעוועגענדיג די הענטעל פון׳ם פלאָמפּ אהין און אהער. ווען איך בין געוואָרען שטארק אויסגעמאטערט און האָב געוואָלט אויפהערען, האָט דער אַלטער באיווין מיך אָנגענומען פאַר אַן ארעם און זיך גענומען בעטען:

— נאָך איין קאַן, איין איינציגע! דאַן הערען מיר אויף.

און דאַן ערשט האָט ער מיר געשענקט א ראָזע, א גרויסע ראָזע. אָבער אזוי שנעל ווי איך האָב זי אריינגעטהאָן אין מיין קנאָפּ־לעכעל זיינען גלייך אַלע בלעטלאָך פון איהר צופאלען און עס איז נור פערבליבען איין איינציגער גרינער קליינער פונקט, הארט ווי א שטיין. איך בין געווען ערשטוינט, האָב אָבער גאָר־נישט געזאָגט.

פון ווייטען האָט מען געהערט פרוי באיווין׳ס שטימע:

— קומט איהר אריין, צי ניט? איך האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז דאָס עסען איז פארטיג.

און מיר זיינען אוועק אין הויז.

אויב דער גאָרטען האָט זיך געפונען אין שאָטען, דאַן איז דאָס הויז געשטאנען אויף דער זון, און א קאַלך־אויווען איז געווען גאָר־נישט אנטקעגען מיין פריינד׳ס עס־צימער.

אויף א טיש פון נעלען האָלץ זיינען געשטאנען דריי טעלער. אין מיטען איז געשטאנען א שיסעל מיט רינד פלייש און קאַר־טאָפעל. מיר האָבען גענומען עסען.

א גרויסע גראַפינקע מיט א רויטליכען וואסער האָט זיך מיר געוואָרפען אין די אויגען. באיווין האָט געזאָגט צו זיין פרוי:

— זאָג נאָר, מיין ליעבע, קענסטו אונז אפשר פאַר היינט געבען אביסעל וויין?

דאָס איז, אַלזאָ, געווען מיין פריינד'ס פרוי. דער אלטער באיווין האָט זיך גלייך בעוויזען אויפ'ן שוועל. ער האָט געטראָגען פערפלעקטע ווייסע הויזען און א שמוציג שטרויענעם הוט.

נאָך דעם ווי ער האָט מיר געדריקט די האנד, האָט ער מיך אריינגעפיהרט אין דעם פּלאַץ, וואָס ער האָט גערופען גאָרטען. עס איז געווען א שטיק קאָרידאָר ארומגערינגעלט פון ריעזיגע גרויסע וועגט, א קליין פיערקאנטיגע שטיקעל ערד, אזוי גרויס, ווי א טאשענטיכעל. די ארומיגע וועגט זיינען געווען אזוי הויך, אז די זון האָט אהין געקענט צוקומען נור צוויי, דריי שטונדען אין טאָג. פיילכען, נעלקען, א פּאָאָר רויז בושעס זיינען דאָ געווען פארזעעט און האָבען קוים געזשיפּעט אין דער דאָזיגער פינסטערער לאָך אָהן לופט, אָהן ליכט, אין וועלכער עס איז געווען הייס, ווי אין א קאלך אויוועז פון די אָנגעברענטע דעכער.

— קיין בוימער האָב איך ניט! — האָט געזאָגט באיווין — אָבער די ארומיגע וועגט זיינען גראָדע אזוי גוט. דאָ איז דאָ שאָטען, ווי אין א וואלד.

דאן האָט ער מיך אָנגענומען פאר א קנעפּעל פון ראָק און שטילערהייד צו מיר געזאָגט:

— דו קענסט מיר טהאָן א גרויסע טובה. דו האָסט דאָך געזעהען מיין פרוי, זי איז ניט גאָר קיין דימענט. נו, און היינט, ווייל איך האָב דיך איינגעלאַדען, האָט זי מיר געגעבען א גוטע גאָב. אָבער ווען איך זאָל זיך וועלען צו איהר צוהערען, וואָלט איך ניט געקענט לעבען אויף דער וועלט. איך מוז זיך מאכען ניט וויסענדיג, אָבער פונדעסטוועגען איז גלייכער, אז עס זאָל הייסען דאָס דו ביזט געקומען מיר העלפען בעגיסען מיינע פלאַנצען.

איך האָב איינגעווילינגט, האָב אויסגעטהאָן מיין ראָק, פארקאָטשעט די ארבעל, גענומען די קישקע און זיך געשטעלט צו דער ארבייט. און די קישקע האָט נעפּייפּט, געבאָרכעלט ווי א לונגען קראַנקער און מיט גרויס מיה ארויסגעלאָזען א דינענקען שטראָמעלע וואסער. עס האָט אונז גענומען צעהן מינוטען ביז מיר האָבען אָנגעפילט א קאן וואסער. איך בין אין גאנצען בענאָסען געוואָרען מיט שוויים. דאן איז באיווין אוועק מיט מיר,

זאָל איהם אמאָל א זונטאג בעזוכען. ער האָט צו מיר געזאָגט:

— קום ארויס צו מיר מאקיולאטטע — ער האָט מיך אזוי גערופען אויף שפאס — מיר וועלען דאן מאכען א שעהנעם שפּאַציערגאַנג.

— איך האָב זיך געלאָזט כאפען, ווי א פיש אויפ'ן שנור און איין מאָל א פריהמאָרגען בין איך ארויסגעפאָהרען מיט דעם אכט א זייגער צוג. איך בין אָנגעקומען אין א מין שטאָדט, א קליינע דאָרפישע שטאָדט, וואו מען זעהט גאָרנישט. צום סוף האָב איך אין א שמאָלער געסעל צווישען צוויי מויערען געפונען אן אלטע, הילצערנע טיר מיט אן אייזערנעם גלעקעל.

איך האָב אָנגעקלונגען. איך האָב לאנג געוואַרט, ביז מען האָט מיר געעפענט. און ווער האָט מיר געעפענט? איך האָב אין אָנהויב אליין ניט געוואוסט צי דאָס איז געווען א פרוי צי א מאן? עס איז געווען עפּעס אן אלטע בעשעפעניש, מיאוס, העסליך, שמוציג, א מין שלאַק אין אלע שמאטעס אָנגעטהאָן; איהרע האָאָר זיינען געווען פול מיט פעדערען און אין גאַנצען האָט זי אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט מיך וועלען אויפפרעסען א לעבעדיגען.

זי האָט געפרעגט:

— וואָס פערלאַנגט איהר?

— איך וויל זעהן הערר באיווין...

— וואָס ווילט איהר פון'ם הערר באיווין?

מיר איז געווען אונאנגענעהם, וואָס די דאָזיגע אלטע מכשפה נעהמט מיך אויף אזא שטרענגען פאַרהער און איך האָב אויסגעברומט:

— ער ערוואַרטעט מיך.

זי האָט בעמערקט:

— איהר זייט עס דער, וואָס דאַרף קומען אהער צום פריהשטיק?

איך האָב ציטערענדיג געזאָגט, יאָ.

דאַן האָט זי זיך א קעהר געטהאָן צום הויז און געזאָגט מיט בעס:

— באיווין, דאָ איז דיין מאַן.

זאַמענגענומען. איך קום אין אַן אַנדער קוואַרטאַל פון שטאָדט, מיר דאַכט זיך, ווי איך וואָלט דערגרייכט די גאַנצע וועלט, אַזוי אַנדערש, אַזוי פאַרשידען איז די בעפעלקערונג פון איין גאַס צו דער אַנדערער. איך קען פּאַריז בעסער, ווי וועד עס איז. און דאָן איז נישטאָ קיין אַמוזאַנטערע זאַך, ווי די מיטעלסטע עטאַזשען פון די הייזער. וואָס מען זעהט זיך דאָרטען אָן מיט איין בליק, עס איז גאָר ניט צו גלויבען! מען שטויסט זיך אָן אויף פאַמיליען סצענעס; מען זעהט נור דעם מויל פון אַ מאַן וועלכער שרייט; מען צולאַכט זיך, ווען מען פאָהרט פאַרביי אַ באַרביער און מען זעהט ווי דער באָרד־קראַצער האָט אָבגעלאָזען די נאָז פון אַ הערר נאָך אין גאַנצען ווייס פון זייף, אום אַרויסצוקוקען אין גאַס; מען קאָקעטירט מיט די נייטערקעס און דאָס איז שרעקליך, ווייל מען האָט אפילו ניט קיין צייט אַרונטערצוגעהן. אַך, איך זאָג אייך, מען זעהט זיך אָן גענוג!

דאָס איז אַביסעל אַ וועלט! עס איז אַן אמת'ער טהעאַטער. אַ נאַטור טרייער טהעאַטער, וועלכער שפּיעלט זיך אָב פאַר דעם לויפען פון צוויי פערד. איך זאָג אייך, איך וואָלט מיינע אָמניבוס שפּאַציערען ניט פאַרבייטען פאַר אייערע נאַרישע אַרומפאָהרעני־שען אין דער אומגעגענד.

מיר האָבען צו איהם געזאָגט:

— אָבער פּרובירט דאָך אַמאָל מיט אונז מיטפאָהרען, מאַנ־זשילעט. איין איינציגען מאָל, פון שפּאַס וועגען.

ער האָט געענטפערט:

— איין איינציגען מאָל האָב איך עס געטהאָן. עס איז שוין צוואַנציג יאָהר אין דעם. אָבער מעהר טהו איך עס קיינמאָל ניט.

— אָבער וואָס אַזוינס איז מיט אייך דאַן געשעהן, מאַנזשי־לעט? איהר מוזט עס אונז דערצעהלען.

— אויב איהר ווילט נור. אַלזאָ, הערט זיך צו. איהר האָט דאָך געקענט באַיווין, דעם אַלטען בוכהאַלטער.

— יאַ, געוויס.

— ער איז געוועזען מיין קאַמעראַד אין ביוראָ. ער האָט גע־האַט אַ הויז אין קאָלאָמבוס, און האָט מיך אימער געבעטען איך

דער אלטער מאנזשילעט

אין ביורא האט מען דעם אלטען מאנזשילעט געהאלטען פאר אן אריגינאל. ער איז געווען אן אלטער בעאמטער, א גוטער יונג, וועלכער איז נור איין איינציגען מאל אין זיין לעבען ארויסגעפאהרען פון פאריז.

עס איז געווען סוף יולי, און יעדער פון אונז איז זונטאג אביסעל ארויסגעפאהרען, אום זיך אבצורוהען אין גראז אדער ערגעץ וואו אויף דעם וואסער ארומצוטרייבען זיך: אזניערעס, ארזשענטעיל, שאטאו, בוזשיוואל, מאמזאנס, פאיזזי — יעדער בעזונדער האט געהאט זיינע שטענדיגע געסט, וועלכע האבען ליידענשאפטליך בעשטריטען די מעלות און די שעהנקייט פון יעדען פון די דאזיגע בעריהמטע פלעצער, וועלכע זיינען אזוי טהייער אלע פאריזער בעאמטע.

דער אלטער מאנזשילעט האט געפרעגט:

— איהר אלטע עזלען, וואס איהר זייט, וואס אזוינס האט איהר פון אייער ארויספאהרען אויפ'ן לאנד?

מיר האבען איהם געפרעגט פון אונזער זייט:

— אבער מאנזשילעט, פאהרט איהר דען קיינמאל ניט אביסעל ארויס?

— א, יא. איך פאהר שפאציערען אין אמניבוס; ווען איך האב אבגעגעסען א גוטען פריהשטיק אין דער וויין־שטוב אונטען, דאן מאך איך מיר גאנץ רוהיג, אהן איילעניש, א רייזע מיט א פלאן פון פאריז און א קורסבוך אין האנד. איך קלעטער מיר ארויף אויפ'ן דעק פון מיין אמניבוס, עפען פונאנדער מיין זונען שירעם, און דאן זעה איך זאכען, איך זאג אייך, מעהר ווי איהר אלע צו־

דאָרט אויפ'ן טיש ליגט מיין רעוואָלווער... איך לאָד איהם אָן... לעזט קיין מאָל ניט אייערע אלטע בריעף."

אזוי טויטען זיך א סך מאָל מענשען, אין וועמעס לעבען מען זוכט אומזיסט עפּעס א גרויסען שמערץ.

טיכעל, א זאָקען־בענדעל, האָר און פערטריקענטע בלומען. און די פערגאנגענע ליעבעס דראמען פון וועלכע די העלדינען לעבען נאָך, אבער וועמעס האָר זיינען שוין גרוי געווארען, האָבען מיר דאָס הארץ נאָך שווערער געמאכט. אלעס, אלעס פערגעהט. אך, יענע יונגע קעפּלאך מיט בלאָנדע לאָקען, יענע זיסער האנד־דרוק, דער בליק, די ווילד קלאפּענדיגע הערצער, וואס רייסען זיך איינס צו דאָס אנדערע, יענער שמייכעל, וועלכער פערשפּרעכט א קוש און יענע קושען... יענע ליעבע! און דער ערשטער קוש... אָהן א סוף... מיט צוגעמאכטע אויגען... וואו אלע געדאנקען ווערען אויס־געלאָשען אין אונענדליכען גליק...

איך האָב גענומען די דאָזיגע סמנים פון פערגאנגענע צערט־ליכקייטען אין ביידע הענד, האָב זיי געקושט, געקושט... און אין מיין צורויטעלטער נשמה, וועלכע איז אויפגעוועקט געווארען פון די דאָזיגע טרויעריגע עראינערונגען, האָב איך זיי אלע ווידער דער־זעהן ווי אין יענער שטונדע, ווען זיי זיינען מיינע געווארען און איך האָב געליטען גרעסערע יסורים ווי די קוואלען פון גהינום!

א לעצטער בריעף איז נאָך געלעגען פאר מיר. עס איז גע־ווען פון מיר אליין, דאָס האָט מיר מיט פופציג יאהר צוריק מיין לעהרער דיקטירט. אין איהם איז געשטאַנען:

„מיין ליעבע, קליינע מאמע!

איך בין היינט זיעבען יאָהר אלט. איך בין שוין א גרויסער און דערפאר דאנק איך דיר, וואָס דו ביזט געווארען מיין מאמע. איך ליעב דיך אזוי שטארק.

דיין קליינער זוהן,

ראָבערט.

דערמיט האָבען זיך געענדיגט אלע בריעף. איך בין צוגע־קומען צו דעם פריהמאָרגען פון מיין לעבען און איצט האָב איך פלוצים א בליק געטהאָן אין פאָראויס צו דעם אבענד, צו מיין סוף. איך האָב דערזעהן, ווי עס קומט אָן די מורא'דיגע, די איינזאמע עלטער. איך האָב דערזעהן קראנקהייט און שוואכקייט און דאן איז אלעס אויס, אלעס אויס, אלעס אויס. און איך בין אליין... גאנץ אליין.

נאָמען, און פּלוצים זיינען מיר די אויגען נאַס געוואָרען. דאָס איז געווען פון מיין בעסטען פריינד, מיט וועלכען איך בין צוזאמען אויפגעוואקסען און אַלע האָפנונגען געטיילט. און ער איז גע־שטאַנען פאר מיר אַזוי קלאָהר מיט זיין קינדערשען שמייכעל, מיט דער האנד צו מיר אויסגעשטרעקט, אז אַ שוידער איז מיר אי־בער לייב אריבער. יאָ, יא, די טויטע שטעהען אויף תחית המתים, איך האָב איהם געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען! אונזער גע־דעכניש איז אַ בעסערע וועלט, ווי די אמת'ע וועלט: זי מאכט דאָס, וואס איז שוין מעהר נישט צוריק לעבעדיג.

מיט ציטערנדע הענד און טרעהרען אין די אויגען האָב איך פון דאָס ניי געלעזען וואָס ער האָט מיר געשריבען און אין מיין אָרעם, צוואוואונדעט הארץ האָב איך דערפיהלט אזא וועהטאַג, אז איך האָב געגומען קרעכצען, ווי איינער, וועמען מען רייסט גליעדערווייז.

דאָ האָב איך געווארפען א בליק אויף מיין פערגאנגענעם לע־בען, ווי מען פאָהרט דורך אַ טייך פון איין ברעג צום צווייטען. איך האָב זיך דערמאָנט אָן מענשען, וועלכע איך האָב שוין לאַנג געהאָט פערגעסען, וואס זייערע נעמען זיינען מיר אין גאַנצען פון זינען ארוים. נור זייערע בילדער זיינען געשטאַנען פאר מיר לע־בעדיגע. פון מיין מוטער'ס בריעף האָבען אין מיין גערעכניש אָב־געלעבט אַלטע ריענער, אונזער הויז און פיעלע אונבעדייטענדע קליינינקייטען, וואס האָבען מיך אמאָל, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען, בעשעפטיגט.

יאָ, איך האָב זיך פּלוצים דערמאָנט אָן אַלע אַלטע קליידער, וואָס די מאַמע האָט ווען געטראגען לויט דער מאָדע נאָך. אי־בערהויפּט האָט זיך מיר איינגעגעסען אין גערעכנים איין קלייד איהרס פון געבלומטען זייד און געוויסע ווערטער, וואס זי האָט מיר דאן געזאָגט: „ראָבערט, קינד מיינס, ווען דו וועסט זיך ניט האַלטען גלייך, וועסטו דיין גאַנץ לעבען מוזען געהן איינגעהוי־קערט."

דערנאָך האָב איך געעפענט אָן אַנדער שופלאָד און האָב גע־פונען עראינערונגען פון ליעבע: אַ באָל־שוך, אַ צוריסענע נאָז־

איך האָב געוואָלט אנטלויפען פון זיך אליין. איך האָב אָבער ניט געקענט זיך נעהמען צו קיין שום בעשעפטיגונג, די הענד האָבען זיך ביי מיר ניט געהויבען עפּעס צו טהאָן. דאַן איז מיר איינגעפאַלען צו ברייגנען אין אָרדנונג מיינע פּאַפּירען.

שוין אַ צייט לאַנג ווי איך האָב זיך געקליבען אויפצוראַמען אַ ביסעל אין מיינע שופלאָדען, ווייל שוין דרייסיג יאָהר, ווי איך וואַרף אַהין אַריין אַלע מיינע בריעף, אַלע מיינע רעכענונגען און די אונאָרדענונג וואָס דאָרט הערשט האָט מיר שוין פיעל מאָל פערשאַפט אונאַנגענעהמליכקייטען. אָבער ביי דעם איין געדאַנק בלויז וועגען אויפראַמען פלעגט אויף מיר אָנפאַלען אַזאַ פיזישע און מאָראַלישע מיעדקייט אַז איך האָב קיין מאָל ניט געהאַט דעם מוט די דאָזיגע טרויעריגע ארבייט אָבצוטהאָן.

איך האָב זיך אַלזאָ געזעצט פאַר מיין שרייב־טיש און איהם געעפענט, אום אַרויסצונעהמען פון דאָרט די אַלטע פּאַפּירען און זיי פאַרברענען.

צוערשט האָט מיך דער הויפען, פון דער צייט געל געוואָרענע בלעטלאַך דערשראָקען, דאַן האָב איך איניגע פון זיי אַרויסגענומען.

אַך, דער מענש, וועלכער ליעבט דאָס לעבען זאָל קיין מאָל ניט בעריהרען אַזאַ מין בית עולם פון אַלטע בריעף. און טאָמער טהוט ער עס צופעליג יאָ, זאָל ער אַ כאַפּ טהאָן מיטביידע הענד די בריעף, זאָל צו מאַכען די אויגען אום קיין וואָרט ניט צו זעהן, כדי אַ לאַנג פערגעסענע האַנדשריפט זאָל איהם פלוצים ניט אריינ־שליידערן אין דעם אָקעאַן פון עראינערונגען. זאָל ער אַ וואָרף טהאָן די דאָזיגע בריעף אין פייער אריין און ווען זיי האָבען זיך פערוואַנדעלט אין אַש, זאָל ער זיי צורייבען אויף שטויב... אַז ניט איז ער פערלאָרען... פערלאָרען אַזוי ווי איך בין זייט אַ שטונדע.

די ערשטע בריעף, וועלכע איך האָב געפונען, זיינען מיר ניט געווען אינטערעסאַנט. אגב זיינען זיי געוועזן ניט גאָר קיין אַלטע, פון נאָך לעבעדיגע מענשען, פון לייטע מיט וועלכע איך קום אָפט צוזאַמען און וועלכע אינטערעסירען מיך זעהר ווייניג. אָבער פלוצים האָט מיר אַ פּעקעל בריעף געגעבען אַ זעץ אין האַרצען. פון אַ גרויסער קרעפטיגער האַנד געשריבען, איז דאָרט געשטאַנען מיין

שפּיגעלע אויף מיין אָנגעזשיפּטען פּנים, וועלכער בלייבט אימער דער אייגענער, ווערט מיר טרויעריג אויפ'ן הארצען און אויף מיינע אויגען בעווייזען זיך טרערען.

איך טרעף זיך נים גערן מיט די מענשען, מיט וועלכע איך האָב אמאָל ליעב געהאַט צו פערברייננגען, אזוי געננוי קען איך זיי, אזוי געננוי ווייס איך וואָס זיי וועלען זאָגען, וואָס איך וועל ענטפערען און פון וואָס מיר וועלען רעדען. דער מוח איז ווי א צירק, אין וועלכען אַן אָרעמער געבונדענער פערד לויפט ארום און ארום אין א קרייז. ווי מיר זאָלען זיך נישט ווערען, נישט אַרבייטען און מאַטערען זיך, קענען מיר פון דעם דאָזיגען ענגען קרייז נישט ארויס, קענען נים טהאָן א שפּרונג אָן דער זיים, קענען נים ווארפען א בליק אין דאָס אונבעקאַנטע. מיר מוזען זיך אימער דרעהען אין דעם קליינעם צירקעל פון דיזעלבע געדאַנקען, פריידען, שפּאסען, געוואָהנהייטען, ערווארטונגען און דעם זעלבען עקעל.

היינט ביי נאכט איז געווען א שרעקליכער נעבעל. ער האָט אין גאנצען איינגעהילט די בולווארען און די אומעדיגע גאַזברענערס האָבען געצוקט ווי חלב'נע ליכטלאַך. איך האָב זיך געפיהלט נאָך טרויעריגער ווי געוועהנליך. וואהרשיינליך איז ביי מיר דער מאָגען נים אין אָרדנונג און איך פערדייה שלעכט.

א גוטער מאָגען בעדייטעט אַלעם אויף דער וועלט. ער גיט דעם קינסטלער געדאַנקען, די יונגע לייט ליעבעס פערלאַנגען, דעם דענקער מאכט ער קלאָהר דעם קאָפּ און אַלע מענשען מאכט ער לעבעדיג און פרעהליך און לאָזט זיי א סך עסען — איינס פון די גרעסטע גליקען וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. א קראַנקער מאָגען רופט ארויס צווייפעל, אומעדינקייט, אונגלויבען און בייזע, פינסטערע געדאַנקען. דאָס האָב איך שוין אָפּט בעמערקט. פּיליכט וואָלט איך זיך נים געטויטעט, ווען מיין מאָגען וואָלט היינט ביינאכט גוט פערדייהט.

ווען איך בין געזעסען אין פאַטעל, אין וועלכען איך זיץ שוין זיים דרייסיג יאָהר, און האָב זיך ארומגעקוקט ארום זיך, איז אויף מיר אָנגעפאַלען אזא מורא'דיגע אנגסט, אז איך האָב געמיינט, איך וועל ווער משוגע.

פריהער בין איך געווען פרעהליך, לעבעדיג, אלעס האָט מיך אמוזירט: די פרויען, וועלכע זיינען פארבייגעגאנגען, די גאַס, מיין הויז. איך האָב זיך זאָגאר געזאָרגט וועגען דעם שניט פון מיינע אנצוגען. אָבער די אייביגע ווידערהאָלונג פון דיזעלבע זאכען האָט אויפ'ן סוף אָנגעפילט מיין נשמה מיט לאנגווייליגקייט און פארדרוס, זוי ווען אימיצער וואָלט יעדען אָבענד געזעהן אין טהעאטער איין און די זעלבע שטיק.

זייט דרייסיג יאָהר שטעה איך יעדען טאָג אויף אין דערזעלבער צייט און עס זייט דרייסיג יאָהר אין דער זעלבער שעה, אין'ם זעל־בען רעסטאָראן דיזעלבע שפייזען, וועלכע פערשיערענע קעלנער דער־לאנגען מיר.

איך האָב פרובירט צו רייזען. די פארלאָזענקייט, וועלכע מען פיהלט אין דער פרעמד, האָט אויף מיר ארויפגעוואָרפען א מורא. איך האָב זיך געפיהלט אזוי עלענד, אזוי אליין אין דער וועלט, אז איך בין שנעל צוריק אהיים געפאָהרען.

אָבער דאָ האָב איך ווידער פאר מיר געהאַט דעם זעלבען אָנבליק פון מיינע מעבעל, וועלכע שטעהען זייט דרייסיג יאָהר אויף דעם זעלבען אָרט. איך האָב געזעהען מיינע אָבגעניצטע שטו־לען, וועלכע זיינען אמאָל געווען ניי. איך האָב איינגעזויגען אין זיך דעם גערוך פון מיין וואָהנונג — דען יעדע היים נעהמט מיט דער צייט אָן א געוויסען גערוך. און די דאָזיגע אלע זאכען האָ־בען ביי מיר ארויסגערופען אָן עקעל און ארויפגעיאָגט אויף מיר א מרה־שחורה.

אלעס, אלעס ווידערהאָלט זיך. די אָרט און ווייזע ווי איך שליס אויף מיין טיהר, ווען איך קום אהיים, דער פּלאַץ, וואו איך געפין שטענדיג די שוועבעלאך, דער ערשטער בליק אין מיין צימער, ווען עס ווערט ליכטיג, דאָס אלעס צומישט מיך אזוי, אז איך וואָלט זיך וועלען ארויסשליידערען פון פענסטער, אבי די אלע איינטאָניגע זאכען, פון וועלכע מיר קענען קיין מאָל ניט פּטור ווע־רען, מעהר ניט דאַרפען אָנקוקען.

טעגליך בעת'ן ראזירען זיך פאַלט אויף מיר אָן א שטאר־קער פערלאנג מיר דורכצושניידען דעם האלז, ווען איך קוק אין קליין

א קאטאסטראָפע, וועלכע זאָל האָבען געפיהרט צו דער פערצווייפעל־טער טהאט. אָבער ער צייגט די ביסלעכוויים'דיגע ווירקונג פון די קליינע ליידען פון לעבען, די צורודערטקייט פון אן איינזאמען מענשען, וועמעס חלומות זיינען פארשוואונדען, ער רעקט אויף די גרינגע פון אזא טראגישען סוף, גרינגע, וועלכע נור נערוועזע, און טיעף פיהלענדע מענשען קענען פארשטעהן.

אָט איז א בריעף:

„עס איז האלבע נאכט. אזוי שנעל ווי איך וועל ענדיגען די דאָזיגע שורות, וועל איך זיך טויטען. ווארום? איך וויל פרובירען עס צו ערקלעהרען, ניט פאר די, וואָס וועלען עס לעזען, נור פאר מיר אליין, כדי מיר צו־צוגעבען מוטה, כדי זיך אליין צו איבערצייגען אין דער אונאנגענעהמער נויטווענדיגקייט פון מיין ענטשלוס, וועלכער קען אָבגעלייגט אָבער ניט אויפגעגעבען ווערען.

איינפאכע גלויבינגע עלטערן האָבען מיך ערצויגען און איך האָב געגלויבט אזוי ווי זיי.

מיין טרוים האָט געדויערט לאנג; ערשט יעצט זיינען אראָבגעפאלען די לעצטע שלייערס דערפון.

שוין זייט עטליכע יאָהר געהט אין מיר פאָר עטוואָס בעזונדערעס. אלע פאסירונגען אין לעבען, וועלכע האָבען אמאָל אין מיינע אויגען געשטראהלט מיט העלע פארבען, ווערען אלץ בלאסער און בלאסער. די הארטע ווירקליכקייט האָט מיר געוויזען וואָס פאר א בעדייטונג אלע זאכען האָבען. דער אמת'ער הינטערגרונד פון דער ליעבע האָט מיר פארמיאוסט אפילו די פאָעטישע צערטליכקייט פון איהר.

מיר זיינען אן אייביגער שפיעלבעל פון שעהנע אָבער נארישע חלומות, וועלכע האלטען זיך אין איין ווידערהאָלען.

און דאן, ווען איך בין שוין עלטער געוואָרען און האָב א מאך געטהאָן מיט דער האנד אויף דעם גאנצען עלענד פון אונזער לעבען, אויף דער נוצלאָזינקייט פון אלע אונזערע בעמיהונגען, אויף דער נישטיגקייט פון אלע אונזערע ערוואַרטונגען, האָבען זיך מיר פלוצים געעפענט די אויגען און איך האָב דערזעהן די נישטיגקייט פון אלע זאכען. היינט אין אָבענד האָב איך עס דערזעהן, היינט נאָכ'ן עסען.

זעלבסטמאָרדען

עס פערגעהט ניט א טאָג, אז מען זאָל ניט לעזען אין וועלכע ניט איז ציימונג אָט אזא שטיקעל נייעס:

„אין דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטאָג זיינען די איינוואָהנער פון אזא און אזא הויז אויפ־געוועקט געוואָרען פון צוויי שאָסען, וועלכע האָבען געפאָלגט איינער נאָך דעם אנדערען. די שיסעריי האָט זיך געהערט פון א וואָהנונג, וועלכע הערר איקס האָט געדונגען. מען האָט געעפענט די טיר און געפונען דעם מאַן שווימענדיג אין זיין בלוט, נאָך מיט דעם רעוואָלווער אין האַנד, מיט וועלכען ער האָט זיך געטויטעט.

הערר איקס איז געווען זיעבען און פופציג יאָהר אלט, האָט גע־לעבט אין וואוילשטאַנד און האָט געהאַט אלעס אום גליקליך צו זיין. מען האָט ניט געפונען קיין שום אורזאַכע פאר זיין אונגליקליכען ענטשלוס".

וואָס פאר א טיעפע שמערצען, וואָס פאר וואונדען אין הארצען, וואָס פאר א פארבאָרגענע פערצווייפלונג האָט געטריעבען דעם דאָ־זיגען מענשען, וועלכער האָט געלעבט אין אזעלכע גוטע אומשטענדען צום זעלבסטמאָרד? מען זוכט, מען טראַכט אויס עפּעס א ליעבעס דראַמא אָדער שלעכטע געשעפטען און אזוי ווי מען געפינט קיינמאָל ניט אויס עטוואָס געוויסעס, בלייבט דער טויט פון דעם דאָזיגען מענשען פאר אונז א רעטעניש.

און טאָמער פאלט אונז אין די הענד אריין א בריעף, וואָס אזא מין „זעלבסטמערדער אָהן א גרונד" האָט געשריעבען אין דער לעצ־טער נאַכט, בעת דער אָנגעלאָדענער רעוואָלווער איז געלעגען פאר זיינע אויגען, זוכען מיר אין איהם אומזיסט עפּעס א גרויס אונגליק,

— קאַליפּסאָ האָט זיך ניט געקענט טרייסטען צוליעב דער אַברייזע פון אָדיססעאוס.

דאן רעדט ער ווייטער מיט דעם טאָן פון א בעאמטען:

— רופט אוים די נעקסטע קלאגע.

דער געריכטס־שרייבער שטאמעלט:

— צעלעסטין פּאַליט לעקאשעור געגען פּראָספּער מאגלאָרע דיעלאפּאַים...

נישט העלפען. איהר האָט אייער גוט בעק־דע־מאַרטין איבערגע־
געבען אויף א גאַנץ געזעצליכען אופן. איצט געהערט ער צו איהם,
אין דעם איז קיין שום צווייפעל נישטאָ! ער האָט א רעכט צו
טהאָן דערמיט וואָס ער וויל און עס איז ניט קיין עולה וואָס ע׳
האָט עס זיין פרוי ארייננגענעבען אין נדן. עס איז ניט מיין זאַך
צו בעריהרען געוויסע דעליקאַטע פראַגען. איך קען די טהאט־
זאַכען בעטראַכטען בלויז פון׳ם שטאַנדפּונקט פון געזעץ, איך קען
אייך דאָ גאַרנישט העלפען...

ד ע ר א ל ט ע ר פ א ט ו ר א ן (מיט שטאַלץ): קענען
מיר איצט אהיים געהן?

ד ע ר ר י כ ט ע ר: יאָ.

זיי געהען אוועק מיט נצחון, ווי לייטע, וואָס האָבען געוואונען
א פראָצעס און די פויערים קוקען זיי נאָך מיט פריינדליכע בליקען.
פרוי באַסקיול שלוכצט אויף איהר באַנק.

דער פריעדענסריכטער ווענדעט זיך צו איהר מיט א שמייכעל:

— געעהרטע פרוי, קומט צו זיך. הערט אויף, איהר מוזט
קומען צו זיך. ווען איהר זאָלט מיר ערלויבען אייך גיבען אן עצה,
וואָלט איך אייך געראטען, איהר זאָלט זיך אויפזוכען אן אנדער
אינגעל צו ערציהען.

פרוי באַסקיול אונטער טרערען:

— איך קען קיין אַנדערען ניט געפינען.

ד ע ר ר י כ ט ע ר: עס טהוט מיר זעהר לייד, וואָס איך
קען אייך ניט אָנווייזען קיין אַנדערען.

זי וואַרפט א פארצווייפעלטען בליק צום בילד פון ליידענדען
קריסטוס, וועלכער היינגט דאָרט אויבען אויפ׳ן קרייץ, דאן שטעהט
זי אויף און געהט ארויס מיט קליינע טריט, שלוכצענדיג, דאָס
פנים מיט א טאשענטיכעל פארשטעלט.

דער ריכטער ווענדט זיך צום געריכטס שרייבער און זאָגט אין
א שפּאַסיגען טאָן:

מ א ד א ם ב א ס ק י ו ל: הערר ריכטער, די לייטע פאר־וואַרפען מיך מיט ליגענס, איך האָב איהם געמאַכט פאר א מאַן.

ר י כ ט ע ר: ווירקליך!

מ א ד א ם ב א ס ק י ו ל: און אלס דאַנק דערפאַר פאר־לייקענט ער מיך, פארלאָזט ער מיך און גנב'עט ביי מיר אַוועק מיין איינענטהום.

א י ז י ד אָ ר: דאָס איז ניט ריכטיג, הערר ריכטער, לאָזט מיר אייך דערצעהלען: נאָך מיט א יאָהר פינף צוריק האָב איך זי שוין געוואָלט פארלאָזען, ווייל זי האָט אלץ מעהר פון מיר פער־לאַנגט און מיר האָט עס שוין דערעסען, נו יאָ, עס האָט מיר דער־עסען און איך האָב איהר געזאָגט, אז איך וויל פון איהר אוועק. דאַן האָט זי זיך צוקלאָגט, ווי א ביבער, און מיר צוגעזאָגט דעם הויף בעק־דע־מארטין, אויב איך וועל בלייבען מיט איהר נאָך א פּאָאָר יאָהר, פיער אָדער פינף יאָהר. איך האָב א טראַכט געטהאָן: עטליכע יאָהר, ניט קיין אונגליק, איך קען בלייבען. וואָס וואָלט איהר דען אויף מיין פלאַץ געטהאָן? איך בין אלזאָ פארבליבען נאָך פינף יאָהר. איך האָב איהר געדיענט יעדען טאָג, יעדע שטונדע. און איצט זיינען מיר קוויט. יעדער האָט געקריגען וואָס איהם קוממט. איך האָב דעם הויף כשר פארדיענט. איך בין איהם ווערט געווען.

איזידאָר'ס פרוי, וועלכע איז ביז אהער געזעסען שטיל, ניט זיך פלוצים א כאַפּ און קוויטשעט אוים מיט א שפּיצינגער שטימע, ווי א פּאַפּוגאיי.

— קוקט זי אַן, הערר ריכטער, קוקט אַן די אַלטע פּאַדלע, און זאָגט אליין, אויב עס איז ניט ווערט געוועזן דעם הויף!

דער פאָטער טהוט א שאָקעל מיט'ן קאָפּ און זאָגט מיט אַן איבערצייגנטען טאָן:

— ביי גאָט, עס איז ווערט געוועזן.

מאדאם באסקיול זעצט זיך אויף א באַנק און הויבט אַן צו וויינען.

דער ריכטער רופט זיך אַן צו איהר אין א פאָטערליכען טאָן:

— וואָס ווילט איהר, גנעהרטע פרוי, איך קען אייך דאָ גאָר־

ד ע ר ר י כ ט ע ר: זייט איהר בערייט צו שווערען, אַז איהר האָט ניט געמאַכט דעם צלם?

א י ז י ד אָ ר (שנעל): איך שווער אויף מיין פּאַטער'ס, אויף מיין מוטער'ס, אויף מיין זיידענ'ס און מיין באָבע'ס קאָפּ און פאַר דעם ליעבען גאָט, וועלכער הערט מיך אצינד, אַז איך האָב עס ניט געמאַכט. (ער הויבט אויף די האַנד און שפּייט אויס אָן דער זייט, אום צו בעשטעטיגען זיינע רייד).

ד ע ר ר י כ ט ע ר (לאַכענדיג): אין וואָס פאַר אַ בעצי־הונגען זייט איהר געשטאַנען צו מאדאם באסקיול?

א י ז י ד אָ ר: זי איז געוועזען מיין בליצאבלייטער! (אין זאַאַל ברעכט אויס אַ געלעכטער).

ד ע ר ר י כ ט ע ר: איהר ווילט זאָגען, אַז אייערע בעציהונגען צו דער דאמע זיינען ניט געוועזען אזוי ריין, ווי זי פאַרזיכערט?

פּאַטער פּאַטוראָן נעהמט דאָס וואָרט:

— הערר ריכטער, ער איז נאָך ניט געוועזען קיין פופצעהן יאָהר אַלט, ווען זי האָט איהם פאַרפיהרט.

ד ע ר ר י כ ט ע ר: וואָס מיינט איהר פאַרפיהרט?

ד ע ר פּ אַ ט ע ר: איך מיין פּשוט! ער איז נאָך ניט אַלט געוועזען קיין פופצעהן יאָהר. פיער יאָהר האָט זי איהם געקאַרמעט ווי אַ גאַנז, האָט געשטופּט אין איהם, אַז ער האָט געקענט פּלאַצען. און ווען די צייט איז געקומען, ער איז אונטערגעוואַקסען אַביסעל, האָט זי איהם פאַרדאָרבען.

ד ע ר ר י כ ט ע ר: פאַרדאָרבען, פאַרדאָרבען... און איהר האָט עס רוהיג צוגעלאָזען?

ד ע ר פּ אַ ט ע ר: איין מאָל מוז עס דאָך זיין, וואָס איז דער אונטערשיעד צי מיט דער אָדער מיט אַן אַנדערער...

ד ע ר ר י כ ט ע ר: טאָ וואָס בעקלאָגט איהר זיך?

ד ע ר פּ אַ ט ע ר: איך בעקלאָג זיך ניט, איך בעקלאָג זיך גאָר ניט, איך מיין נור, אַז ווען ער וויל מעהר ניט האָבען מיט איהר צו טהאָן, דאַן דאַרף מען איהם מיט געוואַלד ניט צווינגען. איך פערלאַנג, אַז דאָס געזעץ זאָל איהם בעשיצען.

מיר פאַרשפּראָכען, ער האָט מיר געשוואָרען, אַז ער וועט מיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזען, ער האָט מיר זאָגאַר געגעבען אַ געשריע־בענעם פאַפּיער שוואַרץ אויף ווייס און זייענדיג זיכער מיט איהם, האָב איך איהם דערפאַר אָבגעגעבען מיין קליינעם גוט, מיין הויף: בעק־דעה מאַרטין. ער איז ווערט אַ זעקס טויזענד פראַנק. און דאָ קומט אַזאַ קליינער גאָרנישט, אַזאַ נול, אַזאַ פאַרזעהעניש...

דער פריעדענס־ריכטער אונטערברעכט איהר:

— רוהיגער, מאַדאַם באַסקיול, אָהן בעליידיגונגען.

מאַדאַם באַסקיול: אַ קליינע... אַ קליינע... זי פאַר־דרעהט איהם דעם קאָפּ, מאַכט איהם איך ווייס אַליין ניט וואָס. און דער נאַרישער יונג, דער גרויסער אָקס נעהמט און האָט חתונה מיט דער דאָזיגער מיאוסקייט און גיט איהר נאָך אַלס נדן מיין גוט בעק־דע־מאַרטין. ניין, ניין, אַזוי האָב איך מיט איהם ניט אָבגעמאַכט, ניין! איך האָב אַ פּאַפּיר וועגען דעם, שוואַרץ אויף ווייס, אָט דאָ איז עס! איצט דאַרף ער מיין גוט צוריק אָבגעבען, מיר האָבען זיך אָבגעשריבען ביי אַ נאָטאַריוס וועגען דעם גוט און דאַן האָבען מיר זיך נאָך אָבגעשריעבען פריוואַט אוים פריינדשאַפט.

זי דערלאַנגט דעם פריעדענס־ריכטער אַ גרויסען, צוזאַמענגע־לעגטען געשטעמפּעלטען פּאַפּיר.

איזידאָר פּאַטוראָן: דאָס איז ניט אמת.

דער פריעדענסריכטער: שווייגט, איהר וועט רעדען, ווען אייער צייט וועט קומען. — ער לעזט:

„איך דער אונטערצייכענטער פאַרשפּרעך דאָ דער מאַדאַם באַסקיול, מיין וואָהלטעטערין, אַז איך וועל זי קיינמאָל ניט פאַר־לאָזען, אַזוי לאַנג ווי איך לעב און וועל איהר שטענדיג דיענען געטריי.

זשאַזשעוויל, דעם 5טען אויגוסט, 1883.

דער פריעדענסריכטער: אָנשטאָט אַן אונ־טערשריפט שטעהט אַ צלם. איהר קענט דען ניט שרייבען?

איזידאָר: ניין, איך קען ניט.

דער ריכטער: ווער דען האָט עס געמאַכט?

איזידאָר: זי האָט עס געמאַכט.

רישער בילדונג, וועלכער לעזט האָראַץ, האָט ליעב וואָלטער'ס קליי־נע פערזען און ווייס אויף אויסענווייניג לאַפאָנטען'ס פאַבעלס פונקט אזוי גוט ווי פארנים געדיכטע.

ער הויבט אָן:

— פאָטעל, איצט רופט שנעל אויס די קלאַגען!

דער געריכטסשרייבער הויבט אויף זיין פליכעוואטען קאָפּ און מורמעלט מיט אַן אונפערשטענדליכער שטימע:

— מאַדאַם וויקטאָריא באַסקיוּל נעגען איזידאָר פאַטוראָן.

עס טרעט אַרויס אַ ריעזיגע פרוי, אַן אמת'ע דאָרפ'ס פרוי, וועלכע שטאַמט פון דעם הויפט אָרט פון יענער געגענד. זי טראָגט אַ הוט מיט בענדער, אַ גרויסע קייט פון אַ זייגער, רינגען אויף די פינגער און בליסטשענדיגע אויערינגלאַך, וועלכע לייכטען ווי אַ פּאָאָר אָנגעצונדענע ליכט.

דער פריעדענס ריכטער בעגריסט זי ווי אַ בעקאַנטע, מיט אַ שנעלען שפּאָטישען בליק און זאָגט:

— מאַדאַם באַסקיוּל ברענגט אַריין אייער קלאַגע.

די געגען פּאַרטיי געפינט זיך אויף דער אַנדערער זייט. זי בעשטעהט פון דריי פּאַרשוין: אין מיטען אַ יונגער פויער פון אַ יאָהר פינף און צוואַנציג מיט פולע רויטע באַקען, ווי די עפּעל. רעכטס פון איהם זיין מאָגערע, קליינע, יונגע פרוי, וועלכע זעהט אויס ווי אַ הוהן מיט איהר קליין קעפּעל, אויף וועלכען זי טראָגט אַ ראָזאָווע הייבעל, ווי אַ הוהן אַ קאַם. איהרע אויגען זיינען קיי־לעכדיגע, זיי קוקען ערשטוינט און פול כעס און זי אין גאַנצען קוקט פון דער זייט, ווי אַ גאַנז.

לינקס פון'ם יונגען מאַן שטעהט זיין פאָטער, אַן אַלטער איינ־געבויגענער פויער, וועמעס איינגעשרומפּפטער קערפּער ווערט פאַרלאָרען אין דער קראָכמאַלענער בלוזע, ווי אונטער אַ גלאָק.

מאַדאַם באַסקיוּל הייבט אָן:

— הערר פריעדענס־ריכטער! מיט פופצעהן יאָהר צוריק האָב איך דעם דאָזיגען יונג דאָרט צוגענומען צו זיך. איך האָב איהם אויסגעהאָדעוועט און געליעבט ווי אַ מאַמע. איך האָב פאַר איהם אַלעס געטהאָן, איך האָב איהם געמאַכט פאַר אַ מאַן. ער האָט

דאָרפישע צוויסטיגקייטען

דער געריכטס־זאאל פון׳ם ציוויל געריכט אין זשאַ־זשעוויל איז פול מיט דאָרפסלייט, וועלכע זיצען אונבעוועגליך פּאַזע די וועגט און ווארטען אויף דעם אָנהויב פון דער זיצונג.

צווישען זיי זיינען פאראן גרויסע, קליינע, דיקע, מיט רויטע פּנים׳ער און אויסגעדאַרטע, וועלכע זעהען אויס, ווי זיי וואָלטען געוועזן אויסגעשניצט פון אלטען האָלץ.

זיי האָבען אראָבגעלאָזען זייערע קערב אויפ׳ן פּאָל און ווארטען שווייגענדיג, רוהיג, נאָכדענקענדיג איבער זייערע זאכען. זיי האָבען מיט זיך מיטגעבראכט דעם גערוך פון שטאל, פון שוויים, פון זויער־מילך און מיסט. אויף דעם ווייסען סופיט זשומען א פּאָאר פליגען און דורך דער אָפענער טיר הערט מען דאָס קרעהען פון א הוהן.

אויף א מין סאָרט ביהנע שטעהט א לאנגער טיש בעצויגען מיט גרינעם טוך, לינקס זיצט אן אלטער צורונצעלטער מאן און שרייבט, רעכטס אויף א שטול זיצט א זשאנדאר און קוקט פאר זיך אין דער לופט אריין. אויף דער נאקעטער וואנד הייננט א גרויסער הילצערנער בילד פון קריסטוס׳ן מיט א שמערצליכען אויסדרוק.

צום סוף בעווייזט זיך דער פריעדענס־ריכטער. ער איז א בעלייבטער מיט א רויטען פּנים, און ביי זיין שנעלען גאנג פלאַ־טערט דער לאנגער שווארצער ריכטער־מאנטעל ארום איהם ארום. ער זעצט זיך, לעגט אוועק דעם הוט אויפ׳ן טיש און קוקט אָן די אנוועזענדע מיט טיעפער פעראכטונג.

ער איז דער למדן פון יענער געגענד, א מענש מיט ליטעראַ־

נור וואָס געראַפט אָבגעהן. ער האָט זיך געזעצט אין וואגאָן. און בעת'ן פאָהרען האָט זיך זיין כעס איינגעשטילט. ער איז ווידער געוואָרען דער בעל הבית איבער זיינע געפיהלען און ווען ער האָט זיך צוריק געקעהרט אין פּאריז, האָט ער זיך אליין געוואונדערט איבער זיין כעס.

ער האָט זיך געפּיהלט צובראָכען, ווי מען וואָלט איהם אלע זיינע ביינער צושלאָגען. טראָצדעם איז ער אוועק אין זיין לאָקאל, אום זיין גלאָז ביער צו טרינקען.

ווען פריילין זאָיע האָט איהם דערזעהן אריינקומענדיג, האָט זי ערשטוינט געפרעגט:

— שוין צוריק? זייט איהר מיעד?

ער האָט געענטפערט:

— יא, יא, זעהר מיעד, זעהר מיעד. ווייסט איהר, אז מען איז נים צוגעוואָהנט אויסצופאָהרען... אָבער פאר מיר איז עס גע־נוג, איך נעה מעהר קיינמאָל ניט אין דאָרף. עס וואָלט געווען גליי־כער, איך זאָל דאָ בלייבען. יעדענפאלס איצט ברענגען מיך קיין צעהן פערד ניט ווידער אהין.

און טראָץ אלע איהרע בעמיהונגען האָט זיך איהר ניט איינ־געגעבען ארויסצוקריגען פון איהם וואָס־עס־איז פון זיין שפּאציער־פאָהר.

און צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען, האָט ער זיך אין יענעם אָבענד אָנגעטרונקען טויט שיכור, אזוי אז מען האָט איהם געמוזט ברייננען אהיים.

— ווען דו ווילסט עס מיר ניט זאָגען, טאָ זאָג עס ווענינגס־טענס דיין זוהן. היינט איז ער אַ מאַן און איצט האָט ער דאָס רעכט צו וויסען, ווער עס איז זיין פאָטער. איך ווייס עס ניט, איך האָב עס קיין מאָל ניט געוואוסט, קיין מאָל ניט, און איך קען עס דיר ניט זאָגען, מיין קינד.

ער איז אין גאַנצען משוגע געוואָרען, זיין שטימע האָט אָנגענומען אַ שאַרפען קלאַנג און ער האָט געמאַכט מיט די הענד, ווי אַן עפּילעפּטיקער.

— נו, נו, ריהרט זיך, ענטפערט מיר דאָך. — זי ווייס אַליין ניט, איך וועל וועטען, אַז זי ווייסט ניט — אפשר ווייס דער טייפעל, זי ווייס עס ניט! זי האָט מיט יידע געשלאָפען, אָה, אָה, קיין מענש ווייס עס ניט, קיין מענש. פון וואַנען זאָל מען עטוואָס אַזוינס וויסען? און דו, מיין אינגעל, וועסט אויך נישט וויסען, וועסט קיין מאָל נישט וויסען, וועסט קיין מאָל ניט זיין זיכערער פון מיר. אָט פרעג זי אַקאָרשט, פרעג זי אדרבה, דו וועסט זעהן, אַז זי ווייס עס נישט, איך אויך נישט, ער אויך נישט, דו אויך נישט, קיין מענש ווייס עס נישט. דו קאָנסט נור אויסקלייבען, יאָ, אויסקלייבען קאָנסטו צווישען איהם און מיר. אַלזאָ, קלייב זיך אויס — און דערווייל אַ גוטע נאַכט. איצט איז אַלעס אויס. ווען זי זאָל זיך ענטשלי‌סען דיר עס צו זאָגען, דאַן קענסטו מיך לאָזען וויסען אין האָטעל די פּינף וועלט טהיילען. דו וועסט עס טהאָן, ניט אמת? עס וועט מיר פערשאַפען גרויס פרייד עס צו ערפאַהרען. אַ גוטע נאַכט, איך ווינש אייך פיעל פערגעניגען.

און מאַכענדיג היציג מיט די הענד איז ער אוועק און נאָך אַלץ געדערט פאַר זיך, געהענדיג אונטער די גרויסע בוימער אין דער פרישער, פרייער שמעקעדיגער לופט. ער האָט זיך ניט אומגעדרעהט, אום זיי נאָך אַ מאָל צו זעהן, ער איז אוועק מיט זיין וועג. איהם האָט געטריבען דער כעס, די פערצווייפלונג און די פיקסע אידעע, וועלכע האָט איהם דעם קאָפּ צומישט.

פּלוצים איז ער געבליבען שטעהן ביים באַהנהויף. אַ צוג האָט

לימאוסין איז אויפגעשטאנען און געזאגט מיט א דומפען קול:

— שווייגט, שווייגט! ווייסט איהר דען נים, וואס איהר טהוט דא אן?

פארענט האט געענטפערט מיט גאל:

— איך ווייס זעהר גוט, וואס איך טהו, און דאס איז נאך ווייט ניט אלעס. איינס וויל איך וויסען, עטוואס, וואס פלאגט מיך זייט צוואנציג יאהר.

ער האט זיך אומגעקעהרט צו געארג'ן, וועלכער האט זיך א צושראקענער אן א בוים אנגעשפארט:

— דו, הער זיך אקארשט צו. ווען זי איז דאן פון מיר אוועקגעגאנגען, האט זי גערענקט, אז עס איז נאך נישט גענוג, וואס זי האט מיך אבגענארט, נור זי האט נאך געוואלט מיך משוגע מאכען אויך. דו ביזט געווען מיין איינציגער טרייסט. זי האט דיך מיטגענומען און מיר געשווארען, אז איך בין ניט דיין פאטער, נור, אז דער אן דארט איז דיין פאטער. האט זי געליינט? איך ווייס נישט. זייט צוואנציג יאהר, אז איך וויל עס וויסען.

ער איז צוגעטראטען גאנץ נאהנט צו איהר מיט טראגישע מינעס, אויף וועלכע עס איז געווען א שרעק צו קוקען, איהר א ריס געטהאן די האנד פון פנים און אויסגערופען:

— איך פאדער דיך איצט אויף, מיר צו זאגען, ווער פון אונז ביידע איז דער פאטער פון דעם יונגען מאן דא, ער אדער איך, דיין מאן אדער דיין געליעבטער. פארווערטס איצט, שנעל אן ענטפער.

לימאוסין האט זיך א ווארף געטהאן אויף איהם. פארענט האט איהם פון זיך אבגעשטויסען מיט א ווילדען געלעכטער:

— אהא, היינט ביזטו מוטיגער, ניט אמת, היינט ביזטו מוטיגער ווי דעמאלט, ווען דו ביזט פון די טרעפ אנטלאפען, ווייל אז נים וואלט איך דיר דאן דעם טויט געמאכט. נו, ווען זי ענטפערט ניט, דאן ענטפער באטש דו, דו מוזט דאך עס גראד אזוי גוט וויסען, ווי זי. איצט זאג מיר, ווער איז דער פאטער פון דיעזען יונגג? פארווערטס, רעד!

ער איז ווידער צוגעטראטען צו זיין פרוי:

זיך גלייך אָב פון דאַנען, אָדער איך וועל אייך צוברעכען די ביי־נער!

פארענט האָט געענטפערט:

— וואָס איך וויל? איך וויל דיר זאָגען, ווער אָט די דאָזיגע לייט זיינען.

אָבער געאָרג האָט איהם אויסער זיך פאַר כעס געטרייסעלט און איז שוין געווען בערייט איהם צו שלאָגען, ווען דער אנדערער האָט פאָרטגעזעצט:

— לאָז מיך אָב, איך בין דיין פאָטער! אָט קוק זיי אָן, דיביידע אויסוואורפען, און זיי, צו זיי דערקענען מיך, צו ניט.

דער יונגער מאַן האָט איהם צושראָקען אָבגעלאָזען און זיך אַ קעהר געטהון צו זיין מוטער.

פארענט איז איצט צוגעטראָטען צו איהר:

— אזוי, און איצט זאָג איהם אקאָרשט, ווער איך בין, זאָג איהם, אז איך הייס היינריק פארענט און אז איך בין זיין פאָטער, ווייל ער הייסט דאָך געאָרג פארענט און דו ביזט דאָך מיין פרוי, און אז איהר אלע דריי לעבט פון מיינע געלד, פון מיינע צעהן טויזענד פראַנק, וועלכע איך צאָהל אייך, פון דער צייט אָן, וואָס איך האָב אייך ארויסגעיאָגט. און דאַן קאָנט איהר איהם נאָך זאָגען, פאַר וואָס איך האָב אייך ארויסגעיאָגט, ווייל איך האָב דיך מיט דעם דאָזיגען לומפּ, מיט דעם דאָזיגען הונד דאָרט, מיט דיין גע־ליעבטען געכאַפּט! און זאָג איהם, אז איך בין געווען אַן אַנשטענ־דיגער מאַן, מיט וועלכען דו האָסט צוליעב זיין געלד געהייראַטה און וועלכען דו האָסט בעטראָגען פון'ם ערשטען טאָג אָן. זאָג איהם, ווער איהר זייט און ווער איך בין.

ער האָט מעהר נישט געקאָנט רעדען. דער אטהעם האָט איהם פערכאַפּט, ער האָט זיך אין גאַנצען געטרייסעלט פאַר כעס.

די פרוי האָט אַ געשריי געטהאָן מיט אַ פערצווייפעלטען טאָן:

— פּאול! פּאול! לאָז איהם ניט ווייטער רעדען. ער זאָל דאָס מויל האַלטען! דערלאָז ניט, אז ער זאָל אזוי רעדען פאַר מיין זוהן אין די אויגען.

נען. ער איז געבליבען שטעהן פאר זיי אין מיטען וועג און געזאָגט מיט אַ קורצער, פערסאַפּעטער שטימע, פון וועלכער עס האָט זיך געהערט די אויפרעגונג.

— איך בין עס. אָט בין איך. איהר האָט מיך ניט ערוואַרט?

אַלע דריי האָבען אָנגעקוקט דעם פרעמדען מאַן, דענקענדיג, אַז ער איז משוגע.

ער האָט ווייטער גערעדט:

— ווי עס שיינט, דערקענט איהר מיך ניט. קוקט מיך נור גוט אָן. איך בין פּאַרענט, היינריק פּאַרענט. נו יאָ, איהר האָט אוודאי ניט געדענקט, אַז איצט איז שוין אַלעס אויס, אַז איהר וועט מיך שוין מעהר קיין מאָל ניט זעהן! אָה, ניין, ניין, ניין; אָט בין איך, איצט לאָמיך זיך אָקאָרשט אָברעכענען איינער מיט'ן אַנדערען.

הענריעטטע האָט צושראָקען בעהאַלטען איהר פּנים אין ביידע הענד און געשטאַמעלט:

— אָך, מיין גאָט!

געאָרג האָט זיך אויפגעהויבען, ווען ער האָט דערזעהן דעם אונבעקאַנטען, סטראַשענדיג זיין מוטער, און איהם געוואָלט אָנ־כאַפּען פאַר'ן קאָלנער.

לימאוסין איז געשטאַנען אַ צושמעטערטער און האָט צושראָ־קען אָנגעקוקט דעם אַלטען, וועלכער האָט ווייטער גערעדט, נאָך דעם ווי ער האָט אַ פּאָאָר מאָמענטען אָבגעצויגען דעם אטהעם:

— אַלזאָ, איצט לאָמיר אָקאָרשט אונטערציהען אונזער רע־כענונג. דער אויגענבליק איז געקומען. איהר האָט מיך בעטראָגען, איהר האָט מיך צו אַ לעבען פון אַ פערברעכער פעראורטהיילט! און האָט געדענקט, אַז עס איז גאָר נישטאָ דערפאַר קיין פער־געלטונג...

אָבער דער יונגער מאַן האָט איהם אַ כאַפּ געטהאָן פאַר אַן אַקסעל און אָבגעשטויסען צוריק:

— זייט איהר משוגע? וואָס ווילט איהר פון אונז? טראָגט

לאַנגע, ווייסע וואָנצעס, פון וועלכע די שפּיצען זיינען אַזש ביז אויף דעם שוואַרצען ראָק אַרונטערגעפאַלען.

זיי זיינען געגאַנגען אין פאַראויס. געאָרג האָט געררויכערט אַ ציגאַר, דעם הוט, מעשה פראַנט, געטראָגען אָן אַ זייט פון קאָפּ. פאַרענט איז גלייך אַוועק נאָך זיי.

פריהער האָבען זיי געמאַכט אַ שפּאַציר אויף דער טעראַסע און האָבען בעוואונדערט די לאַנדשאַפט געלאַסען, שטיל, ווי עס פאַסט פאַר פיינע לייט; דאַן זיינען זיי אַוועק אין וואַלד.

פאַרענט האָט זיך געריבען די הענד און זיי אַלץ פון ווייטען נאָכגעפאָלגט, האַלטענדיג זיך עטוואָס פאַרשטעקט, אום זייער אויפמערקזאַמקייט ניט צו ערוועקען.

זיי זיינען געגאַנגען מיט קליינע טריט, אין דער וואַרימער לופט, אונטער דעם וואונדערבאַרען גרינעם דאַך. הענריעטטע האָט גענומען לימאוסינ'ען אונטער'ן אָרעם. זי האָט געטראָטען גלייך און שטאָלץ ביי זיין זייט, ווי אַ זעלבסטבעוואוסטע, זיכערע פרוי. געאָרג האָט מיט זיין שטעקעל די בלעטער אַראָבגעקלאַפּט, און פון צייט צו צייט מיט איין שפּרונג איבער גראָבענס אַריבערגעשפּרונגען, ווי אַ יונג, פייערדיג פערדעל.

פאַרענט איז ביסלעכווייז צוגעקומען נעהנטער, אויסער אָטהעם פאַר אויפרעגונג און מיעדקייט, ווייל ער איז שוין אָבגעוועהנט געווען פון געהן. באַלד האָט ער זיי דעריאָגט. אָבער אַן אונערקלעהרליכע, אונבעשטימטע מורא איז אויף איהם אָנגעפאַלען און ער איז זיי פאַרבייגעגאַנגען, אום זיי פון פאָרענט אַנטקעגען צו קומען.

זיין האַרץ האָט געקלאַפּט. ער האָט געפיהלט ווי זיי זיינען געגאַנגען הינטער איהם און ער האָט אַלץ גע'טענה'ט צו זיך אַליין: איצט מוט, מוט. דער מאָמענט איז דאָ, איצט מוז עס זיין.

ער האָט זיך אומגעקעהרט. זיי האָבען זיך אַלע דריי געזעצט אויפ'ן גראָז צו־פוסען פון אַ גרויסען בוים און האָבען זיך אונטערהאַלטען.

דאָ האָט ער זיך ענטשלאָסען און איז שנעל צו זיי צוגעגאַנ־

היינטיגע געלעגענהייט האָט ער ניט געטאָרט דורכלאָזען — ניט
אזוי לייכט וועט ער האָבען אן אנדערע.

פּלוצים איז איהם איינגעפאַלען א געדאַנק, א מורא'דיגער גע־
דאַנק. ער האָט אוועקגעשטעלט זיין גלאָז און גענומען ארומטראָכ־
טען. ער האָט געמוזט א שמייכעל טהון און ארויסמורמלען.

— גוט, איצט האָב איך זיי, איצט וועלען מיר אקאָרשט זעהן!
איצט וועלען מיר אקאָרשט א קוק טהאָן.

דער קעלנער האָט איהם געפרעגט:

— פערלאַנגט דער הערר נאָך עטוואָס?

— גאָרנישט, נור קאַפע און קאָניאַק; אָבער פון דאָס בעס־
טע!

און איצט האָט ער זיי גענומען בעאָבאַכטען, ווי זיי טרינקען.
אום צו טהאָן, וואָס ער האָט זיך פאָרגענומען, האָט ער געמוזט אָב־
ווארטען, ווייל עס זיינען געווען צופיעל מענשען. ער האָט זיך
בעשלאָסען צו ווארטען, זיי נאָכגעהן, ווייל זיי וועלען אודאי געהן
אויף דער טעראַסע אָדער אין וואַלד. ווען זיי וועלען אָבגעהן א
שטיק וועג, וועט ער זיי נאָכפאָלגען, און דאן זיך מיט זיי אָברעכע־
נען, יא, יא, זיך אָברעכענען. מען קען ניט זאָגען, אז עס איז צו
פריה, איצט, נאָך דריי און צוואנציג יאָהר פון ליידען. אָה, זיי
האָבען קיין אהנונג ניט געהאַט, וואָס אויף זיי ווארט.

אין רוהיגער אונטערהאַלטונג האָבען זיי געענדיגט זייער
פריהשטיק. פארענט האָט זייערע ווערטער ניט געקאָנט כאַפּען,
אָבער ער האָט געזעהן יעדע בעוועגונג זייערע. מעהר ווי אַלץ האָט
איהם ארויסגעבראַכט פון זיך דער פּנים פון זיין פרוי. זי האָט אָנ־
גענומען עפּעס א מין פאררימענעם, שטאָלצען אויסזעהן, פול ווירדע,
עפּעס א מין סאָרט „ריהר מיך נישט אָן“, מיט שטרענגע פּרינצי־
פּען און הוילער טוגענד געפּאַנצערט.

און אָט האָבען זיי בעצאָהלט און זיינען אויפגעשטאַנען. איצט
האָט ער דערזעהן לימאוסינ'ען פון פאָרענט. ער האָט געהאַט אין
זיך עטוואָס פון אן אויסגעדיענטען דיפּלאָמאַט, דאָס ראָזיגע
בכבוד'יגע אויסזעהן האָט ער געהאַט צו פערדאַנקען זיינע שעהנע,

ער זאָל האָבען געליעבט, וועלכען עס איז פרויען אָדער קינדערשען פנים, וועלכעס זאָל שמייכלען, ווען עס זאָל איהם האָבען דערזעהן.

און די דאָזיגע דריי אויסוואורפען דאָרט זיינען אין דעם שול־דיג געווען, דיעזע אונווירדיגע פרוי, דער דאָזיגער פאַלשער פריינד, און דער גרויסער בלאָנדער יונג דאָרט, וועלכער האָט אזוי אונפער־שעהמט געקוקט גלייך אין דער וועלט אריין.

איצט האָט ער געטראָגען א הארץ אויף דעם קינד גראד אזוי, ווי אויף דיביידע אנדערע. איז ער דען ניט געווען לימאוסין׳ס זוהן? ווען ניט וואָלט איהם דען לימאוסין ביי זיך געהאַלטען, איהם געליעבט? וואָלט לימאוסין זיך באַלד ניט אָבגעוואָרפען אי פון דער מוטער און אי פון דעם זוהן, ווען ער וואָלט ניט גע־וואוסט אויף זיכער, אז יענער יונג דאָרט איז בעשטימט זיין זוהן? ערציהט מען דען קינדער פון פרעמדע מענשען?

אָט זיינען זיי געזעסען גאַנץ נאָהענט פון איהם, די דאָזיגע דריי פערברעכער, וועלכע זיינען שולדיג געווען אין זיין גאַנצען עלענד.

פארענט האָט זיי בעטראַכט און איז אלץ אויפגערעגטער און בייזער געוואָרען ביי דעם געדאַנק אן אלדעם קומער, אל זיין הארץ וועהטאָג, אָן אל זיין פערצווייפלונג. מעהר פון אַלעם האָט איהם צורייצט זייער רוהיגער, בעפרידיגטער אויסזעהן. ער האָט געפיהלט ווי זיי צו דער׳הרג׳ענען, ווארפען זיי א סיפאָן אין קאָפּ; לימאו־סינ׳ען, וועלכער האָט זיך איבער זיין טעלער אריבערגעבויגט, דעם מוח צו צופּלעטען.

זיי האָבען זיך געלעבט אָהן וועלכע עס איז זאָרג, אָהן קומער, אָהן אויפרעגונג. ניין, ניין, דאָס איז געווען צו פיעל! ער האָט געוואָלט אָן זיי נקמה נעהמען, ער האָט געוואָלט גלייך אויפ׳ן אָרט אָן זיי נקמה נעהמען, איין מאָל האָט ער זיי דאָ געטראָפען. אָבער ווי? ער האָט עס איבערלעגט און געטראַכט פון מורא׳דיגע זאַכען, וועלכע קומען פאָר אין די שפּאַנענדע ראָמאַנען און אין צייטונגען. אָבער קיין פּראַקטישען פּלאַן האָט ער ניט געפונען. און אום זיך צו־צוגעבען מוט, האָט ער געטרונקען איין גלאָז נאָכ׳ן אנדער׳ן, דען

קריגען א באָרד, יענע כמעט פארבלאָזע האָרעלעך, וואָס שפּראָטצען ארוים ביי די גאַנץ יונגע ליים אויף די באקען. ער האָט געטראָגען א צילינדער, א ווייסע וועסט און פענסנע, וואהרשיינליך פון מאָרע וועגען. פארענט האָט איהם ערשטוינט אָנגעקוקט. דאָס איז גע־ווען געאָרג, זיין זוהן ? ניין, דעם דאָזיגען יונגען מאַן האָט ער ניט געקאָנט, צווישען זיי ביידע איז ניט געווען קיין שום געמיינ־זאמעס.

לימאוסין איז געזעסען צו איהם מיט'ן רוקען און גענעסען, אָנגעבויגט עטוואָס קרום אין פאָראויס.

די דריי מענשען האָבען געשיינט צו זיין גליקליך און צופריע־דען. זיי האָבען הפנים נאָר געוואָלט פריהשטיקען אויפ'ן פרייען פעלד אין א בעקאנטען רעסטאָראן ; זייער לעבען האָט געפלאָסען רוהיג, זאָרגלאָז, ווי א פאמיליען לעבען אין א בעקוועמער, וואַ־רעמער וואָהנונג, וואו עס האָבען זיך געפונען אלערליי זאכען, וועל־כע מאכען דאָס לעבען אנגענעהם, וואו זיי האָבען געפונען ליעבע, וואו צערטליכע ווערטער האָבען געקלונגען, ווי געוועהנליך צווי־שען מענשען, וואָס האָבען ליעב איינער דעם אנדער'ן. אָט אזוי האָבען זיי געלעבט, אויף זיינע קאָסטען, מיט זיין געלד, נאָך דעם ווי זיי האָבען איהם בעטראָגען, בע'גנב'עט און פערלאָזען. איהם, דעם נוטמוטיגען, אונשולדיגען, נאאיווען מאַן האָבען זיי צו דעם עלענד, צו דער איינזאמקייט פעראורטיילט, צו דעם שרעקליכען לעבען, וועלכען ער האָט געפיהרט צווישען גאס און שענק, צו אלע גייסטיגע ליידען און צו אלע קערפערליכע ענוים. זיי האָבען פון איהם געמאכט א נוצלאָזע, א פערלאָרענע באשעפעניש, אַן אָרימען, אלטען מאַן, וועלכער האָט שוין ניט געהאט מעהר קיין נחת, און האָט שוין מעהר אויף גאָרנישט געקאָנט האָפען, ניט פון זאכען און ניט פון מענשען. פאר איהם איז די ערד פוסט געווען, ווארום אויף דער דאָזיגער ערד האָט ער גאָרנישט געליעבט. ער האָט געקאָנט די גאַנצע וועלט אויספאָהרען, איבער די גאסען לויפען, אין אלע הייזער פון פאריז אריינגעהן, ער וואָלט סיי ווי סיי הינטער קיין טהיר קיין פנים ניט געפונען, וועמען ער זאָל האָבען געזוכט, וואָס

האָבען אַלע נעראַנקען, אַלע טרוימען, אַלע פערלאַנגען, וועלכע דרעמלען אין די פארטעמפטע נשמות, ווידער אין איהם אויפגע־וואכט.

ער האָט געפיהלט, אז ווען ער וועט דאָ נאָך לענגער בלייבען, וועט ער דעם קאָפּ פערלירען, און ער האָט גענומען שנעל געהן צום פּאוויליאָן אום צו פריהשטיקען, אום זיך צו בעטויבען אין ויין און אַלקאָהאָל און וועניגסטענס צו רעדען אַ וואָרט מיט ווען עס איז.

ער האָט זיך געזעצט אין גאָרטען ביי אַ קליינעם טישעל, פון וועלכען מען האָט געקאָנט זעהן די גאַנצע לאַנדשאַפט, באַשטעלט זיין עסען און געבעטען, מען זאָל עס איהם אַזוי שנעל ווי מעגליך דערלאַנגען.

אַנדערע שפּאַציערגעהער זיינען געקומען, האָבען זיך געזעצט ביי דערבייאיגע טישלאַך, און ער האָט זיך גענומען פיהלען בעסער, ער איז שוין מעהר נישט געוועזען אַליין.

אין אַ ליעטאַנקע האָבען געפריהשטיקט דריי מענשען. ער האָט זיי אַ פּאָאָר מאָל פארבייגעהענדיג אָנגעקוקט, ווי מען קוקט געוועהנליך אָן פרעמדע, גלייכגילטיגע מענשען.

פּלוצים האָט ער זיך אַ טרייסעל געטהאָן אונטער דעם טאָן פון אַ פרויען שטימע.

די דאָזיגע שטימע האָט געזאָגט:

— געאָרג, דו קאָנסט די הוהן דערלאַנגען?

— יא, מאמא.

פּארענט האָט אויפגעהויבען די אויגען און ער האָט דערפיהלט, האָט זיך גלייך אָנגעשטויסען, ווער די דאָזיגע מענשען זיינען. דער־קאָנען האָט ער זיי געווים ניט געקאָנט. זיין פרוי איז איצט געוועזען גאַנץ וויים, זי איז געוואָרען נישקשה'דיג דיק און האָט אויסגעזעהן ווי אַן אַלטע, ערנסטע, ווירדיגע דאמע. בעת זי האָט געגעסען, האָט זי דעם קאָפּ אויסגעצויגען, מורא האָבענדיג, זי זאָל ניט מאַכען קיין פלעקען אויף איהר קלייד, הגם זי האָט זיך מיט אַ סערוועטקע די ברוסט צוגעדעקט. געאָרג איז געוואָרען אַ מאַן. ער האָט גע־

איינגעזוינגען און בעטראַכט מיט אָפענע אויגען די ווייטע לאַנדשאַפט, בעת ער האָט צו זיך געדערט:

— אך, ווי שעהן דאָס איז!

דאַן האָט ער געטהאָן אַ פּאָאַר טריט און איז ווידער געבליבען שטעהן אום צו בעטראַכטען. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער מאַכט ענטדעקונגען, ניט מיט די אויגען, נור מיט דער נשמה. ער האָט געפיהלט ווי ער לעבט איבער עטוואָס נייעס, עטוואָס גליק־ליכעס, ווי אונגעריכטע פרייד. ביי דעם דאָזיגען בליק אויף דער אונענדליכער נאַטור האָט זיך פאַר איהם געעפענט אַ גאַנץ נייע וועלט, פון וועלכער ער האָט פריהער קיין שום אהנונג ניט געהאַט.

דער גאַנצער מורא׳דיגער עלענד פון זיין לעבען, האָט איהם איצט דורך דער העלער ליכטיגקייט, וואָס האָט אויף דער ערד אראָבגעשטראַהלט, געגומען קלאָהר ווערען. ער האָט געטראַכט פון די צוואַנציג יאָהר, וועלכע ער האָט איינטאָניג, טרויעריג, אומעטיג אין זיין קאַפע־הויז פערבראַכט. ער האָט דאָך אויך געקענט רייזען ווי אַנדערע מענשען, ווייט אוועק, צו פרעמדע פעלקער, צו אונ־בעקאַנטע לענדער, איבער ימים, ווייט, ווייט; ער וואָלט זיך דאַן געקאָנט בעגייסטערען פאַר אַלעס, וואָס הויבט אויף אַנדערע מענ־שען, פיר קונסט, פיר וויסענשאַפט. ער וואָלט דאַן געקאָנט דאָס לעבען ליעב האָבען אין טויזענד פערשיעדענע פאָרמען און אַרטען, דאָס וואונדערבאַר רייצענדע אָדער שמערצליכע לעבען, וועלכעס האַלט זיך אין איין בייטען, איז אימער אונערקלעהרליך, אימער מערקווירדיג.

איצט איז עס שוין געוועזען צו שפּעט. איצט האָט ער געוואָנקט פון איין גלאָז ביער צו דער אַנדערער, אָהן אַ פאַמיליע, אָהן פרייד, אָהן האָפנונג, אָהן אינטערעס פאַר וואָס עס איז, און אַזוי וועט שוין זיין ביז׳ן טויט. און ביי די דאָזיגע געדאַנקען איז אויף איהם אָנ־געפאַלען אַ מורא׳דיגער טרויער און עס האָט זיך איהם געוואָלט אַנטלויפען פון דאַנען, זיך בעהאַלטען, צוריק קיין פּאַריז פאָהרען און זיך ווידער אין זיין טונקעלען ווינקעל אין קאַפע־הויז פערלירען. דורך דאָס בלענדענדע ליכט פון דער זון אויף דעם ברייטען פעלד

טראַצדעם האָט ער געקוקט אויף דער סיינע, ווען זיי זיינען איבער איהר געפאָהרען. ער האָט געזעהן אונטער'ן בריק שיפלאַך שווימען, געטריבען פון נאַקעטע אָרעמס פון די רודערער מיט שטאַרקע בעוועגונגען. און ער האָט געטראַכט: אַט די דאָזיגע יונגען דאָרט אונטען לאַנגווייליגען זיך אַם וועניגסטענס נים.

ווען ער האָט דערזעהן דעם פלוס, ווי ער האָט זיך געצויגען איבער דער לאַנדשאַפט פון ביידע זייטען בריק, האָט טיעף איהם אין הארצען אַ וואונש ערוואַכט, זיך אָבצושטעלען דאָרט אויפ'ן ברעג. אָבער דער צוג איז פערשוואונדען אין אַ טונעל און אין אַ ווײַלע ארום האָט ער זיך אָבגעשטעלט אויף דער סטאַציאָן.

פּאַרענט איז ארויס פון וואַגאָן און די הענד אויף הינטער פּאַר־לענגט, איז מיעד אוועק צו דער טעראַסע. ווען ער איז צוגעקומען צו דער אייזערנער פּאַרענץ, איז ער געבליבען שטעהן, אום די אויס־זיכט צו בעטראַכטען. אַן אונענדליכער, פלאַכער פעלד האָט זיך אויסגעצויגען פאַר איהם, גרויס ווי דער ים, מיט דערפער אויס־געזעהט, פול מיט מענשען, ווי גאַנצע שטעדט. ווייסע גאַסען האָ־בען דורכגעשניטען דאָס ברייטע פעלד. דאָ און דאָרט האָט גע־גרינט אַ וואלד, די טייכען פון בעסימענט האָבען געבליצט ווי זיל־בערנע שפּיעגעל און ווייטע שפּיצען פון די הויכע בערג האָבען זיך קוים אָבגעצייכענט אין דער העלער, בלויליכער לופט. די זון האָט אראָבגעשטראהלט מיט איהר גאַנצער מאַכט ווארעם און ליכטיג אויף דער ווייטער לאַנדשאַפט, אויף וועלכער עס זיינען נור געלעגען אַ פּאָאַר פריהמאָרגענדיגע געבעלדיגע שאָטענס, וואָס זיינען אויפ־געשטיגען פון דער מיט זון פערגאָסענער ערד און פון דער סיינע, וועלכע האָט זיך ווי אַ לאַנגע, לאַנגע שלאַנג דורך דאָס פעלד גע־דרעהט, פאַרביי דערפער, פאַרביי בערג.

אַ ווארעם ווינטעלע, אַ פריהלינג ווינטעלע פול מיט בלומענ־דופט האָט איהם געגלעט, זיך אין זיין ברוסט ארייננגעריסען, און האָט, ווי עס שיינט, זיין הארץ איינגער געמאַכט, זיין גייסט אָב־געפרישט, זיין בלוט בעלעבט.

פּאַרענט האָט כמעט פערוואונדערט איהם טיעף איז די לונגען

איין מאָל אין דער פריה האָט ער געפרעגט:

— וואו קען מען אין דער אומגעגענד פון פאריז אם בעסטען פריהשטיקען?

זי האָט געענטפערט:

— געהט אויף דער טעראסע פון סיינט־זשערמען, דאָרט איז וואונ־ער שעהן.

אלס חתן איז ער אמאָל דאָרט געווען און דערפאר האָט ער בעשלאָסען דאָרט נאָך אמאָל צו געהן.

אָהן א בעזונדערען גרונד האָט ער אויסגעקליבען א זונטאג, ווייל געוועהנליך פאָהרט מען אוים זונטאג, ווען אפילו מען האָט א גאנצע וואָך אויך גאָרנישט צו טהאָן.

גאנץ פריה איז ער אוועק נאָך סיינט־זשערמען. עס איז גע־ווען אין אָנהויב יולי. דער טאָג העל אוןווארעם. ער האָט זיך אָנגעשפארט אָן דעם אָפענעם פענסטער פון'ם אייזענבאהן וואגאָן, האָט געקוקט אויף די בוימער און די קליינע זעלטזאמע הייזלאך, וואָס האָבען אין דער אומגעגענד פון פאריז פאר זיינע אויגען פאר־ביינעשוועבט. אויפ'ן הארצען איז איהם געווען טרויעריג. עס האָט איהם פערדראָסען, וואָס ער האָט נאָכגעגעבען דעם פלוצימ־דיגען פערלאַנג און זיין אלטע געוואָהנהייט געשטערט. די לאנד־שאפט, וועלכע האָט זיך שטענדיג געביטען און איז דאָך אימער דיזעלבע געבליבען, האָט איהם מיעד געמאכט. ער האָט געהאט דורשט. און וואָלט אם ליעבסטען אויף יעדער סטאנציאָן פון וואגאָן ארוים, אום זיך צו זעצען אין א קאפע־הויז, וועלכען ער האָט גע־זעהן הינטער'ן באהן־הויף, איין אָדער צוויי גלאָז ביער אויסטרינ־קען, און דאן מיט דעם נעקסטען צוג צוריק קיין פאריז געפאָהרען. דערצו האָט איהם די רייזע אויסגעוויזען אזא ווייטע, ווייטע. גאנ־צע טעג האָט ער געקאָנט רוהיג אָבזיצען, ווען ער האָט אימער די אייגענע זאכען געזעהן, אָבער דאָ בלייבען אויף איין פלעק, בעת די לאנדשאפט פאר איהם האָט זיך געהאלטען אין איין בייטען און ער אליין האָט זיך ניט געקאָנט א ריהר טהאָן, ניין — דאָס איז איהם לאנגווייליג געווען.

רעדט איהר איהם צו, צו אייך האט ער צוטרויען, אז ער זאל אבי־
כעל ארויספאהרען. איצט איז שוין באלד זומער. דאס וועט איהם
ווידער צו זיך ברענגען.

און די קאסירערין, וועלכע האט גרוים מיטלייד געהאט מיט׳ן
אלטען גאסט, האט יעדען טאג געזאגט צו דעם הערר פארענט:

— איהר מוזט ביי זיך פועל׳ן ארויסצופאהרען און כאפען א
ביסעל פרישע לופט. אך, אין דארף איז אזוי שעהן! די זון שיינט
אזוי העל! ווען איך זאל נור קענען, וואלט איך מיין גאנץ לעבען
אין דער פרייער נאטור פערבראכט.

און זי האט איהם מיטגטיילט אלע איהרע חלומות און האפ־
נונגען, די פאעטישע אידעען פון אלע יענע ארימע מיידלאך, וואס
זיצען דאס גאנצע יאהר נאכאנאנד הינטער די גלעזערנע טירען פון
א קראם, הערען דעם ליארעם און טומעל אויף די גאסען און דענ־
קען אימער פון דאס זיסע לעבען אויפ׳ן דארף, פון דאס לעבען אונ־
טער שאטענדיגע בוימער, אין לאכענדיגען זנשיין, אויף דער לאנקע,
אין דונקעלען וואלד, נעבען פליסענדען טייכעלע, וואו די קיה ליגען
אין גראז, וואו טויזענדער בליהמעלאך בליהען, בלוי, רויט, געל,
לילא, ראזאווע, וויים, אלע אזוי רייצענד, אזוי פריש אזוי שמע־
קעדיג, בלומען, וואס מען רייסט אויף דעם שפאציערגאנג און בינדט
צוזאמען אין א בוקעט.

עס האט איהר פערשאפט פערגעניגען צו איהם פון איהר שטענ־
דיגער בייבקעניש צו רעדען, די האפנונגען וועלכע זי האט ניט גע־
קאנט ערפילען; וועלכע האבען זיך ניט געלאזט ערפילען. און
ער, דער ארימער אלטער מאן, וועלכער האט אין לעבען שוין אויף
קיין זאך מעהר ניט געקאנט האפען, האט געהאט פערגעניגען פון
דעם, וואס ער האט זי אויסגעהערט. ער האט זיך געזעצט נעבען
בופעט, אום מיט פריילען זאיע איבער דאס דארפישע לעבען און
איבער איהר אליין צו פלוידערען. און דאן איז איהם ביסלעכוויין
געקומען דער פערלאנג נאך אמאל א קוק צו טהאן אויפ׳ן וואלד, צו
זעהן, אויב דארט, ווייט פון שטאדט איז טאקע אזוי שעהן, ווי זי
זאגט.

צוויי־דריי מאָל א יאָהר איז ער נעגאַנגען אין טהעאַטער, און זומער־צייט האָט ער ווען־ניט־ווען פערבראַכט אן אָבענד אין אַ טינגל־טאַנגעל אויף דער טשאַמפּ־עליסעע. דאַן איז איהם שטענדיג פאַרבליבען עפּעס א מעלאָדיע אין געדעכעניש, וועלכע האָט איהם דערנאָך וואָכענלאַנג בעשעפטיגט און וועלכע ער האָט געזונגען שטיל, פאַר זיך, צוקלאַפּענדיג דערצו צום טאַקט מיט׳ן פוס, בעת ער איז געזעסען ביי זיין גלאָז ביער.

א יאָהר נאָך א יאָהר איז אוועק, לאַנגזאַם, אָהן אינהאַלט, אָהן אינטערעס. ער האָט ניט בעמערקט, ווי די יאָהרען זיינען אוועקגעפלויגען. זיך ניט ריהרענדיג פון פלעק, שוין מעהר ניט אויפרעגענדיג זיך פון קיין זאַך, אימער אויף דעם זעלבען פּלאַץ ביי זיין ביער־טיש, איז ער לאַנגזאַם דעם טויט אנטקעגען געגאַנגען, און נור דער גרויסער שפּיעגעל, אויף וועלכען ער האָט אימער זיין, מיט יעדען טאָג גרויער ווערענדיגען קאָפּ, אָנגעשפּאַרט, האָט געצייגט די פערוויסטונג, וואָס די צייט האָט אָנגעמאַכט, די צייט, וואָס פאַרשלינגט אין איהר שנעלען פערביילויפען די מענשען, די אָרימע מענשען.

איצט האָט ער נור זעהר זעלטען געטראַכט פון דער שרעקליכער פּאַסירונג, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען צושטערט, דען זייט יענעם מורא׳דיגען אָבענד זיינען צוואַנציג יאָהר אוועק.

אָבער דאָס לעבען, וואָס ער האָט פון דער צייט אָן געפיהרט, האָט איהם אויסגעמאַטערט, אָבגעשוואַכט און די קרעפטען אויסגעזויגען. און אַפט האָט געזאָגט צו איהם דער ווירט, דער זעקסטער ווירט, זייט ער האָט צום ערשטען מאָל דעם לאָקאַל בעזוכט:

— הערר פּאַרענט, איהר האָט געדאַרפט האָבען א ביסעל בעוועגונג, כאַפּען אביסעל לופט, זיין אביסעל אין דאָרף. צייט אייניגע מאָנאַטען האָט איהר זיך זעהר פערענדערט.

און ווען דער גאַסט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זיך דער ווירט אָבגערופען צו דער קאַסירערין:

— מיט דעם אָרימען הערר פּאַרענט האַלט עס שלעכט. עס איז ניט גוט, וואָס ער געהט קיין מאָל ניט אַרויס פון שטאָדט.

וועהטאָג איז איצט אויף געוועזן גאָר א נייער. דער קליינער גע־אָרג׳ל, זיין געאָרג׳ל, וועמען ער האָט אמאָל אזוי געליעבט, אזוי היים געקושט, איז ווי פערשוואונדען אין דער ווייטער, ווייטער פערגאַנגענהייט. איצט האָט ער פאַר זיך געזעהן אַן אנדער געאָרג, א ברודער פון דעם אַמאָליגען, א גרויסען יונג מיט נאַקעטע קניע, וועלכער האָט איהם שוין מעהר ניט דערקענט. ביי דעם דאָזיגען געדאַנק האָט ער מורא׳דיג געליטען! דעם קינד׳ס ליעבע צו איהם איז אָבגעשטאָרבען. קיין שום בונד האָט שוין איצט ניט עקזיס־טירט צווישען זיי. ווען ער זאָל איהם אָנטרעפען, וועט דער קליי־נער שוין מעהר נישט אויסשטרעקען צו איהם זיינע אָרעמס! ער האָט איהם זאָגאר בייז אָנגעקוקט.

אָבער ביסלעכווייז איז ער רוהיגער געוואָרען, זיין שמערץ האָט זיך איינגעשטילט, דאָס בילד פאַר זיינע אויגען איז בלאַסער געוואָרען, אונבעשטימטער און האָט איהם נור זעלטען ווען גע־פּלאַגט. ער האָט ווידער גענומען לעבען, ווי אַנדערע, ווי אַלע מענ־שען, וועלכע האָבען ניט וואָס צו טהאָן און וועלכע טרינקען זייער גלאָז ביער אויף די מאַרמאָרנע טישלאַך און רייבען אויס זייערע הויזען אויף די סאַמעטענע זאָפאַס פון די קאַפע הייזער.

ער איז אלט געוואָרען אין דעם טאַבאַק רויך. אונטער דעם שיין פון די גאַז ברענערס זיינען איהם די האָאָר אויסגעקראָכען. די וואַננע, וואָס ער האָט יעדע וואָך גענומען, איז איהם פאָרגעקומען ווי א גרויסע פּאַסירונג. דאָס אָבשערען די האָאָר אַלע פערצעהן טעג, דאָס קויפען א נייעם ראָק אָדער א נייע הוט איז שוין געוועזן גאָר עטוואָס אונגעוועהנליכעס. ווען ער איז מיט א נייער הוט אין זיין לאָקאַל געקומען, האָט ער זיך א לאַנגע צייט בעטראַכט אין שפּיעגעל, פריהער ווי ער האָט זיך געזעצט, האָט דעם הוט עטליכע מאָל אָנגעטהאָן און אויסגעטהאָן, האָט איהם פאַררוקט איין מאָל אויף רעכטס און איין מאָל אויף לינקס און צום סוף האָט ער געפרעגט זיין פריינדין, די קאַסירערין, וועלכע האָט איהם נאָכ־געקוקט:

— וואָס זאָגט איהר, קליידט עס מיר?

די פּלייצעס אראָבגעפאַלען. דאָס איז געווען געאָרג׳ל, דער דאָזינער גרויסער ווידליג מיט די נאַקעטע פּיסלאַך, וועלכער האָט ווי אַ קליי־נער מאַן געבען זיין מוטער געטראָטען.

ווען זיי זיינען פאַר אַ קראָם שטעהן געבליבען, האָט ער זיי פּלוצים דערזעהן אַלע דריי. לימאָוס׳ן איז געוואָרען גרויער, על־טער, מאָגערער. זיין פרוי, פאַרקעהרט, איז געווען פרישער, ווי ווען עס איז, זי איז זאָגאַר עטוואָס דיקער געוואָרען; געאָרג׳ן אָבער איז געווען אונמעגליך צו דערקענען, אַזוי האָט ער זיך פער־ענדערט. זיי זיינען אוועק ווייטער. פּאַרענט איז זיי ווידער נאָכ־געגאַנגען, האָט זיי מיט איילענדיגע טריט אריבערגעיאָגט אום דאָן זיך אומצוקעהרען און זיי פון גאַנץ נאָהנט צו זעהן. ווען ער איז פאַרביינגעגאַנגען פאַר׳ן קינד, איז אויף איהם אָנגעפאַלען אַ משוגענער פערלאַנג, אָנצונעהמען דאָס קינד פאַר אַ האַנד און מיט איהם אַנטלויפען. ער האָט איהם ווי צופעליג אָנגעריהרט. דער קליינער האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ און אונצופריעדען אָנגעקוקט דעם אומגעלומפּערטען מאַן. דאָס האָט פּאַרענט׳ן שטאַרק וועה געטהאָן און ער איז איילענדיג אוועק, בעליידיגט פון דעם דאָזיגען בליק, ווי ער וואָלט פערפאָלגט געוואָרען. ער איז געלאָפען ווי אַ גנב. אַ מורא׳דיגע אנגסט איז אויף איהם אָנגעפאַלען, טאָמער האָט מען איהם געזעהן, טאָמער האָט זיין פרוי און איהר ליעבהאָבער איהם דערקאָנט. און אַזוי איז ער געלאָפען, זיך אין ערגעץ ניט אָבשטעלענדיג, ביז צו זיין קאַפע־הויז און איז דאָרט געפאַלען אָהן אטהעם אויף זיין שטוהל.

אין יענעם טאָג האָט ער געטרונקען דריי גלעזער אבסינטי.

פיער מאָנאַטען נאָכאַנאַנד איז די שמערצליכע עראינערונג פון דער דאָזיגער בעגעגעניש איהם אין הארצען געלעגען. יעדע נאַכט האָט ער זיי אַלע אין די געדאַנקען געזעהן, ווי זיי אַלע דריי, פאָטער, מוטער און זוהן געהען רוהיג און גליקליך איבער׳ן בולוואר שפּאַציערען, איידער זיי קעהרען זיך צוריק אהיים צום עסען. די דאָזיגע נייע עראינערונג האָט ביסלעכווייז אויסגעלאָשען די אַלטע. איצט איז עס געווען גאָר עטוואָס אַנדערעס, עטוואָס נייעס און דער

אַרויס, איז געלאָפּען ווי אַ וועכטער הין און צוריק פאַר די פּער־שלאָסענע טהירען און טרויעריג געקוקט אויף די שיף, וועלכע זיי־נען פּאָאַר ווייז פאַר יעדער טהיר געשטאַנען. ער האָט בעטראַכט די קליינע רייצענדע דאַמען שיכלאַך נעבען די גרויסע, שווערע מע־נער־שטיוועל. און ער האָט געטראַכט מיט אַ צובראָכען געמיט: די דאָזיגע אַלע מענשען זיינען איצט אָהן צווייפעל גליקליך, שלאָ־פען שטיל, צערטליך און רוהיג, ארעם אין ארעם, אין דעם ווארעמען בעט.

אזוי זיינען אוועק פינף יאָהר, פינף טרויעריגע יאָהר אָהן שום ענדערונג פאַר איהם, אויסער ווען ניט ווען אַ פּאָאַר שטונדע ליעבע, וועלכע ער האָט זיך פאַר צוויי גאָלדשטיק געקויפט.

און דאָ, איין מאָל אין אַ טאָג, ווען ער האָט זיין געוועהנליכען שפּאַצירגאַנג געמאַכט, צווישען דער מאַדלענע און דער רו דרואָט, האָט ער פּלוצים בעמערקט אַ פרוי, וועמעס גאַנג איז איהם געוואָ־רען אויפּפאַלענד. אַ הויכער הערר און אַ קינד האָבען זי בעגלייט. אַלע דריי האָבען געטראָטען אין פאָראויס פאַר איהם. און ער האָט זיך געפרעגט: וואו האָב איך זיי שוין אמאָל געזעהן? און פּלוצים האָט ער זי דערקאָנט אָן אַ געוויסער האַנד בעוועגונג: עס איז גע־ווען זיין פרוי, זיין פרוי, מיט לימאָוס'ן און זיין קינד, זיין קליינער גערג.

זיין הארץ האָט געקלאַפּט ביז צום דערשטיקט ווערען. אָבער ער האָט זיך ניט אָבגעשטעלט, ער האָט זיי געוואָלט זעהן, און איז זיי נאָכגעגאַנגען. זיי האָבען אויסגעזעהן ווי אַ שעהנע בירגערליכע פּאָאַר פאָלק. הענריעטטע האָט געהאַלטען פּאול'ן אונטער'ן ארעם און שטיל מיט איהם גערעדט, בעת זי האָט אַלע וויילע געקוקט אָן דער זייט. איצט האָט פּארענט געקאָנט זעהן איהר פּראָפיל, האָט דערקאָנט די שעהנע שטריכען פון איהר פנים, די בעוועגונגען פון איהר ציגע, איהר שמייכעל און איהר זיסען בליק. אָבער מעהר פון אַלץ האָט איהם דאָס קינד אינטערעסירט. ווי גרויס ער איז גע־וואָרען, ווי קרעפטיג! פּארענט האָט זיין פנים ניט געקאָנט זעהן, נור די לאַנגע, בלאָנדע האָאָר, וואָס איז אין קינסטליכע לאָקען אויף

אביסעל צורעכט געמאַכט, די מאַנזשעטען אביסעל אראָבגעצויגען און גענומען די צייטונגען, וועלכע ער האָט שוין אין דער פריה געלעזען.

ער האָט זיי נאָך אמאָל איבערגעלעזען פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער, האָט איבערגעקוקט די רעקלאַמען, די אַנאָנסען, דעם צעטעל פון דער בירזשע, דאָס טהעאַטער פּראָגראַם.

צווישען פיער און זיבען אזייגער האָט ער געמאַכט א קליינעם שפּאַציערגאַנג אויף די בולווארען, אום צו כאַפּען אביסעל לופט, ווי ער האָט געזאָגט. דאַן איז ער ווידער צוריק געקומען אויף זיין פּלאַץ, וועלכען מען האָט פאַר איהם געהאַלטען און פערלאַנגט אבסינטי.

נאָכדעם האָט ער א ווייל געפּלוידערט מיט שטענדיגע געסט, מיט וועלכע ער איז ביסלעכווייז בעקאַנט געוואָרען. זיי האָבען גערעדט איבער די נייעס פון טאָג, איבער שטאָדט זאַכען און פּאָ־ליטיק. דאָס איז אַזוי אָנגעגאַנגען ביז צו דער שטונדע פון עסען. און דער אָבענד איז איהם אַוועק אַזוי ווי דער נאָכמיטאַג, ביז צו דעם מאָמענט, וואָס מען האָט דעם קאַפּע צוגעשלאָסען. דאָס איז פאַר איהם געווען דאָס שרעקליכסטע! דער מאָמענט, ווען ער האָט געמוזט א היים געהן אין דאָס דונקעלע, לעדיגע צימער, וואָס איז אָנגעפילט געווען מיט אל־די עראינערונגען, די מורא'דיגע אנגסטען און האַרץ קלעמענעש. ער האָט איצט ניט געזעהן קיינעם פון זיינע פריהערדיגע פריינד, קיינעם פון זיינע קרובים, קיינעם, ווער עס וואָלט איהם אָן זיין פריהערדיגען לעבען דערמאָנט.

און אַזוי ווי זיין וואָהנונג איז איהם איצט געוואָרען א גיהנום, האָט ער זיך געדונגען א צימער אין גרענד האָטעל, א שעהנעם צי־מער צו די פּראָנט, אום קענען קוקען אויף די פאַרבייגעהער. אין דער דאָזיגער גרויסער עפענטליכער געביידע איז ער ענדליך ניט געווען אין גאַנצען אליין. איצט האָט ער דאָך געשפּירט א מענש־ליכען הו־הא ארום זיך, האָט געהערט שטימען, און ווען די אַלטע קוואַלען זיינען איהם ביי נאַכט אין בעט אָדער ביים איינזאַמען קאַמין ווידער בעפאַלען, דאַן איז ער איז די לאַנגע קאָרידאָרען

רעדען, וואו דער דיקער טאבאק רויך צומישט די נארישע געדאנ־קען, בעת דאָס שווערע ביער שלעפערט איין דעם מוח און בערו־היגט דאָס קלאַפּענדיגע הארץ.

פון איצט אָן האָט ער נור דאָרט געלעבט. ווי נור ער איז אויפגעשטאנען, איז ער גלייך אוועק אהין, אום זיינע אויגען און זיינע געדאנקען צו בעשעפטיגען. דאן האָט ער אויך דאָרט, אום עס זאָל איהם זיין בעקוועמער און ער זאָל ניט מוזען אוועקגעהן, גענומען עסען זיינע מאָהלצייטען. ארום מיטאָג צייט האָט ער מיט זיין ביער גלאָז אָנגעקלאפּט אַ טיש: דאן האָט דער קעלנער איהם גלייך געבראכט אַ טעלער, אַ גלאָז ביער, אַ סערוועטקע און צו עסען, וואָס עס האָט זיך געמאכט. אזוי גיך ווי ער איז פערטיג געוואָרען האָט ער גענומען לאנגזאם זופּען זיין קאַפע, ניט אראָב־נעהמענדיג די אויגען פון פלאַש קאָניאַק, וועלכע האָט איהם געזאָלט העלפען זיינע צרות צו פערגעסען. א פריהער האָט ער זיך בלויז איינגענעצט די ליפּען מיט דעם קאָניאַק, ווי ער וואָלט עס וועלען פערזוכען, ווי ער וואָלט מיט'ן שפּיץ צונג זועלען פיהלען דעם גע־שמאק פון דער פליסיגקייט. דאן האָט ער גענומען טרינקען, אַ זופּ נאָך אַ זופּ. דער שנאַפּס האָט איהם גוט געטהאָן — מיט אַן ערנס־טער מינע האָט ער איהם ארונטערגעשלונגען, און געפיהלט, ווי ער איז איהם דורכ'ן האלז ארונטער ביז אין מאָגען אראָב.

אזוי האָט ער נאָך יעדער מאָהלצייט געטרונקען דריי־פיער קליינע גלעזער, וועלכע האָבען איהם ביסלעכווייז איינגעשלעפערט. דאן איז איהם דער קאָפּ אויפ'ן לייב אראָבגעפאַלען, ער האָט צו־געמאכט די אויגען און געכאַפּט אויף אַ ווײַלע אַ דרימעל. שפּע־טער, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער גלייך אויסגעשטרעקט די האנד נאָך דער גלאָז ביער, וואָס אַ קעלנער האָט פאַר איהם אוועקגעשטעלט, בעת ער איז געשלאָפען. און אז ער האָט עס אויס־געטרונקען, האָט ער זיך עטוואָס אויפגעהויבען אויף דער רויטער סאמעטענער באנק, האָט ארויפגעצויגען די הויזען, אראָבגעצויגען די וועסט, אום דעם ווייסען פאַס, וואָס האָט זיך ארויסגעצויגען צווישען די ביידע, צו בעהאלטען. דאן האָט ער זיך דעם קראָגען

הער נעשטויסען צו זוערען, ווען דער נעדרענג אויף די גאַסען איז קלענער געוואָרען, די טראָטוארען פּאַרלאָזענער, דאַן איז די מורא פאר דער איינזאמקייט, פאר דער שטילקייט אויף איהם אָנגע־פאלען און איהם געטריבען אין א קאפע, וואו עס זיינען געוועזען מענ־שען, און וואו עס איז געוועזען העל און ליכטיג. עס האָט איהם נעצויגען אהין, ווי די באַבאָטשקע צום פייער. דאָרט האָט ער זיך נעזעצט פאר א קליין, רונד טישעל און באשטעלט א גלאָז ביער. ער האָט עס לאַנגזאַם אויסגעטרונקען און איז יעדעס מאָל אונרוהיג געוואָרען, ווען א גאַסט האָט זיך אויפגעהויבען אוועק צו געהן. ווען ער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער איהם אָנגענומען ביים אָרעם און וואָלט איהם צוריק געהאלטען, איהם געבעטען, ער זאָל נאָך א ווײַלע בלייבען, אזוי האָט ער מורא געהאט פאר דער שעה, ווען דער קעלנער וועט צו איהם צוגעהן מיט די ווערטער:

— זייט אזוי גוט, מיר מוזען צושליסען!

יעדען אָבענד איז ער געווען דער לעצטער, וואָס האָט דעם לאָקאָל פערלאָזען. ער האָט געזעהן, ווי מען האָט די טישען פון דרויסען אינעווייניג אריינגענומען, ווי מען האָט די גאַז ברענערס איינעם נאָכ'ן אַנדערען אויסגעלאָשען ביז די לעצטע צוויי: די, איבער זיין טיש און די, וואָס איבער'ן בופעט. ער האָט געזעהן, ווי די קאסירערין האָט דאָס נעלד אָבגעצעהלט און עס פערשלאָ־סען און ער האָט געמוזט געהן, ווייל די בעדיענטע האָבען איהם די טהיר געוויזען, און נעהענדיג הינטער איהם געערדט צווישען זיך:

— אזא אַלטער ארומשלעפּער! ווי עס שיינט, ווייס ער ניט וואו ער זאָל זיך אהינטהאָן איבער נאַכט.

און אזוי גיך ווי פּארענט איז געווען אליין אויף דער גאַס, האָט ער ווידער גענומען טראַכטען פון געאָרג'ן, זיך ברעכען דעם קאָפּ, ענבערן דעם מוח, אום פעסט צו שטעלען, אויב ער איז דער פאָטער פון דעם קינד אָדער ניט.

און אזוי האָט ער זיך איינגעוואָהנט צו געהן אין רעסטאָראַן, וואו מען איז אימער אונטער מענשען, הגם מען מוז מיט זיי ניט

הענריעטטע׳ס ליעבהאָבער, דער מאַן, וועמען זי האָט געליעבט, דאַן האָט זי זיך איהם אזוי אָבגעגעבען, אז זי איז פון איהם מוטער געוואָרען. בעוויזט ניט די קאַלטע צוריק האלטונג, וועלכע זי האָט אימער איהר מאַן ארויסגעוויזען, אז ער האָט ניט געקאָנט זיין דער פאָטער?

אויב אזוי, דאַן וואָלט ער א פרעמד קינד פערלאנגט, עס מיט גוואלד צו זיך גענומען, און אויסנעהאָדעוועט. און קיין מאָל וואָלט ער עס ניט געקאָנט אָנקוקען, קיין מאָל א קוש טהאָן, קיין מאָל דאָס וואָרט „פאפא“ הערען, אָהן דעם, אז דער געדאנק זאָל צו איהם ניט צוריק קומען און איהם דאָס הארץ צורייסען. דער געדאנק: ער איז דאָך פאָרט ניט מיין זוהן! דאַן וועט ער זיך אליין די גרעסטע ליידען פערשאפען און זיין אייגען לעבען צושטערען. ניין, עס איז פאָרט בעסער אליין צו בלייבען, אליין צו לעבען, אליין אלט צו ווערען, אליין צו שטארבען.

און יעדען טאָג, יעדע נאכט האָבען די ראָזיגע מורא׳דיגע צווייפעל איהם ווידער געפלאגט און געמאטערט אָהן א סוף און אָהן א ברעג. מעהר ווי אלעס האָט ער מורא געהאט פאר די אָבענדען. ווען די טרויעריגע דונקעלהייט האָט זיך אראָבגעלאָזען, האָט זיך איהם געדאכט, אז זיין הארץ ווערט צוריסען פון וועהטאָג, עפעס ווי צוזאמען מיט דער פינסטערניש וואָלט א קוואל פון פערצווייפלונג זיך אויף איהם אויסגעגאָסען, און ווי אין דעם ראָזיגען קוואל וואָלט ער זיך געטרונקען און דעם פערשטאנד פערלאָרען. ער האָט מורא געהאט פאר זיינע געדאנקען, ווי פאר א פערברעכען, און איז אנטלאָפען פון זיי ווי א פערפאָלגטע חיה. מעהר פאר אלעמען האָט ער מורא געהאט פאר זיין לעדיגע, דונקעלע, אומעדיגע וואָהנונג און די פערלאָזענע גאסען, אין וועלכע נור וואו ניט וואו האָט א גאז פייערל געברענט.

און אינסטינקטיוו האָט פארענט געזוכט נור די גרויסע העל בעלויכטענע, בעלעבטע גאסען. די ליכטיגקייט און דער עולם האָט איהם צו זיך צוגעצויגען, איהם צושטרייט און פארטויבט. ווען ער איז דאַן מיעד געוואָרען אזוי ארומצובלאָנדזשען אהין און

איבערלעגנען, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין געדולד און ניט גע־וואָרט. ער האָט זיך געדאַרפט פאַרשטעלען אַ פּאָאָר מאָנאַטען צייט אום אליין מיט זיינע אויגען דעם אמת צו דערגעהן. ער האָט געדאַרפט מאַכען אַן אָנשטעל, ווי ער בעמערקט כלומר׳שט גאָרנישט און זיי רוהיג לאָזען טהאָן וואָס זיי ווילען. זוען ער וואָלט דאַן באמערקט, ווי דער אַנדערער קושט דאָס קינד, וואָלט עס געווען גענוג, אום דעם אמת צו דערגעהן. אַ פריינד קושט ניט אַזוי ווי אַ פאָטער. ער וואָלט איהם הינטער דער טהיר נאָכגעשפּירט. פאַרוואָס האָט ער פריהער ווענגען דעם ניט געטראַכט? ווען לימאוּ־סין וואָלט געבליבען אליין מיט נעאָרג׳ן אין צימער און וואָלט איהם גלייך ניט אַרומגענומען, ניט געקושט, ווען ער׳ וואָלט איהם געלאָזען גלייכגילטיג שפּילען און זיך ווענגען איהם ניט געקימערט, דאַן וואָלט קיין צווייפעל ניט געווען, אַז ער איז׳ ניט דער פאָטער אָדער אַם ווענינגסטענס, אַז ער האַלט זיך ניט פאַר זיין פאָטער.

דאַן וואָלט פּאַרענט אַרויסגעיאָגט די מוטער, אָבער דעם זוהן וואָלט ער ניט פערלאָרען, און דאַן וואָלט ער געווען פאָלקאָם גליק־ליך. אין שוויים געבאָרען, האָט ער זיך צוריק אין בעט געלעגט און געטראַכט, ווי לימאוּסין האָט זיך געהאַלטען מיט׳ן קינד. אָבער ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט דערמאָנען, קיין זאַך, קיין בעווע־גונג, קיין בליק, קיין וואָרט, קיין פערדעכטיגע צערטליכקייט. און דערצו האָט דאָך די מוטער אליין זיך אויך ווייניג געקימערט ווענגען דאָס קינד. ווען זי וואָלט עס געהאַט פון איהר געליעבטען, וואָלט זי עס וואהרשיינליך מעהר ליעב האָבען. מען האָט איהם אלזאָ פון זיין זוהן אוים ראכע, אוים גרויזאַמקייט אוועקגעריסען, אום איהם צו בעשטראָפען דערפאַר, וואָס ער האָט זיי ביידע איבער־ראַשט.

ער האָט נעפּאַסט אַן ענטשלוס, אַזוי גיך ווי עס וועט טאָג ווערען, צו לויפען אין דער פּאָליציי, אום נעאָרג׳ן צוריק צו קריגען.

אָבער קוים האָט ער זיך דערצו ענטשלאָסען, ווי דער צווייפעל, די אונגעוויסהייט איז ווידער אויף איהם אָנגעפאַלען. טאָמער איז דאָס גראַדע פאַרקעהרט. אויב לימאוּסין איז פון אָנהויב אָן געווען

נעארג׳ל געקאנט לויפען ביי זיין זייט, ווי אמאל, ווען ער פלעגט מיט איהם שפאצירען געהן. דאן האט ער זיך אומגעקעהרט אהיים, בעהאלטען דאס פנים אין די הענד און געוויינט ביז שפעט אין דער נאכט.

צעהן, צוואנציג מאל א טאג האט ער זיך געשטעלט די פראגע: איז ער יא אדער איז ער ניט געווען געארג׳ס פאטער? אי־בערהויפט ביי נאכט האט איהם דער דאזיגער געדאנק ניט אבגע־לאזען. ווי נור ער האט זיך געלייגט אין בעט, האט עס איהם גלייך גענומען עגבערן אין מוח.

אין אנהויב, נאכדעם ווי זיין ווייב איז אוועק, האט ער מעהר נישט געצווייפעלט, אז דאס קינד איז אונבעדינגט לימאוסין׳ס זוהן. אבער ביסלעכווייז האט ער ווידער גענומען צווייפלען, ווייל הענ־ריעטטע׳ס פערזיכערונג האט ביי איהם ניט געהאט קיין ווערט. זי האט זיך נור געוואלט מיט איהם אברעכענען, איהם טרייבען צו פערצווייפלונג. און וואס מעהר ער האט געטראכט איבער דעם דאפיר און ראנענען, אלץ מעהר האט זיך איהם געדאכט, אז זי האט געזאגט ליגען.

דער איינציגער, וועלכער וואלט איהם אפשר קאנען זאגען דעם אמת, איז געווען לימאוסין אליין. אבער ווי אזוי האט מען עס פון איהם געקאנט דערגעהן? ווי ביי איהם פרעגען? ווי איהם ברענגען דערצו, אז ער זאל זיך מודה זיין?

און מאנכעס מאל איז פארענט אויפגעשטאנען אין מיטען דער נאכט, פעסט ביי זיך בעשלאסען צו געהן צו לימאוסינ׳ען, איהם בעטען, פארשלאגען איהם אלעס וואס ער וויל, אבי ער זאל עס איהם אויסזאגען, און עס זאל ענדליך נעהמען א סוף צו זיינע ליידען. באלד אבער האט ער זיך פערצווייפעלט צוריק אוועקגעלעגט, ווייל ער האט איינגעזעהן, אז איהר געליעבטער וועט אהן צווייפעל ליגען זאגען. גאנץ זיכער וועט ער לייגען, אום צו שטערען דעם אמת׳ן פאטער צוריק צו נעהמען דאס קינד. וואס זאל ער אלזא טהאן?

און איצט איז ער געווען פערצווייפעלט, וואס ער האט פון דעם גלייך געהאנדעלט, וואס ער האט זיך ניט געלאזט צייט צום

בען איבער די גאסען, געגעסען אין רעסטאָראַן ווי אמאָל. וועלענ־
דיג אויסמיידען יעדען סקאנדאל, האָט ער זיין פרוי געצאָהלט א
יעהרליכען געהאלט. זיין אדוואָקאט האָט פאר איהם די זאך בע־
זאָרגט. אָבער ביסלעכווייז האָט די עראינערונג אָן קינד איהם
גענומען מאטערען. מאנכעס מאָל, ווען ער איז געזעסען אין אָבענד
איינער אליין אין הויז, האָט זיך איהם פלוצים אויסגעראכט; ווי
ער הערט געאָרג׳ן רופען „פאפא!“ און דאן האָט זיין הארץ גע־
נומען קלאפען. ער איז שנעל אויפגעשטאנען, געעפענט די טהיר,
וואָס פיהרט צו די טרעפ, און נאָכגעזעהן, אפשר איז דאָס קינד
צופעליגערווייזע צוריק געקומען. פאר וואָס זאָל ער נישט צוריק
קומען, ווי די הינד אָדער טויבען? פאר וואָס זאָל א קינד האָבען
וועניגער אינסטינקט, ווי א חיה? און ווען ער האָט איינגעזעהן,
אז ער האָט א טעות געהאט, איז ער צוריק אין זיין צימער אריין,
זיך אויף א שטוהל געוואָרפען און וועגען דאָס קינד געטראכט.
שטונדען לאנג, טעג לאנג האָט ער וועגען דאָס קינד געטראכט.
נים נור אין די געדאנקען האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט׳ן קינד,
זאָגאר קערפערליך האָט איהם דער קליינער אויך געפעהלט. ער
האָט געפיהלט א בעדערפניס איהם ארומצונעהמען, צו האלטען איהם
אויפ׳ן שויס, איהם צו גלעטען, איהם צו זיך אויף די קניע צו
זעצען און לאָזען איהם רייטען, מיט איהם צו שפאסען. און ווען
ער האָט געטראכט פון די אמאָליגע צערטליכקייטען, דאן איז אויף
איהם אָנגעפאלען א פערצווייפלונג. ער האָט נאָך געפיהלט דעם
איינגעל׳ס הענטלאך אויף זיין האלז, ער האָט געפיהלט דעם קליי־
נעם מויל אויף זיין באָרד, ווען ער האָט איהם געקושט; ער האָט
געפיהלט דעם קינד׳ס האָאָר אויף זיינע באקען. און דער געדאנק
אָן די דאָזיגע אלע צערטליכקייטען, אָן די פיינע, ווארעמע הויט,
אָן די קושען פון דעם קליינעם, און אלעס, אלעס, וואָס איז פער־
שוואונדען, האָט איהם אזוי געפלאגט, ווי די בענקעניש נאָך א
געליעבטער פרוי, וועלכע מען האָט אויף אייביג פערלאָרען.

אויף דער גאס האָט ער מאנכעס מאָל פלוצים גענומען וויינען,
ווען ער האָט זיך דערמאָהנט, אז איצט האָט זיין קליינער, דיקער

איהר ראכע. און גאנץ נאָהנט האָט זי איהם די ווערטער אין פנים א שליידער געטהאָן:

— מיין קינד וויל איך! דו האָסט קיין רעכט ניט ביי זיך דאָס קינד צו פערהאַלטען, ווארים עס איז נישט דיין קינד, הערסטו? הערסטו צו ניט? דיין קינד איז עס נישט. עס געהערט צו לימאוסין.

א צושמעטערטער האָט פארמענט א געשריי געטהאָן:

— דו ליגסט, עלענדע!

אָבער זי האָט געענטפערט:

— אָקס! די גאנצע וועלט וויים עס, בלויז דו נישט! איך זאָג דיר, דאָרט שטעהט זיין פאָטער! דו דאַרפסט איהם בלויז אָנ־קוקען אום עס איינצוזעהן!

וואנקענדיג אויף די פיס איז פארענט פון איהם אָבגעטראָטען, דאַן האָט ער זיך פלוצים אומגעדרעהט, גענומען א לייכטער און זיך א וואָרף געטהאָן אין צווייטען צימער.

באלד איז ער צוריק געקומען מיט דעם קליינעם געאָרג אין א דעקע איינגעוויקעלט אויף די אָרעמס. דאָס קינד, וואָס איז אזוי פלוצים אויפגעריסען געוואָרען פון שלאָף, איז געווען צושראָקען און האָט געשריען. פארענט האָט עס א וואָרף געטהאָן צו זיין פרוי אויף די הענד און האָט זי אָהן ווערטער א שטופ געטהאָן צו די טרעפ, וואו לימאוסין האָט אוים פאָרזיכטיגקייט אויף איהר שוין געוואַרט.

דאַן האָט ער הינטער איהר פערשלאָסען די טהיר, האָט צוויי־מאָל דעם שליסעל אומגעדרעהט און פארריקט דעם ריעגעל. ווי נור ער איז ווידער אריין אין זאאַל, איז ער א פאַל געטהאָן אין דער גאנצער לענג צו ד׳רערד.

2.

אין די ערשטע עטליכע וואָכען האָט פארענט געלעבט גאנץ אליין. דאָס לעבען נאָך דער צושיידונג איז איהם געווען אזוי פרעמד, אז ער האָט קוים צייט געהאַט צו טראַכטען. ער האָט ווי־דער גענומען פיהרען דאָס לעבען פון א בחור, האָט זיך ארומגעטרי־

פערשעהמטקייט האָט ווידער צו איהר צוריקגעקעהרט זיך אין איהר האָס צו דעם דאָזיגען מאַן. און די פערצווייפלונג האָט איהר גע־געבען מוטה; זי האָט געקריגען אַ פערלאַנג, איהם פון דאָס ניי צו רייצען און אַרויס צו פאַדערען.

— קומט, לימאוסין, אזוי ווי מען טרייבט מיך אַרויס, וועל איך געהן צו אייך.

אָבער לימאוסין האָט זיך ניט גערירט. פּארענט איז אויף דאָס ניי צוקאָכט געוואָרען און גענומען שרייען:

— גלייך אַרויס פון דאַנען! איהר לומפּען וואָס איהר זייט! אַרויס לומפּען, אָדער...

ער האָט געכאַפּט אַ שטוהל און איהם איפּגעהויבען איבער'ן קאָפּ.

דאָ איז העגריעטטע שנעל דורכגעלאָפען דורך דעם זאַאל, האָט אָנגעכאַפּט איהר געליעבטען פאַר אַן אָרעם, אַ ריס געטהאָן איהם פון וואַנד, צו וועלכער ער איז ווי צוגעקלעפּט געווען, און איהם גענומען שלעפּען צום טהיר מיט די ווערטער:

— קומט, ליעבער פריינד, איהר זעהט דאָך, אַז ער איז משוגע געוואָרען. קומט דאָך!

אין דעם מאָמענט, ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי זיך נאָך אַמאָל אומגעדרעהט צו איהר מאַן און געזוכט עפּעס מיט וואָס איהם ווען צו טהאָן, עטוואָס וואָס זאָל איהם שטאַרק בעליידיגען, איידער זי פערלאָזט דאָס הויז. דאָס איז איהר אַ געדאַנק דורך דעם קאָפּ דורכגעלאָפען, איינער פון יענע טייפעלשע געדאַנקען, אין וועלכע עס ווייזט זיך אַרויס די גאַנצע געמיינהייט פון דער פרוי.

זי האָט געזאָגט ענטשלאָסען:

— מיין קינד וועל איך מיטנעהמען!

פּארענט האָט געשטאַמעלט צושראָקען:

— דיין קינד! דו וואַגסט פון דיין צו רעדען! דו וואַגסט דיין קינד צו פערלאַנגען! אה, אה, אה! דאָס איז צו פיעל! דאָס וואַגסטו! אַרויס דו אויסגעלאַסענע! אַרויס!

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם, כמעט שמייכלענד, זיכער אין

די אונגעוועהנליכע אנשטרענגונג פון זיין ענערגיע האט זיך גע־ענדיגט מיט אן אנפאלען פון שוואכקייט.

אזוי שנעל ווי ער האט געקאנט רעדען, האט ער ארויסגע־שטאמעלט:

— ארויס! ביידע ארויס! אוועק!

לימאוסין איז געבליבען שטעהן אונבעוועגליך אין ווינקעל, אנגעשפארט אין וואנד, צו שטארק צושראקען אום עטוואס צו בע־גרייפען, צופיעל צומישט, אום מיט א פינגער צו בעוועגען. הענ־ריעטטע האט אנגעשפארט ביידע הענד אויף א קליין טישעל, האט אבגעבויגען דעם קאפ אין פאראויס און איז אזוי געשטאנען מיט צולאזענע האר, מיט א פונאנדערגעשפילעטער וויסט, האלב גע־בלויזטער ברוסט און האט געווארט ווי א חיה, וואס איז בערייט זיך ארויפצוווארפען אויף איהר שונא.

פארענט האט ווידער אויסגערופען, דאס מאל העכער:

— ארויס! גלייך ארויס פון דאנען!

ווען זיין פרוי האט דערזעהן, אז זיין ערשטער כעס איז שוין כמעט אריבער, האט זי געפאסט מוט, זיך אויפגעריכט, געמאכט צוויי טריט צו איהם און געזאגט, שוין כמעט מיט דער פריהער־דיגער אונפערשעהמטקייט:

— דו האסט הפנים איינגאנצען דעם קאפ פערלארען! וואס פאלט דיר איין! ווי קומסטו דערצו אויף אונז אזוי אנצופאלען?

ער האט זיך אומגעקעהרט צו איהר און אויפגעהויבען דעם פויסט, אום זי צו שלאגען, בעת ער האט געשטאמעלט:

— אה... אה!... דאס איז צופיעל... צופיעל! איך האב... איך האב... איך האב אלעס געהערט, אלעס, אלעס... פערשטעהסטו? אלעס! פערדארבענע, פערדארבענע! איהר זייט צוויי פערדאר־בענע בעטריגער! ארויס! ביידע! גלייך אויפ׳ן ארט! איך וועל אייך דער׳הרג׳ענען אויף טויט! ארויס!

זי האט איינגעזעהן, אז מיט איהם איז נארנישט צו מאכען, אז ער ווייס אלעס, אז זי קען מעהר נישט שפיעלען די ראלע פון אן אונשולדיגער און מוז זיך אבטראגען. אבער איהר גאנצע אונ־

האט הענריעטטע ארויסגעלאזען א הויכען געשריי, האט מיט א מאל אבגעלאזען לימאוסינ׳ען און זיי האבען דערזעהען פארענט׳ן, וועלכער איז געשטאנען פאר זיי א טויט בלייכער מיט צוזאמענגעדריקטע פויסטען, אין הוילע זאקען, מיט דעם הוט אויפ׳ן קאפ.

ניט אומדרעהענדיג דעם קאפ, האט ער זיי אנגעקוקט איינעם נאכ׳ן אנדערען מיט א שנעלען בליק. ער האט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט משוגע געווארען און דא, פלוצים, ניט ריידענדיג קיין ווארט, האט ער זיך א ווארף געטהאן אויף לימאוסינ׳ען, איהם אנגעכאפט מיטביידע הענד, ווי ער וואלט איהם וועלען דערווערגען און מיט אזא קראפט א שליידער געטהאן אין א ווינקעל פון זאאל, אז דער אנדערער האט פערלארען דאס גלייכגעוויכט, גענומען טאפען מיט די הענד אין דער לופטען און א שטארקען זעץ געטהאן זיך מיט׳ן קאפ אן וואנט.

ווען הענריעטטע האט זיך געכאפט, אז איהר מאן וויל דערהרג׳ענען איהר געליעבטען, האט זי זיך א ווארף געטהאן אויף פארענט׳ן, געכאפט איהם ביים האלז און איינגעפרעסט איהרע צעהן צארטע, ראזיגע פינגער אין זיין פלייש, האט איהם, אין איהר פערצווייפלונג אזוי שטארק צוזאמענגעדריקט די האלז, אז דאס בלוט האט אונטער איהרע נעגעל געשטראהמט. דאן האט זי זיך איינגעגעסען מיט איהרע צייהן אין זיין שולטער, ווי זי וואלט איהם וועלען אויף שטיקער צורייסען. פארענט האט זיך געמאטערט אבצוכאפען דעם אטהעם און האט אבגעלאזען לימאוסינ׳ען, אום זיך פון זיין פרוי, וועלכע איז איהם אויפ׳ן האלז געהאנגען, צו בעפרייען. ער האט זי אנגעכאפט פאר׳ן טאליע און מיט איין שטויס זי א שליידער געטהאן ביז צום אנדערען עק פון זאאל.

אזוי ווי דער אויסברוך פון זיין צארן, האט ווי ביי אלע גוטמוטיגע מענשען, געדויערט א גאנץ קורצע צייט, איז ער געבליבען שטעהן צווישען זיי ביידע אהן אטהעם, פערמאטערט און ניט געוואוסט וואס צו טהאן. זיין ווילדער כעס האט זיך אין דער דאזינער בעוועגונג אויסגעשעפט, ווי דאס קוילען זויערשטאף, וועלכע וועבט זיך אויס פון אן אבגעפראפטער שאמפאניער פלאש. און

— אה, איך וועל עס שוין ניט שטערען, זיי גאנץ רוהיג, פאר אזא אקס איז גאר נישטא וואס מורא צו האבען, ניין, א האר אויף נישט; אבער איך קען ניט בעגרייפען, וואס דו פערשטעהסט ניט, ווי פערהאסט ער איז מיר, ווי נערוועז ער מאכט מיך! דו מאכסט אימער אן אנשטעל, ווי דו האסט איהם שטארק ליעב, ווי דו וואלסט איהם מיט א בעזונדערע ליעבע די האנד געדריקט! די מענער זיינען מאנכעס מאל ווירקליך קאמיש.

— יא, מיין ליעבע, מען מוז זיך קענען פערשטעלען.

— אך, עס האנדעלט זיך גארנישט וועגען דעם; עס איז נור א פראגע פון די געפיהלען. ווען איהר בעטריגט א מאן, מאכט איהר דעם איינדרוק, ווי איהר וואלט געווען די בעסטע פריינד. מיר אבער, מיר האסען דעם מאן פון דעם טאג אן, אין וועלכען מיר האבען איהם בעטראגען.

— איך זעה ניט איין, פאר וואס עס קומט א גאנץ בראווען, אנשטענדיגען מאן, ביי וועמען מען נעהמט צו די פרוי, אז מען זאל איהם האסען.

— דו זעהסט עס ניט איין? דו זעהסט ניט איין? נו יא, דערפאר פעהלט אייך די עמפינדונג. דאס זיינען זאכען, וועלכע מען מוז פיהלען, ערקלעהרען קען מען זיי ניט. און פאר וואס זאל מען דען ניט האסען — אבער ניין, דאס קענסטו ניט פערשטעהן — דא איז יעדע ערקלעהרונג ארויסגעוואָרפען. איהר, מענער, האט ניט קיין פיינעם געפיהל.

זי האט ציניש א שמייכעל געטהאן, איהם ארויפגעלעגט די הענד אויף ביידע אקסלען, און אויסגעשטרעקט צו איהם איהרע ליפען. ער האט אומגעדרעהט דעם קאפ צו איהר און זי ארומגע־נומען. ווען זייערע ליפען האבען זיך באגעגענט, זיינען זיי גע־שטאנען פונקט אנטקעגען דעם שפיעגעל פון קאמין און זייערע שפיעגעל בילדער הינטער דעם זייגער אויף דעם געזימס האבען זיך אויך געקושט.

זיי האבען גארנישט געהערט, ניט דעם גערויש פון דעם שלי־סעל אין שלאס, ניט דאס קלאפען פון דער טהיר. אבער פלוצים

איהם ? דו ? דו ? דו ? פוי ! דיין נשמה מוז זיין אזוי נישקשה׳דיג שווארץ !

ער האָט זיך פערטהיידיגט עטוואָס פערלעגען :

— איך מאך דיר ניט קיין פאָרוואורף, מיין ליעבע, איך בעט דיך נור צו האָבען מעהר איינזעהעניש מיט דיין מאַן, ווייל מירביידע נויטיגען זיך אין זיין פערטרויען. דאָס מוזטו דאָך אליין איינזעהן.

זיי זיינען געשטאַנען איינער נעבען אנדערן. ער, גרויס, מיט א דונקעלער געזיכטס פארב, מיט לאַנגע וואָנצעס, דער טיפ פון דעם ניט גאָר איידעלען, שעהנעם יונג ; זי, ראָזאָווע, בלאָנה א רייצענדע קליינע פאריזערין, האלב קאָקעטקע, האלב אנשטענ־דיגע פרוי, וועלכע האָט זיך אין קראָם אויסגעהאָדעוועט, דאָרט, דורך דאָס ווינקען פון איהרע אויגען א מאַן געפונען, א נאאיווען פערבייגעהר, וועלכער האָט זיך אין איהר פערליעבט, ווייל ער האָט זי יעדען טאָג פאָר דער טהיר געטראָפען.

זי האָט געזאָגט :

— אָבער דו גרויסעס קינד, פארשטעהסטו דען ניט, אז איך האָב איהם גראָדע דערפאָר, וואָס ער האָט מיט מיר געהייראַט, ווייל ער האָט מיך געקויפט און ווייל אַלעס וואָס ער טהוט, וואָס ער זאָגט, וואָס ער דענקט, מאַכט מיך ווילד. דורך זיין דומהייט, וועלכע דו רופסט גוטסקייט, מאַכט ער מיך משוגע. ער ערגערט מיך מיט זיין טעמפּקייט — דו רופסט עס „פערטרויען“ — און איבערהויפּט ווייל ער איז מיין מאַן און ניט דו. איך פיהל, ווי ער שטעהט צווישען אונז, הגם ער שטערט אונז נישט. און דאַן : איז ער צו נאַריש אום איבערהויפּט עפּעס צו בעמערקען. איך וואָלט געוואָלט, ער זאָל כאָטש זיין אייפערזיכטיג. מאַנכעס מאָל צופּט עס מיך איהם א געשריי צו טהאָן אין פנים אריין : נאַר, פּראַ־אדם, זעהסט דו דען ניט, אז פּאָול איז מיין געליעבטער ?

לימאוסין האָט זיך צולאַכט.

— נו, יעדענפאַלס וואָלט עס געוועזן קליגער, אז דו זאָלסט שווייגען און אונזער ליעבע ניט שטערען.

איך דענק, אז אין אונזער לאגע איז לעכערליך זיך צו רייצען מיט ריעזען מאן פון פריה ביז נאכט!

זי האט גענומען א פאפיראס פון קאמין, האט עם פארדרויכערט און געענטפערט:

— אבער איך רייץ זיך גארנישט מיט איהם, אין גענענטהייל, ער צורייצט מיך מיט זיין נארישקייט, און איך בעהאנדעל איהם נור אזוי, ווי ער פערדיענט.

לימאוסין האט זיך אבגערופען אונגעדולדיג:

— אבער דאס וואס דו טהוסט איז זעהר אונגעשיקט. איבריגענס, זיים איהר פרויען אלע אזוי.

— יא, אבער מיט וואס?

— ער איז א מאדנער יונג! ער איז צו גוט מיט זיין צוטרויען און גוטמוטיגקייט. ער שטערט אונז ניט אין קיין זאך, האט ניט אפילו אויף א מינוט קיין פערדאכט, מיר קענען טהאן וואס מיר ווילען און דו טהוסט אלעס אין דער וועלט איהם משוגע צו מאכען און אונז אלעמען דאס לעבען צו פערביטערען.

זי האט זיך אומגעקעהרט צו איהם.

— אך, דו לאנגווייל'סט מיך! דו לאנגווייל'סט מיך! די ביזט פייג, ווי אלע מענער, דו האסט מורא פאר ריעזען קלאגעדיגען נפש.

ער האט זיך א הייב געטהאן אויסער זיך:

— זאג מיר, איך בעט דיך, איך וואלט בלויז וועלען וויסען, וואס ער האט דיר אזוינס געטהאן און וואס אייגענטליך דו האסט נעגען איהם. ער מאכט דיר אונגליקליך? ער שלאגט דיך? ער בעטריגט דיך? ניין. דאן הערט ווירקליך אויף דעם ארימען יונג נור דערפאר אזוי צו רייסען דאס פלייש, ווייל ער איז צו גוט, און איהם נאך מאכען פעראנטווארטליך דערפאר וואס דו בעטריגסט איהם.

זי איז צוגעקומען נעהנטער צו לימאוסינ'ען און איהם אריינגעקוקט אין די אויגען:

— דו מאכסט מיר פארווירפע דערפאר, וואס איך בעטריג

בעוועגונג, א וואָרט, א טאָן און פלוצים האָט ער א טראכט געטהאָן:

— איך וועל זיי היינט ביי נאכט איבערראשען — און ער האָט געזאָגט:

— ליעבע פריינדין, אזוי ווי איך האָב יוליע׳ן אוועקגעשיקט, מוז איך זעהן צו קריגען אַן אנדערע. איך וועל גלייך געהן, אום צו בעזאָרגען ווע‏מען עס איז פאר מאָרגען. עס קען זיין, אז איך וועל היינט קומען אביסעל שפּעטער אהיים.

זי האָט געענטפערט:

— גוט, געה, איך ריהר זיך ניט פון פלעק. לימאוסין וועט מיט מיר פערבלייבען. מיר וועלען וואַרטען אויף דיר.

דערנאָך האָט זי זיך געווענדעט צו דער שטוב־מיידעל:

— לייגט געאָרג׳ן שלאָפען. דאַן קענט איהר צונעהמען פון טיש און ארויפגעהן צו זיך אין צימער.

פּארענט איז אויפגעשטאנען, אין קאָפּ האָט זיך איהם גע־מישט און ער האָט ארויסגעברומט:

— צום ווידערזעהן!

דאַן איז ער אוועק צום טהיר, און האָט זיך דערביי געמוזט אָנהאלטען אן וואנד, ווייל ער האָט געפיהלט, אז די ערד טרייסעלט זיך אונטער איהם, ווי אויף א שיף.

דאָס מיידעל האָט גענומען געאָרג׳ן אויף די הענד און איהם אוועקגעטראָגען. הענריעטטע און לימאוסין זיינען אריין אין זאאל. אזוי שנעל ווי די טהיר האָט זיך פארמאכט, האָט ער געזאָגט:

— ביזטו משוגע אזוי צו מאטערען דיין מאַן?

זי האָט זיך א קעהר געטהאָן צו איהם:

— הער אויס, עס קלינגט צו קאָמיש. זייט דער לעצטער צייט האָסטו גענומען ארויסשטעלען פארענט׳ן פאר א ריינעם מאר־טירער.

לימאוסין האָט זיך א וואָרף געטהון אויף א שטוהל און פער־לעגט א פוס אויף א פוס.

— איך שטעל איהם נישט ארויס פאר קיין מארטירער, אָבער

— איך בין הונגעריג. און איהר, לימאוסין?

לימאוסין האָט געענטפערט:

— איך אויך.

און זי האָט ווידער געהייסען דערלאַנגען דאָס פלייש.

פּאַרענט האָט זיך געפרעגט:

— האָבען זיי פריהער געגעסען, אָדער זיי האָבען זיך פערשפּעטיגט, ווייל זיי האָבען געהאַט א ראַנדעוואו.

זיי האָבען איצט ביידע געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט. הענריעטטע איז געווען גאַנץ רוהיג, האָט געלאַכט און געזאָגט וויצען. איהר מאַן האָט זי אָנגעקוקט מיט שנעלע, פאַרשענדע בליקען. זי האָט געטראָגען א ראָזאָווען שלאָף־ראָק מיט ווייסע שפּיצען, און איהר בלאָנדער קאָפּ, איהר פרישער האַלז, איהרע רונדע אָרעמס זיינען ארויסגעטראָטען פון דעם דאָזיגען קאָקעטען, שמעקעדיגען געוואַנד, ווי פון א מעער־קאָפּ, פון וועלכען דער שוים שטייגט ארויס. וואָס האָט זי מיט דעם מאַן דאָרט א גאַנצען טאָג אָנגעגעבען? פּאַרמענט האָט אין זיינע געדאַנקען געזעהן, ווי זיי קושען זיך, ווי זיי פליסטערן איינער צום צווייטען ווערטער פון ליעבע. ווי איז דאָס גאָר מעגליך געוועזן, וואָס ער האָט גאָרנישט געוואוסט, גאָרנישט געפיהלט!

ווי אַזוי זיי האָבען זיך דאָס געמוזט פון איהם אויסלאַכען, אויב ער האָט טאקע אויף אן אמת פון דעם ערשטען טאָג אָן געשפּיעלט די ראָלע פון א נאַר. איז עס דען מעגליך, אז מען זאָל מיט א מאַן, מיט א בראווען מאַן, אַזוי שפּיעלען נור דערפאַר וואָס זיין פאָטער האָט געהאַט א ביסעל געלד! שווין זשע האָט מען גאָרנישט געקענט לעזען אין זייערע זעעלען? ווי איז דאָס מעגליך, אז אן עהרליכער מענש זאָל זיך ניט כאַפּען, אז ער ווערט בעטראָגען פון ניעדעריגע בעשעפענישען. ווי אַזוי איז עס מעגליך, אז די דאָזיגע מענשען זאָלען מיט דעם זעלבינגען מאָן קאָנען לייגען און זאָגען ווערטער פון ליעבע, אז אין די אויגען פון די זעלבע מענשען זאָל ליגען אי פאַלשקייט, אי עהרליכקייט צוגלייך?

ער האָט זי פּאַרשענדיג אָנגעקוקט און געוואַרט אויף עפּעס א

נאַכט אין בעט און שלאָפן מיט דעם שטענדיגען געדאַנקען, וועל־כער הערט נישט אויף צו עגבערען זיין מוח: „לימאוסין איז גע־אָרג'ם פּאַטער!“? ניין, ער וועט ניט האָבען די קראַפט אפילו איין טרים צו טהאָן, זיך אַנצוטהאָן, וועגען עפּעס צו דענקען, מיט עמיצען צו רעדען. יעדען טאָג, יעדע שטונדע, יעדע מינוט וועט ער זיך שטעלען די דאָזיגע פראַגע, וועט פרובען עפּעס דערגעהן, עפּעס טרעפען, דאָס דאָזיגע מורא'דיגע געהיימנים אויפדעקען. און דעם קליינעם, זיין ליעבען קליינעם אינגעלע וועט ער שוין מעהר נישט קענען אַנקוקען אָהן יענעם שרעקליכען פּערדאַכט, אָהן דעם אַז אַ וועהטאָג זאָל איהם ניט צורייסען דאָס הארץ, פערגיפ־טען זיין נשמה. און דאַן האָט ער געמוזט לעבען דאָ אין דעם דאָזיגען הויז, נעבען דעם קינד, וועלכען ער וועט ליעבען און האַסען אין איין און דערזעלבער צייט. און האַסען וועט ער איהם. יאָ, גאַנץ בעשטימט וועט ער איהם מיט דער צייט האַסען. וואָס פאַר אַ מאַטערניש! אַך, ווען ער זאָל וויסען אויף זיכער, אַז לימאוסין איז זיין פאָטער, וואָלט ער אפשר רוהיגער געוואָרען, וואָלט זיך צוגעוואָהנט צו זיין אונגליק, צו זיין שמערץ. אָבער גאָרנישט צו וויסען, איז צו שרעקליך, דאָס איז ניט אויסצוהאַל־טען!

גאָרנישט וויסען, אימער זוכען, אימער ליידען, דאָס דאָזיגע קינד אימער קושען, דאָס דאָזיגע קינד, וואָס געהערט צו אַן אַנ־דערען, געהן מיט איהם שפּאַצירען, טראָגען איהם אויף די הענד, גלעטען און קושען זיינע האָאָר, איהם ליעבען און פערגעטערען און דערביי ניט אויפהערען צו טראַכטען: פיליייכט איז עס ניט מיינס, אפשר געהערט ער צו אַן אַנדערען? ניין, עס וואָלט שוין זיין פיעל גלייכער, אַז ער זאָל איהם מעהר קיין מאָל ניט זעהן, איהם פערלאָזען, איבערלאָזען איהם אין מיטען גאַס אָדער אַליין אַנט־לויפען, ווייט אוועק, ווייט, ווייט, אַז ער זאָל מעהר קיין מאָל פון איהם ניט הערען.

ער האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן. זיין פרוי האָט געעפענט די טיר און איז אריין מיט די ווערטער:

מיט גרויס מיה אראבגעשלונגען, ווי די האלז וואָלט איהם געלעהמט געווען.

און ביסלעכווייז איז אין זיין נשמה א וואונש רייף געוואָרען, א שטאַרקער, א ברענענדיגער וואונש, אָנצוקוקען לימאוסין'ען, וועלכער איז אָנטקעגען איהם געזעסען און ברויט־קוגעלאַך געמאַכט, אום צו פערגלייכען, אויב ער איז עהנליך צו געאַרג'ן. אָבער ער האָט ניט געוואַגט אויפצוהויבען די אויגען האָט ער זיך געצוואונגען דערצו און פער'גנב'עט בעטראַכט דאָס דאָזיגע פּנים, וואָס ער האָט אזוי גוט און אזוי לאַנג געקאָנט. און עס האָט זיך איהם אויסגע־וויזען, ווי ער וואָלט עס קיין מאָל פריהער ניט געזעהען, אזוי פערשיעדען איז עס געווען פון זיין פאָרשטעלונג. יעדע מינוט האָט ער געוואָרפען א האסטיגען בליק אין זיין פריינד'ס פּנים און געזוכט אין זיינע שטריכען די עהנליכקייט. דאן האָט ער אָנגעקוקט זיין זוהן און ווידער פערגליכען און דערביי האָט ער אימער גע־מאַכט אַן אָנשטעל, אז ער עסט.

צוויי ווערטער האָבען איהם אין די אויערען געקלונגען: „זיין פּאָטער!". די דאָזיגע ווערטער האָבען איהם געקלאַפּט אין די שלייפען ביי יעדען אָטהעם־צוג. יאָ, דער דאָזיגער מאַן דאָרט, דער דאָזיגער רוהיגער מאַן, וועלכער איז געזעסען אויף דעם אַנ־דער'ן זייט טיש, איז, קען זיין, געווען דער פּאָטער פון זיין זוהן, דער פּאָטער פון דעם קליינעם געאָרג. פּאַרענט האָט אויפגעהערט צו עסען, ער האָט שוין מעהר נישט געקאָנט. א מורא'דיגער וועה־טאָג, איינער פון יענע טיעפע שמערצען, וואָס מאַכען איינעם צו שרייען, צו וואַלגערען זיך אויף דר'ערד און בייסען די מעבעל, האָט צוריסען זיין נשמה. ער האָט געפיהלט, ווי צו כאַפּען זיין מעסער און עס זיך אין לייב אריינצושטעכען. דאָס וואָלט איהם לייכטער געמאַכט, איהם אפשר געראַטעוועט, דען דאַן וואָלט אַלעס געווען אויס און ער וואָלט מעהר נישט געליטען.

איז דען מעגליך, אז ער זאָל איצט ווייטער לעבען? האָט ער דען געקענט ווייטער לעבען? אויפשטעהן אין דער פריה? זיך זעצען צום טיש? געהן אין גאַס? זיך לייגען ביי דער

קינד נאָר געדראָפּט שטאַרבען פון הונגער! אליין קענסטו ניט פערשטעהען, אז ווען עס איז האלב זיעבען און איך בין נאך ניט געקומען אהיים איז א סמן, אז איך בין מסתמא פערהאלטען גע־װאָרען — אז איך האָב עפּעס צו בעזאָרגען.

פארענט האָט גענומען ציטערען. ער האָט געפיהלט, ווי דער צאָרן בעהערשט איהם. אבער דאָ האָט זיך לימאוסין אריינגעמישט און זיך געווענדעט צו דער יונגער פרוי:

— ליעבע פריינדין, איצט זייט איהר אונגערעכט. פארענט האָט דאך ניט געקאָנט טרעפען, אז איהר וועט קומען אזוי שפּעט, ווייל עס האָט דאך ביז אהער נאך קיינמאָל ניט פּאסירט, און וואָס האָט ער אליין געקאָנט טהאָן, נאָכדעם ווי ער האָט יוליע'ן אוועקגע־שיקט?

אָבער העגריעטע האָט געענטפערט גאנץ פערצווייפעלט:

— ער וועט זיך מוזען אליין אן עצה געבען, ווארים איך העלף איהם ניט. זאל ער זעהן, ווי ער קען זיך אליין העלפען.

און זי איז שנעל אוועק אין איהר צימער און שוין אין גאנצען פערגעסען, אז דאָס קינד האָט נאך גאָר נישט גענעסען.

דאן האָט לימאוסין זיך פּלוצים א נעהם געטהאָן זיין פריינד צו העלפען. ער האָט צוזאמענגענומען די צובראכענע כלים, וואס זיי־נען געלעגען אויפ'ן טיש, האָט איבער א נייעם אלעם געגרייט, האָט אוועקגעזעצט דאָס קינד אין זיין הויכען שטול, בעת פארענט האָט גערופען דאָס שטוב מיידעל און איהר געהייסען ברייגגען דאָס עסען.

זי איז אריינגעקומען אן ערשטוינטע. זי איז נעזעסען און גע־ארבייט אין געארג'ס צימער און האָט דאָרט קיין זאך ניט גע־הערט.

זי האָט באלד געבראכט די זופּ, פערברענטע קאָטליעטען און צוריבענע קארטאָפעל. פארענט האָט זיך אין פערשטיקטער פער־צווייפלונג געבען זיין קינד געזעצט. ער האָט דעם קליינעם געגע־בען עסען, אליין אויך געפּרובט עפּעס עסען, האָט זיך צושניטען א שטיקעל פלייש אין קליינע שטיקעלעך, האָט זיי לאנג געקייט און

יוליע האָט מיין מאַן געשלאָגען... נו, נו! דאָס איז ווירקליך קאָמיש.

פארענט האָט געשמאָמעלט:

— אָבער הער דאָך אויס, דאָס איז ניט אמת, דאָס איז ניט אמת! פערקעהרט, איך האָב זי ארויסגעשמיעסען אין עס צימער, אזוי שטארק, אז זי האָט דעם טיש אומגעווארפען. דאָס קינד האָט ניט ריכטיג געזעהן. איך האָב זי געשלאָגען ניט זי מיר.

העגריעטע האָט זיך געווענדעט צו איהר זוהן:

— זאָג, מיין קליין אינגעלע, זאָג נאָך אמאָל, האָט יוליע געשלאָגען דעם פאפע?

ער האָט געענטפערט:

— יאָ, יוליע.

דאן איז איהר פלוצים אַן אנדער געדאנק אין קאָפּ אריין און זי האָט געזאָגט:

— אָבער דו האָסט דאָך נאָך גאָר נישט געקראָגען צו עסען. האָסטו שוין עפּעס געגעסען, מיין ליעבלינג?

— ניין, מאמא.

דאן האָט זי זיך בייז א קעהר געטהאָן צו איהר מאַן:

— דו ביזט הפנים משוגע געוואָרען? אין גאנצען משוגע ביזטו געוואָרען. עס איז האַלב ניין א זייגער און געאָרג האָט נאָך גאָר נישט געגעסען!

ער האָט זיך ענטשולדיגט.

— אָבער ליעבע פריינדין, מיר האָבען דאָך געוואַרט אויף דיר, איך האָב אָהן דיר ניט געוואָלט עסען. אזוי ווי דו פערשפּעטיגסט זיך יעדען טאָג, האָב איך געדענקט אז אָט־אָט קומסטו אָן.

זי האָט א ווארף געטהאָן איהר הוט, וועלכען זי האָט ביז אהער נאָך געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ, אויף א שטול און האָט אויסגערופען מיט א נערוועזער, ציטערנדער שטימע:

— אזוי? דאָס איז אָבער נאָך ניט געהערט געוואָרען, עס איז א מאכל צו האָבען צו טהאָן מיט מענשען, וועלכע פערשטעהען גאָר נישט, האָבען פון קיין זאַך קיין בעגריף, קיין אהנונג. און ווען איך זאָל האָבען געקומען אהיים נאָך האַלבע נאכט, וואָלט דאָס

מיט גרויס פעראכטונג האט זי א דריק געטהאן מיט די פּלייצעס:

— ווייסטו, פון דיר וועט שוין קיינמאל ניט ארויסקומען קיין זאך, אויסער אן אלטער וואשלאפּען, אן עלענדער טויגעניכטס, אן ארימער, ארימער יונג אהן א ווילען און אהן ענערגיע. דיין יוליע האט דיר שוין געמוזט געבען צו הערען שעהנע זאכען, אז דו האסט זיך ווירקליך ענטשלאסען זי ארויסצויאגען. איך וואלט זיך געוואלט בלויז איין מינוט צוהערען, בלויז איין מינוט.

זי האט געעפענט די טיר פון זאל און איז צוגעלאפען צו געארג'ן, איהם אויפגעהויבען, ארייננעכאפּט אין איהרע ארעמס און איהם געקושט מיט די ווערטער:

— מיין געארג'ל, וואס איז דיר, מיין ארים קינדעלע, מיין קליין פייגעלע, מיין גוטער, קליינער אינגעלע?

אזוי ווי די מוטער האט איהם געלאסטשעט איז ער אנשווייגען געווארען, און זי האט ווידערהאלט:

— וואס פעהלט דיר דען?

אין זיין קינדערשער אנגסט, ניט וויסענדיג וואס אזוינס איז איינענטליך געשעהן, האט ער געענטפערט:

— יוליא האט דעם פּאפּא געשלאגען.

העגריעטע האט זיך אין אנהויב א קעהר געטהאן א צושראקענע צו איהר מאן, דאן האט זיך אין איהר בליק בעוויזען א משוגענער פערלאנג צו לאכען, ווי א הויך איז איבער איהרע צארטע באקען אריבער, איהרע ליפּען פערקרימט און מיט אמאל האט פון איהר מויל א שאס געטהאן א גאנצער וואסערפאל פון הייטערקייט, א הויכער געלעכטער, ווי דאס סוויסטשען פון א פויגעל, און זי האט געענטפערט מיט בייזע, קורצע אויסרופען, וועלכע זיינען פון צווישען איהרע ווייסע צייהן ארויס און איהר מאן ווי מיט מעסער געשניטען.

— אך אזוי!... אך אזוי!... זי האט... האט דיך גע... געשלאגען האט זי דיך... ניין, ווירקליך!... דאס איז צו קאמיש... הערט נור, לימאוסין, יוליע האט איהם געשלאגען... געשלאגען...

— אָה, ניין, דורכאויס ניט!

זי האָט איינגעזעהן, אז ער וועט אימער נאָכגעבען און האָט שוין געוואָלט געהן אין איהר צימער, ווען זי האָט דערהערט דעם אינגעל, וועלכער האָט נאָך אימער גערעוועט. געריהרט האָט זי געפרעגט:

— וואס איז מיט'ן קינד?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אז יוליא האָט איהם שלעכט בעהאנדעלט.

— וואס האָט איהם דען די אונפערשעהמטע פערזאן געטהאָן?

— זי האָט איהם א שטוים געטהאָן און ער איז געפאלען.

זי האָט געוואָלט זעהן איהר קינד און איז אריין אין עס־צימער; ווי א צוגעשמיערטע איז זי געבליבען שטעהן פאר'ן טיש, אויף וועלכען דער ווייך איז געוועזן צוגאָסען און ארום זיינען געלעגען צובראָכענע פלעשער, גלעזער און אומגעווארפענע זאלץ־פעסלאך.

— וואס איז דאָס פאר א פערוויסטונג?

— יוליע האָט...

אָבער זי האָט איהם צורייצט איבערגעהאקט די רייד:

— דאָס איז שוין אבער ווירקליך צופיעל. יוליע בעהאנדעלט מיך, ווי איך וואלט געוועזן אן אונעהרליכע פרוי, שלאָגט מיין קינד, צוברעכט מיינע זאכען, קעהרט מיין גאנצע הויז איבער קאפויער, און דו, ווי עס שיינט, געפינסט עס פאר גאנץ נאטירליך.

— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, איך האָב זי דאָך אוועקגע־שיקט.

— ווירקליך, האָסט זי אוועקגעשיקט? ארעסטירען האָט מען זי בעדארפט; דו האָסט געדארפט רופען א פּאָליסמאן.

ער האָט געשמייכעלט:

— אָבער ליעבע פריינדין, איך האָב דאָך ניט געקענט עטוואס אזוינס טהאָן... עס איז דאָך גאָר קיין גרונד דערצו ניט געוועזן; דאָס וואלט ווירקליך זעהר שווער געוועזן.

— זעהר שעהן, זעהר שעהן, איך מאַך דיר דאָך ניט קיין פאַרוואורף.

דאַן איז לימאוסין, וועלכער איז ביז אהער געשטאַנען האַלב הינטער הענריעטאַ'ן פערשטעקט און זיך שטום צוגעהערט, צו זיין פריינד צוגעגאַנגען, איהם אַ דריק געטהאָן די האַנד און געזאָגט:

— ווי געהט עס?

פארענט האָט גענומען די אויסגעשטרעקטע האַנד און זי לייכט אַ דריק געטהאָן:

אָבער די יונגע פרוי האָט געכאַפּט אַ וואָרט אין איהר מאַן'ס לעצטען זאַץ און זי האָט זיך דערפאַר אָנגעכאַפּט:

— אַ פאַרוואורף? ווי קומסטו דערצו, צו ריידען פון פאַר־וואורף? עס שיינט, אַז דו האָסט עפּעס אַ געוויסע אבזיכט דער־ביי.

ער האָט זיך ענטשולדיגט:

— אָך, ניין. איך האָב דיר בלויז געוואָלט ענטפערען, אַז איך האָב זיך איבער דיין פערשפּעטיגונג ניט בעאונרוהיגט און מאַך דיר דערפאַר קיין פאַרוואורף נישט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט פון אויבען ביז אַראָב און געזוכט אַ גרונד אָנצוהויבען אַ שטרייט:

— איבער מיין פערשפּעטיגונג? עס קלינגט אַזוי, ווי עס וואָלט שוין זיין פאַרטאָג און איך וואָלט גאַנצע נעכט אין דער היים נישט געוועזן.

— אָבער ניין, ליעבע פריינדין, איך האָב געזאָגט פערשפּעט־טיגונג, ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין אַנדער וואָרט דערפאַר. — דו האָסט געזאָלט קומען אַהיים אום האַלב זיעבען און קומסט אום האַלב ניין. דאָס רוף איך פערשפּעטיגונג. איך פערשטעה גאַנץ גוט, אַז מען האָט דיך פערהאַלטען און בין ניט ערשטוינט דער־פון, אָבער איך האָב ניט געוואוסט וואָס פאַר אַן אַנדער וואָרט איך זאָל געברויכען.

— דו קעהרסט זיך אַזוי אויס, ווי איך וואָלט גענעכטיגט אין דרויסען.

נאָר, וואָס יוליע האָט געזאָגט, און דאָס האָסטו געוואָלט הערען. איך וויל נאָר נאָך בעמערקען, אַז איך האָב זי פאַר די דאָזיגע רייד אַרויסגעטריבען.

עס האָט זי אַ צופּ געטהאָן אין די פינגער איהם אויסצורייסען די באָרד, זיך איינעסען מיט איהרע נעגעל איהם אין פּנים אריין. אין זיין טאָן, אין זיין שטימע, אין זיין בענעהמען זיך, האָט זי געפיהלט דעם צאָרן, וואָס האָט אין איהם געברענט, אָבער זי האָט גאָרנישט געקענט ענטפערען. זי האָט געזוכט עפּעס אַ בעלײדיגענד וואָרט, פאַרוואָס זי זאָל זיך קענען צו איהם צוטשעפּען.

— האָסטו שוין געגעסען? — האָט זי געפרעגט.

— ניין, איך האָב געוואַרט אויף דיר.

זי האָט אונגעדולדיג אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען:

— דאָס איז אָבער אַ גרויסע דומהייט צו וואַרטען אויף מיר ביז נאָך האַלב אַכט. דו האָסט דאָך געקענט פערשטעהן, אַז עטוואָס האָט מיך פערהאַלטען, אַז איך האָב עפּעס צו בעזאָרגען, געשעפטען.

און פּלוצים האָט זי געקריגען אַ בעדערפעניש צו ערקלעהרען, ווי אַזוי זי האָט די צייט פערבראַכט. און זי האָט אָנגעהויבען מיט קורצע ווערטער, קוקענדיג אויף איהר מאַן פון אויבען אַראָב, צו דערצעהלען, אַז זי האָט געזוכט מעבעל זעהר ווייט, זעהר ווייט אין דער רי דע רען, און דאָרט האָט זי אַרום זיעבען אַ זייגער צופעליג געטראָפען לימאוסינ'ען. זי האָט שוין געזאָלט געהן אַהיים ווען זי האָט איהם בעגעגענט אויפ'ן בולוואַר סען־זשערמען און האָט איהם געבעטען, ער זאָל זי בעגלייטען אין אַ רעסטאָראַן, אום עפּעס אַ ביס צו טהאָן. ווייל זי וואָלט זיך ניט געטרויט אַליין אַריינצוגעהן, הגם זי איז שיער ניט געפאַלען פון הונגער. און אַזוי איז דאָס געקומען, וואָס זי האָט מיט לימאוסין צוזאַמען געגעסען, אויב מען קאָן דאָס איבערהויפּט אָנרופען עסען, דען זי האָט אין איהר מויל ניט געהאַט מעהר ווי אַ טאַסע טהעע און אַ האַלבע הוהן, אַזוי האָבען זיי זיך געאיילט אַהיים צו קומען.

פאַרענט האָט געענטפערט גאַנץ רוהיג:

— דו האָסט זי אַוועקגעשיקט? יוליע'ן? דו ביזט הפּנים משוגע געוואָרען!

— יאָ, איך האָב זי אַוועקגעשיקט, ווייל זי איז געווען אונ־פערשעמט און ווייל זי... ווייל זי האָט דאָס קינד שלעכט בע־האַנדעלט.

— יוליע?

— יא, יוליע.

— ווי איז דאָס מעגליך, אז יוליע זאָל זיין אונפערשעהמט?

— זעהסטו דאָך, זי איז געווען אונפערשעהמט אנטקעגען דיר!

— אנטקעגען מיר?

— יא, ווייל איהר מיטאג איז פערברענט געוואָרען און דו ביזט נים אהיים געקומען אין ציים. זי האָט געזאָגט... זי האָט געזאָגט זאכען, וועלכע מאכען דיר נים קיין כבוד און וועלכע איך האָב נים געדארפט הערען, נים געקאָנט הערען.

— וואָס פאר זאכען?

— דאָס דארף איך נים ווידערהאָלען.

— איך וויל עס וויסען!

— זי האָט געזאָגט, אז עס איז אן אונגליק פאר אזא מאַן, ווי איך, צו האבען געהייראט מיט אזא פרוי, ווי דו! א פרוי, וועלכע איז אונפינקטליך, אונאָרענטליך, קימערט זיך וועגען קיין זאך נים, אויך נים אום די ווירטשאפט, און וועלכע איז א שלעכטע מוטער און א שלעכטע ווייב דערצו.

די יונגע פרוי איז אריין אין פאַרזאאל און לימאוסין, וועל־כער האָט נים גערעדט קיין וואָרט, איז איהר נאָכגעגאנגען. זי האָט שנעל צוגעמאכט די טיר, האָט א וואָרף געטהאָן איהר מאנטעל אויף א שטוהל און זיך א וואָרף געטהאָן צו איהר מאַן שטאמ־לענדיג:

— דו זאָגסט... דו זאָגסט, אז איך...

ער איז געווען זעהר בלייך, זעהר רוהיג און האָט געענטפערט:

— ליעבע פריינדין, איך זאָג גאָרנישט, איך ווידערהאָל דיר

געוואָרען פֿון זיך. הינטער דער טיר, צו וועלכער ער איז געלאָפען מיט שנעלע טריט, איז ער געבליבען שטעהן, אום צו איינהערען זיך. זיין הארץ האָט געקלאַפּט שטארק. ער האָט גאָר נישט גע־הערט, אויסער דאָס שטארקע, דומפּפּע קלאַפּען אין זיין ברוסט און געאָרג׳ס שניידענדע שטימע, וועלכער האָט נים אויפגעהערט צו שרייען אין זאאל.

פּלוצים האָט ער א ציטער געטהאָן אונטער דעם קלאַנג פון גלאָק, וועלכער האָט ווידער גענומען קלינגען איבער זיין קאָפּ. דאַן האָט ער גענומען די קליאַמקע אין האנד און אָהן אָטהעם, מיט וואַנקענדע קניע, האָט ער די טיר אויפגעמאַכט.

זיין פרוי און לימאוסין זיינען געשטאַנען פאַר איהם אויף די טרעפּ.

זי האָט געזאָגט מיט אן ערשטוינטער מינע, פון וועלכער עס האָט זיך געפיהלט א געוויסע אויפרעגונג:

— דו מאַכסט גאָר איצט אויף? וואו איז דען יוליע?

אין האלז האָט איהם געוואָרגען. ער האָט געאָטהעמט שנע־לער און זיך געמאַטערט צו ענטפערען, האָט אָבער נים געקענט ארויסברייננגען קיין וואָרט.

זי האָט ווידער אָנגעהויבען:

— ביזטו דען שטום געוואָרען? איך האָב געפרעגט, וואו איז יוליע?

ער האָט געשטאַמעלט:

— זי איז — זי איז אוועק.

זיין פרוי האָט גענומען ווערען צורייצט:

— וואָס הייסט, אוועק? וואוהין? צו־וואָס?

ביסלעכווייז האָט ער געוואונען צוריק זיין געלאַסענקייט און איצט האָט זיך אין איהם ערוועקט א בייזער האס צו דער דאָזיגער אונפערשעהמטער פרוי, וואָס איז דאָ געשטאַנען פאַר איהם:

— יא, זי איז אוועק, אין גאַנצען אוועק, איך האָב זי אוועק־געשיקט.

ער האָט נעהאַלטען געאָרג'ן אויף די הענד, אַזוי אַז זייערע באַקען האָבען זיך געפונען איינס נעבען דאָס אַנדערע, און פאַר גרויס אויפרעגונג האָט ער גערעדט אין דער הויך:

— יאָ... מיר האָבען דיזעלבע נאָז... דיזעלבע נאָז... אפשר... זיכער איז עס נישט.. און דעמזעלבען בליק, אָבער ניין.. ער האָט דאָך בלויע אויגען.. יאָ, דאָן.. דאָן.. אָה, מיין גאָט, מיין גאָט.. איך ווער משוגע.. איך קען מעהר נישט זעהן.. איך בין פּעררירקט.

ער איז אַנטלאָפען פון שפּיעגעל ביז אין אַנדערען עק זאַאַל, האָט זיך צראָבגעלאָזען אויף אַ שטוהל, אָוועקגעזעצט דעם קליינעם אויף אַן אַנדערען דערביי, און האָט אָנגעהויבען וויינען. ער האָט נעשלוכצט הויך אויפ'ן קול, און געאָרג האָט זיך אַזוי דערשראָקען, זעהענדיג ווי זיין פאָטער וויינט, אַז ער האָט פּלוצים אויך אָנגעהויבען צו רעוועו.

דאָ האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון דער הויז־טיר. פּאַרענט איז אויפגעשפּרונגען, ווי אַ קויל וואָלט איהם טרעפען, און ער האָט צו זיך אַליין נעזאָגט:

— דאָס איז זי.. וואָס זאָל איך איצט טהאָן?

און ער איז געלאָפען אין זיין צימער, אום צו געווינען צייט, און זיך וועניגסטענס די אויגען אויסווישען. אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער זיך אין גאַנצען אַ טרייסעל געטהאָן: דער גלאָק האָט ווידער געקלונגען. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז יוליע איז אַוועק און דאָס שטוב־מיידעל וויים דערפון גאָרנישט. דערפאַר עפענט קיינער ניט די טיר. וואָס זאָל ער טהאָן? ער איז אַוועק עפענען.

און פּלוצים האָט ער זיך דערפיהלט מוטיג, אויף אַלעס ענטשלאָסען, צום קאַמפף בערייט. די מורא'דיגע ענטדעקונג האָט איהם אין איינינע אוינענבליקען קורצע רייפער, שטאַרקער געמאַכט. און דערצו האָט ער איצט געוואָלט אַלעס וויסען, אַלעס, אַלעס.

און דאָך האָט ער געציטערט דערפאַר. איז עס געווען מורא? יאָ, אפשר האָט ער פאַר איהר נאָך מורא געהאַט. דער מוט בע־שטעהט דאָך אַזוי אָפט פון פיינהייט, וואָס איז אַרויסגעבראַכט

— אה, ווען ער איז עהנליך צו לימאוסין !

און ער האָט גענומען קוקען אויף געאָרג'ן, וועלכער האָט איצט געלאכט צושראָקען. שטארק האָט ער געקוקט איהם אין די אויגען, און האָט געזוכט אין זיין שטערן, אין דער נאָז, אין מויל, אין די באקען, טאָמער וועט ער געפינען עטוואָס פון דעם שטערן, פון דער נאָז, דעם מויל און די באקען פון לימאוס'ן.

די געדאנקען האָבען זיך ביי איהם גענומען מישען, פּלאָנ־טערען, ווי ביי אַ משוגענעם, און אונטער זיין שארפען בליק, ווי עס האָט איהם אויסגעוויזען, האָט דאָס פּנים פון'ם קינד זיך גענומען ענדערען, און האָט אָנגענומען אַ זעלטזאמע געשטאלט און מערקווירדיגע עהנליכקייט.

יוליע האָט צו איהם געזאָגט: „דאָס פּיהלט דער בלינדער מיט'ן שטעקען". עס האָט אַלזאָ געמוזט זיין אַן עהנליכקייט, וועלכע מען האָט ניט געקאָנט אָבלייקענען. אָבער וואו? דער שטערן? יאָ, אפשר? און דאָך האָט לימאוסין געהאט אַ שמאָ־לער'ן שטערן. דאן אַלזא דער מויל? אָבער לימאוסין האָט געטראָגען אַ באָרד. היינט ווי אזוי זאָל מען צווישען דער רונדער מאָרדע פון'ם קינד און דער בעוואקסענער פון'ם מאַן געפינען אַן עהנליכקייט?

פּארענט האָט געטראכט:

איך קאָן עס ניט דערקענען, קאָן עס איצט מעהר נישט דער־קענען. איך בין צו אויפגערעגט. איצט איז מיר איבערהויפּט ניט מעגליך, עטוואָס אזוינס פעסטצושטעלען. איך מוז ווארטען. איך וועל איהם אקאָרשט מאָרגען אין דער פריה ווירער גוט אָנ־קוקען.

דאן האָט ער די זאך איבערלייגט:

— אָבער אויב ער איז עהנליך צו מיר? דאן בין איך דאָך אַ געראטעוועטער! יאָ, אַ געראטעוועטער!

און מיט אַ פּאָאר גרויסע טריט האָט ער דורכגעשפּרייזט דעם זאַל, אום אין שפּיעגעל דעם קינד'ס שטריכען מיט זיינע צו פערגלייכען.

אויף די הענד און בערעקט איהם מיט קושען. זיין קינד איז איהם געבליעבען! און ווייטער ארט איהם ניט, אלעס אנדערע איז איהם גלייכגילטיג. ער האָט עס געהאלטען אין זיינע ארעמס, געדריקט עס צו זיך, געפּרעסט דעם מויל אויף זיינע בלאָנדע האָר און האָט געשטאַמעלט ערלייכטערט און געטרייסט:

— געאָרג, מיין קליינער געאָרג! מיין ליעבער, קליינער גע־אָרג!

אָבער פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם, וואס יוליע האָט געזאָגט: זי האָט דאָך פערזיכערט, אז דער אינגעל איז לי־מאוסין'ס קינד. אָבער דאָס איז אונמעגליך. ניין, דאָס קאָן ער ניט גלויבען, ניט אפילו איין אויגענבליק, דאָס איז געוועזען איינע פון יענע נידערטרעכטיגקייטען, אויף וועלכע עס זיינען פעהיג בלויז די שקלאַפּישע נשמות. און ער האָט ווידערהאָלט:

— געאָרג, מיין ליעבער געאָרג!

דער קליינער האָט געשוויגען, ווען מען האָט איהם געלאַס־משעט.

פּאַרענט האָט דורך די קליידער געפיהלט די ווארימקייט פון דעם קליינעם קערפּער. און דאָס האָט איהם אָנגעפילט מיט ליע־בע, מוט און פרייד. די זיסע ווארימקייט פונ'ם קינד האָט זיך איהם אין דער נשמה איינגעשמייכעלט, האָט איהם געגעבען קראפט און איהם ווידער אויפגעהויבען.

און ער האָט אָבגעבויגען דאָס קליין קעפּעלע אביסעל פון זיך, אום עס פול מיט ליעבע צו בעטראַכטען. ער האָט געקוקט אויפ'ן אינגעל מיט לייכטענדע אויגען, האָט זיך אין גאנצען פערלאָרען אין זיין אנבליק, בעת ער האָט געהאלטען אין איין ווידערהאָלען:

— אַך, מיין קליינער, מיין קליינער געאָרג!

פּלוצים האָט ער אַ טראַכט געטהאָן:

— און טאָמער איז ער טאקע עהנליך צו לימאוסין?

און דערבײַ האָט איהם אין הארצען עטוואס מורא'דיג אַ צופּ געטהאָן, אַ שניידענדע קעלט איז איהם איבער'ן לייב אַרי־בער ווי זיינע ביינער וואָלטען פּלוצים שטיקער אייז געוואָרען.

בעשטימטקייט, אַז ער האָט ניט געצווייפעלט, דאָס זי האָט געזאָגט דעם אמת. אָבער ער האָט נאָך אַליץ גערענקט, אַז זי האָט געקאָנט האָבען אַ טעות, האָט געקאָנט צוליעב דער צוגעבונדענקייט צו איהם זעהן פאַלש, זיין פערבלענדעט, דער האָס צו הענריעטע'ן האָט זי געקאָנט פערפיהרען. אָבער ווען ער האָט פּרובירט זיך בערוהי־גען, האָט ער זיך דערמאָנט אָן טויזענד קליינינגקייטען: זיין פּרוי'ס ווערטער, לימאוסין'ס בליקען, אַ גאַנצע מאַסע פון גלייכגילטיגע, אונוויכטיגע זאכען, אויף וועלכע ער האָט פריהער קיין שום אויפ־מערקזאַמקייט ניט געשענקט. אַ שפּעטער שפּאַציערגאַנג, די אָב־וועזענהייט פון זיי ביידען אין איין צייט, אפילו די אונבעדייטענדסטע בעוועגונגען זייערע, אין וועלכע ער האָט פריהער גאָר נישט געזעהן, זיינען איהם איצט איינגעפאַלען און אַ בעזונדערע בעדייטונג געקראָגען. ער איז געקומען צום שלוס, אַז צווישען זיי ביידע האָט געמוזט עקזיסטירען אַ געוויסע אָבמאַכונג, אָן איינ־פערשטענדניס. ער האָט זיך פּלוצים דערמאָנט אָן אַלעס, אַלעס, וואָס איז זייט זיין פערלאָבונג געשעהן. אַלעס איז איהם ווידער אויף די געדאַנקען געקומען און זיין אָרימער, אויסגעמאַטערטער און פערצווייפעלטער פערשטאַנד האָט שוין איצט אַלעס, אפילו דאָס אין וואָס מען האָט נאָך אפשר געקאָנט צווייפלען, אָנגענומען פאַר געוויסהייט.

ער איז דורכגעלאָפען אין די געדאַנקען די פינף יאָהר פון זיין פערהייראַטען לעבען, האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן יעדע קליינינגקייט, האָט געזוכט מאָנאַט נאָך מאָנאַט, טאָג נאָך טאָג, אַלעס ווידער צו דערמאָנען זיך, וואָס זאָל זיין צווייפעל קענען בעשטעטיגען, און די אַלע טויזענד קליינינגקייטען, אָן וועלכע ער האָט זיך דער־מאָנט, האָבען זיין האַרץ ווי מיט אַ מעסער געשניטען.

וועגען געאָרג'ן האָט ער שוין מעהר ניט געטראַכט. דאָס קינד איז איצט געזעסען שטיל אויפ'ן טעפּיך. אָבער אַזוי ווי קיינער האָט זיך מיט איהם ניט פערנומען, האָט ער ווידער אָנגעהוי־בען צו וויינען.

דער פאָטער איז צוגעגאַנגען צו דעם אינגעל, איהם גענומען

גרייטען עסטיש, די גלעזער זיינען אומגעפאלען און צובראָכען געוואָרען. זי האָט זיך אויפגעהויבען און לויפענדיג ארום טיש, אום ער זאָל שטעהן צווישען איהר און איהר הערר, וועלכער האָט זי פערפאָלגט, האָט זי איהם נאָך א וואָרף געטהאָן אין פנים די פאָלגענדע ווערטער:

— דער גנעדיגער הערר דאַרף נור אוועקגעהן היינט ביינאַכט נאָכ'ן עסען, און דאַן פּלוצים צוריק אהיים קומען! דאַן וועט דער הערר שוין זעהן! דאַן וועט דער הערר וויסען, צי איך האָב געזאָגט א ליגען צי ניט. זאָל דער גנעדיגער הערר נור איין מאָל פּרובירען, וועט ער דאַן שוין זעהן!

זי איז צוגעקומען צו דער קיך טיר און איז אנטלאָפען, ער נאָך איהר, איבער די הינטערשטע טרעפּ, ביז צו איהר קעמערעל, וואו זי האָט זיך פערשפּאַרט. ער האָט געדונערט פאַר איהר טיר:

— דו זאָלסט גלייך פערלאָזען מיין הויז!

זי האָט געענטפערט הינטערן טיר:

— דער גנעדיגער הערר קען זיין גאַנץ רוהיג, אין א שטונדע ארום בין איך שוין דאָ נישטאָ.

לאַנגזאַם, אָנהאַלטענדיג זיך אָן פּאַרענץ, אום נישט צו פאַלען, איז ער אראָב אין זאַל, וואו געאָרג איז געזעסען אויף דר'ערד און געוויינט.

פּאַרענט האָט זיך אראָפּגעלאָזען אויף א שטוהל און מיט צורמישטע אויגען דאָס קינד אָנגעקוקט. ער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט, אלעס האָט זיך ארום איהם געדרעהט, ווי ער וואָלט משוגע געוואָרען, אָדער ער וואָלט געקראָגען א שטאַרקען זעץ אין קאָפּ. די אלע מורא'דיגע זאַכען, וואָס די דיענערין האָט איהם נור וואָס געזאָגט האָבען זיך איהם ניט געקענט אריין אין מח.

צום סוף האָט זיך זיין קאָפּ ביסלעכווייז בערוהיגט, זיינע געדאַנקען זיינען קלאָהרער געוואָרען, און די פורכטבאַרע ענטדעקונג האָט גענומען ווירקען אויף זיין הארצען.

יוליע האָט גערעדט אזוי אָפט, אזוי איבערציינגט, מיט אזא

דער קליינער געאַרג איז אַפּריהער געוואָרען ערשטוינט, דער־נאָך דערשראָקען פון די אויפגערעגטע שטימען. צום סוף האָט ער געגומען וויינען אויפ'ן קול און האָט זיך מיט אַ צושראָקענעם פּנים און אָפענעם מויל הינטער זיין פּאָטער בעהאַלטען.

זיין זוהן'ס געשריי האָט פּאַרענט'ען פערצווייפעלט געמאַכט, האָט אין איהם אַרויסגערופען מוט און צאָרן צוגלייך. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף יוליע'ן מיט אויפגעהויבענע אָרעמס, ווי ער וואָלט זי וועלען שלאָגען, און האָט אויסגערופען.

— דו פערדאָרבענע פּרויענצימער, דו ווילסט מיר נאָך דעם קליינעם משוגע מאַכען!

ער האָט זי שוין געוואָלט אָנריהרען, ווען זי האָט איהם אַ שליידער געטהאָן אין פּנים:

דער גנעדיגער הערר קען מיך שלאָגען, ווען ער וויל, מיך, וועל־כע האָט איהם אויסגעהאָדעוועט, דאָס ווערט אבער ניט ענדערען דעם פאַקט, אַז די גנעדיגע פרוי בעטריגט איהם און אַז דער קליינער איז ניט זיין קינד.

דאָ איז ער געבליעבען שטעהן, ווי אַ צוגעשמיעדטער, די אָרעמס זיינען איהם שלאַף אַראָבגעפאַלען און ער איז געווען אַזוי דער־שראָקען, אַז ער האָט שוין מעהר גאָרנישט פערשטאַנען.

זי האָט נאָך צוגעלייגט:

— מען דאַרף נור איין מאָל אַ קוק טהאָן אויף דעם קליינעם, אום צו וויסען ווער דער פאָטער איז! דאָס קינד איז קאַפּענע הערען לימואַסין, מען דאַרף נור זעהן זיין שטערן און זיינע אוי־גען! דאָס פיהלט אַפילו אַ בלינדער מיט'ן שטעקען.

דאָ האָט ער זי אַ כאַפּ געטהאָן פאַר די אַקסלען און טרייסלענ־דיג זי מיט אַלע קרעפטען, האָט ער גענומען שרייען:

— שלאַנג! שלאַנג! אַרויס, אַלטע גיפטיגע שלאַנג! גלייך אַרויס פון דאַנען, אָדער איך'ל דיך שלאָגען צום טויט! אַרויס! אַרויס!

און מיט פערצווייפעלטער אָנשטרענגונג האָט ער זי אַרויסגע־שטויסען אין צווייטען צימער. זי איז געפאַלען איבער דעם גע־

ער איז געבליבען שטעהן צושראָקען און ניט פערשטאַנען, וואָס זי רעדט. ער האָט נור געקענט אַרויסשטאַמלען:

— וועסטו זיין שטיל, דו ווייסט, אַז איך האָב דיר פערבאָטען צו...

אָבער זי האָט איהם מיט פעסטער ענטשלאָסענהייט איבער־געהאַקט די רייד:

— ניין גנעדיגער הערר, איצט מוז איך אייך אַלעס זאָגען: שוין אַ צייט לאַנג, ווי די גנעדיגע פרוי האָט צו טהאָן מיט לימאָר־סין. איך האָב אודאי אַמאָל צוואַנציג בעמערקט, ווי זיי האָבען זיך געקושט הינטער׳ן טיר. יאָ, ווייסט איהר, ווען הערר לימאוסין וואָלט געוועזען רייך, דאַן וואָלט די גנעדיגע פרוי זיכער ניט געהייראַט מיט הערר פּאַרענט. זאָל זיך דער גנעדיגער הערר אָקאָרשט דער־מאָנען, ווי אַזוי עס איז איבערהויפּט צוגעגאַנגען מיט דער חתונה און דאַן וועט ער שוין פערשטעהן די גאַנצע געשיכטע.

בלייך ווי קאַלך איז פּאַרענט אויפגעשטאַנען און גענומען שטאַמלען:

— שווייגען זאָלסטו! שווייגען! אָדער...

זי האָט ווייטער גערעדט:

— ניין, איך וועל זאָגען אַלעס, אַלעס. די גנעדיגע פרוי האָט דעם גנעדיגען הערר געהייראַט מיט אַ בעשטימטער אַבזיכט. זי האָט איהם בעטראָגען פון דעם ערשטען טאָג אָן. יענעביידע, זי מיט איהר געליעבטען, האָבען דאָס אַזוי אָבגעמאַכט צווישען זיך נאָך פריהער, דאָס איז קלאָהר, מען דאַרף נור אביסעלע נאָכ־טראַכטען אום דאָס איינצוזעהן. און ניט גענוג, וואָס זי האָט גע־הייראַט מיט דעם גנעדיגען הערר, וועלכען זי האָט ניט געליעבט, האָט זי איהם נאָך דעם לעבען אַזוי פערביטערט, אַזוי פערביטערט, אַז מיר איז דאָס הארץ שיער נישט צופּלאַצט געוואָרען קוקענדיג.

מיט צוזאַמענגעדריקטע פויסטען האָט ער זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהר און האָט אויסגערופען:

— שווייג! שווייגען זאָלסטו!

אָבער די אַלטע דיענערין האָט זיך ניט גערוהרט פון אָרט. זי איז קענטיג געווען אויף אַלעס בערייט.

האלז אויסגעטריקענט, ווי ביי א שפאצירגאנג אין א הייסען טאג אונטער דער זון, האט איהם געמאכט שלאף און ווייך ווי א שמאַטע, אזוי אז ער האט אפילו קיין כח ניט געהאט זיין קינד אויפצוהייבען און רייטענדיג אויף די קניע אוועקצוזעצען.

דער זיינגער האט געשלאגען אכט. די טיר האט זיך געעפענט און יוליע איז אריין. זי האט שוין איצט ניט אויסגעזעהן בייז, אבער אויף איהר פנים איז געלעגען אן אויסדרוק פון פערביסענער, סאלטער ענטשלאסענהייט, וועלכער איז געווען נאך געפעהרליכער.

— גנעדיגער הערר — האט זי געזאגט — איך האב געדיענט אייער מוטער ביז צו איהר טויט. אויף אייך האב איך אויך פון אייער געבורט אן ביז היינטיגען טאג אכטונג געגעבען, אייך בעדיענט און געפלעגט, און איך גלויב, אז איך קען זאגען, איך בין געווען א טרייע דיענערין פון אייער פאמיליע.

זי האט געווארט אויף אן ענטפער.

פארענט האט ארויסגעשטאמעלט:

— נו, יא, מיין גוטע יוליע.

— איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איך האב קיינמאל גאר נישט געטהאן צוליעב געלד, זאנדערן נור אוים אינטערעס פאר אייך, אז איך האב אייך קיין מאל ניט בעטראגען און קיין מאל ניט געליינט, אז איך האב אייך קיינמאל ניט געגעבען קיין גרונד מיר צו מאכען וועלכען ניט איז פארוואורף.

— נו, יא, מיין גוטע יוליע.

— אלזא, גנעדיגער הערר, עס קען ווייטער אזוי נישט געהן. ביז אהער האב איך אוים פריינדשאפט פאר אייך גאר נישט געזאגט און האב אייך געלאזען אין אייער בלינדקייט, אין אייער אונוויסענהייט, אבער דאס איז אונמעגליך, מען לאכט דאך פון אייך אין די הויפענס אין גאנצען קווארטאל. איצט קענט איהר טהאן, וואס איהר ווילט, די גאנצע וועלט ווייס דערפון און איך מוז עס אייך אויך זאגען, הגם עס איז מיר זעהר אונאנגענעהם צו בערייען. ווען די גנעדיגע פרוי קומט אהיים ניט אין דער צייט נור ווען זי וויל, איז עס דערפאר ווייל זי לעבט ערגעץ וואו א גוטען טאג.

— יוליע, איך פערבאָט דיר צו ריידען אין אזא טאָן פון דיין הערדין, הערסטו! און איך בעט דיך דו זאָלסט עס אין דער צו־קונפט ניט פערגעסען.

די אלטע דיענערין איז אזוי דערשראָקען געווארען, אז זי האָט זיך אַ דרעה געטהאָן אויף דעם אָבזאַץ און איז ארויסגעלאָפען און דערביי אזא זעץ געטהאָן מיט'ן טיר, אז אלע קריסטאַל־גלעקלעך פון היינגלייכטער האָבען גענומען קלינגען. א פּאָר מינוטען נאָכ־אנאנד האָט עס אויסגעזעהן, ווי אין זאל וואָלט זיך געטראָגען א גאנץ לייכטער, אונבעשטימטער גלאָקען קלאנג.

געאָרג איז צוערשט געווען ערשטוינט, דאן האָט ער גענומען פּאטשען מיט די הענד פאר פערגניגען, אויפגעבלאָזען די באקען און מיט זיין גאנצער קראפט געמאכט:

— בום! — ווענדיג נאָכמאכען דעם זעץ מיט'ן טיר.

דער פּאָטער האָט איהם איצט גענומען דערצעהלען געשיכטעס. אָבער אזוי ווי ער האָט אלץ געטראכט פון אנדערע זאכען, האָט ער אלע ווייל פערלאָרען דעם פּאָדים און דער קליינער, וועלכער האָט די געשיכטע מעהר נישט געקאָנט פערשטעהן, האָט אויסגעגלאָצט אויף איהם זיינע ערשטוינטע אויגען.

פּארענט האָט ניט אראבגענומען די אויגען פון וואנדזייגער. עס האָט זיך איהם געדאכט, אז ער זעהט, ווי דער ווייזער געהט. ער זאָל קענען וואָלט ער די צייט איינגעהאלטען ביז זיין פרוי וועט אהיים קומען. ער האָט קיין פּעראיבעל ניט געהאט אויף הענריעטע'ן פּארוואָס זי האָט זיך פערשפּעטיגט, אָבער ער האָט מורא געהאט, מורא געהאט אי פאר איהר אי פאר יוליע'ן, אי פאר אלעם, וואס קען דערפון ארויסקומען. נאָך צעהן מינוט — און אן אונגליק קען טרעפען, ערקלעהרונגען קענען ארויסגערופען ווערען און זאָגאר טהאטען געשעהן פון וועלכע ער האָט אפילו ניט געוואגט צו טראכטען. דער געדאנק אליין וועגען דעם שטרייט צווישען דיביידע פרויען, וועגען די געשרייען, די זידלערייען, דאָס שטעכען זיך מיט די אויגען, ווען זיי וועלען שטעהן איינע אנטקעגען דער אַנדערער, האָט געמאכט שטארקער קלאפּען זיין הארץ, איהם אין

מאכט כמעט נאָך מעהר שפאס, ווי דעם קינד. ער, א שטילער, איבערגעגעבענער, שוואכער, צודריקטער מענש, האָט איהם ליעב געהאַט מיט זיין גאַנצען הארצען! זיין ליעבע האָט זיך אָפּט אויסגעדריקט נאַריש און שטורעמדיג, אזוי ווי ער וואָלט וועלען אויף דאָס קינד אויסגיסען זיין גאנצע אונטערדריקטע, פערשעהמט־פערבאָרגענע צערטליכקייט, וועלכע ער האָט אפילו אין גאָר דער ערשטער צייט פון זיין פאמיליען לעבען מיט דער קאלטער, גלייכ־גילטיגער פרוי ניט געקאָנט ארויסווייזען.

יוליע האָט זיך בעוויזען אויפ'ן שוועל מיט א בלייך פּנים און בליסטשענדיגע אויגען און אָנגעזאָגט מיט א, פון פערצווייפ־לונג, ציטערענדער שטימע:

— גנעדיגער הערר, עס איז האלב אכט.

פארענט האָט אונרוהיג א קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער און ארויסגעמורמעלט:

— יאָ, טאקע, עס איז האלב אכט.

— אלזאָ, מיין עסען איז שוין פערטיג.

אזוי ווי ער האָט געפיהלט, אז עס קומט אָן א שטורעם, האָט ער געזוכט זי צו בערוהיגען.

— אָבער האָסטו מיר דען ניט געזאָגט, ווען איך בין אהיים געקומען, אז דו וועסט ערשט אום אכט אוהר דעם טיש דעקען?

— אום אכט? דאָס גלויבסט איהר דאָך אליין אויך נישט. איהר ווילט דאָך נישט דאָס קינד זאָל עסען ערשט אום אכט. עס רעדט זיך נאָר אזוי, יאָ, עס איז גרינג אזוי צו רעדען. אָבער דעם קינד'ס מאָגען וועט עס ניט קענען פערטראגען. אכט א זייגער עסען! נו, יא, פון דער מוטער'ס וועגען, זי דאגה'ט זיך א סך ווע־גען דעם קינד. אבער בעסער לאָמיר פון דער מוטער גאָר נישט רעדען. עס איז א גוטער קלאָג צו די יאָהרען, אז מען האָט אזא מוטער!

פארענט האָט געציטערט, אָבער ער האָט געפיהלט, אז ער מוז מיט עפּעס א שטארקען וואָרט אָבשניידען די דראָהענדע סצענע און ער האָט געזאָגט:

— אך, מיין גליק איז, וואס איך האָב געאַרג׳ן! אָהן איהם וואָלט איך געווען צו אונגליקליך!

דאַן איז איהם איינגעפאַלען א געדאנק צו פרעגען אַן עצה ביי זיין פריינד לימאָסין. אויף דעם האָט ער זיך אָבגעשטעלט. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז יענער האָט שטארק פיינד די אַלטע דיענסט און ער וועט אודאי הייסען איהר אָבזאָגען. און ווידער האָט ער זיך פערטראַכט פול אנגסט און אונענטשלאָסענהייט.

דער זייגער האָט געשלאָגען זיעבען. ער איז אויפגעשפּרונגען. זיעבען א זייגער! און ער האָט זיך נאָך ניט איבערגעטהאָן! שנעל, מיט גרוים האסט האָט ער זיך אויסגעטהאָן, זיך געוואשען, אָנגעטהאָן א ריינע העמד און דאָס אַלעס אין אַזאַ איילעניש, ווי אימעצער וואלט אויף איהם געווארט מיט עפּעס א זעהר וויכטיגער אַנגעלעגענהייט.

דאַן איז ער אריין אין זאַל און האָט זיך געפיהלט גאָר גרינג אויפ׳ן הארצען אין דער האָפנונג, אַז איצט קען איהם שוין ניט טרעפען קיין שום בייזעס.

ער האָט אַריינגעקוקט אין דער צייטונג, א קוק געטהאָן אין גאַס ארויס, און זיך דאַן ווידער געזעצט אויפ׳ן זאָפע; דאָ האָט זיך געעפענט אַ טיר און זיין זוהן איז אַריינגעקומען, אַן ארומגערייניגטער, אַ פערקאַמטער, אַ לאַבעדיגער. פּאַרענט האָט איהם אַ כאַפּ געטהאָן אין זיינע ארעמס און איהם גענומען ליידענשאַפטליך קושען, אַ פריהער די האָר, דאַן די אויגען, דאַן די באַקען, דעם מויל און די הענד. ער האָט איהם א הויב געטהאָן אין דער לופט, כמעט ביז צום באַלקען, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, אַ מיעדער פון אנשטרענגונג, און אַוועקגעזעצט געאָרג׳ן צו זיך אויף די קניע רייטענדיג.

דאָס קינד איז געווען גליקליך, האָט געלאַכט, געצאַפּעלט זיך מיט די הענטלעך און געקוואָלען פאַר פערגניגען; און אויך דער פאָטער האָט געלאַכט און געשריען פאַר נחת אזוי, אַז זיין דיקער בויך האָט זיך געטרייסעלט; און די געשיכטע האָט איהם גע־

אָבער שוין זייט אַ האַלב יאָהר, ווי יוליע ערלויבט זיך אונ־אויפהערליך צו מאַכען בעמערקונגען און שלעכטע אָנצוהערענישען איבער איהר בעל הבית'טע. זי האָט שטענדיג געהאַט עפּעס וועגען איהר צו זאָגען און אָפט האָט זי אַ מאָל צוואַנציג דורכ'ן טאָג ווידערהאָלט:

— ווען איך זאָל זיין דער גנעדיגער הערר וואָלט איך זיך ניט געלאָזען אַזוי פיהרען פאַר דער נאָז. אָבער פון מיינעטוועגען... איינער טהוט אַזוי... דער אַנדערער אַנדערש!

אין אַ געוויסען טאָג האָט זי זאָגאַר געוואַגט צו זיין גראָב אַנטקעגען העגריעטע'ן, וועלכע האָט זיך בענוגענט דערמיט וואָס זי האָט אין אָבענד געזאָגט צו איהר מאַן:

— איך וויל דיר נור איין זאַך זאָגען: ווען דאָס פרויענ־צימער וועט נאָך איין מאָל זיין פרעך אַנטקעגען מיר, דאַן יאָג איך זי פון הויז אַרויס.

און טראָצדעם האָט אויסגעוויזען, אַז העגריעטע, וועלכע האָט זיך געוועהנליך פאַר קיין זאַך נישט געשראָקען, האָט פאַר דער אַלטער מורא געהאַט. פּאַרענט האָט געדענקט, אַז דער דאָזיגער געפיהל שטאַמט פון אַ געוויסער אַכטונג פאַר דער אַלטער דיענסט, וועלכע האָט איהם ערצויגען און זיין מוטער די אויגען צוגעמאַכט.

אָבער איצט איז עס געוואָרען צופיעל, אַזוי האָט עס שוין לאַנג ניט געקענט גערן ווייטער, און מיט שרעק האָט ער געטראַכט, וואָס דערפון קען אַרויסקומען. וואָס זאָל ער טהאָן? יוליען אָוועקשיקען, דאָס איז געווען אַזאַ מין שטראָף פון וועלכער ער האָט גאָרנישט געוואַגט צו דענקען; אָבער איהר געבען גערעכט אַנטקעגען זיין פרוי איז געווען גראַדע אַזוי אונמעגליך, און אַזוי ווי ביז אַהער האָט שוין מעהר נישט געקענט געהן לאַנג, הלואי נאָך איין מאָנאַט, און דאַן וועט די לאַגע ווערען אַן אונמעגליכע.

און אַזוי איז ער געזעסען מיט אַראָבגעלאָזענע הענד און האָט אומזיסט געזוכט עפּעס אַ מיטעל. ער האָט אָבער גאָרנישט געפונען. דאַן האָט ער אַרויסגעברומט פאַר זיך:

אפשר האָט ער דעם קליינעם אויך נאָך געשלעפּט אויף זיך און דאָס אַלעס נור אום אויף דער גנעדיגער פרוי ביז האַלב אכט צו וואַר־טען. איצט זאָל אָבער קיינער מעהר ניט קומען צו מיר מיט קיין טענות, אז איך זאָל האָבען דעם טיש געגרייט אין צייט! ניין, ניין! פון איצט אָן, דעק איך דעם טיש אום אכט, ווען אפילו די הערשאַפטען זאָלען מוזען ווארטען. דעם בראטען לאָז איך מעהר נישט צוברענט ווערען.

הערר פארענט האָט זיך געמאכט ניט הערענדיג און געזאָגט:

— גוט, גוט. געאָרג׳ן מוז מען אָבוואשען די הענד, ווייל ער האָט זיך געשפּיעלט אין זאמד. איך וועל זיך איבערטהאָן. זאָג נאָר דער שטוב מיידעל, זי זאָל דעם קליינעם גאַנץ ריין מאכען.

דאַן איז ער אריין אין זיין צימער און אזוי שנעל, ווי ער איז געווען אינעווענינ, האָט ער פעררוקט דעם ריעגעל, אום צו זיין אליין, אליין, גאַנץ אליין.

ער איז איצט אזוי געוואָהנט געווען שלעכט בעהאַנדעלט צו ווערען, אז ער האָט זיך נור געפיהלט זיכער הינטער׳ן שלאָס און ריעגעל. ער האָט אפילו ניט געוואגט צו טראַכטען סיידען ער האָט זיך אין זיין פערשלאָסענעם צימער זיכער געפיהלט פון מענשען און זייערע בליקען.

איידער ער האָט אָנגעטהאָן אַנדערע וועש, האָט ער זיך אראב־געלאָזען אויף א שטוהל און גענומען טראַכטען, אז יוליע איז גע־ווארען א נייע געפאהר פאר זיין הויז. זי האַסט זיין פרוי, דאס איז גאַנץ קלאָהר, און מעהר פאר אלעם האַסט זי זיין פריינד פּאול לימוסין, וועלכער — וואס טרעפט זעלטען — איז געבליעבען דער נעהנטססטער, בעסטער פריינד פון דעם פּאָר פּאָלק, גראדע אזוי ווי ער איז פריהער געווען דער אונצושיידבארער פריינד פון זיינע בחור׳שע יאָהרען.

לימוסין האָט געדיענט אלס א מין פערמיטלער צווישען איהם און הענריעטע׳ן און האָט איהם מיט אייפער און ערפאָלג געשיצט געגען אונפערדיענטע פאָרווירפע, געגען הייטישע סצענען, געגען דאס גאַנצע טעגליכע עלענד פון זיין דאזיין.

זיין געשמאַק, זיין אויסזעהן, זיינע בעוועגונגען, זיין דיקען קערפּער און אפילו דעם זאנפטען טאָן פון זיין שטימע.

דאָך האָט ער זי נאָך אַלץ געליעבט. אָבער מעהר פון אַלץ אין דער וועלט האָט ער ליעב געהאַט דאָס קינד, וואס ער האָט מיט איהר געהאַט, זיין געאָרג, וועלכער איז איצט אַלט געוועזן דריי יאָהר. דאָס דאָזיגע קינד איז געוועזן זיין גרעסטער גליק און זיין איינציגער געדאַנק.

ער איז געוועזן א קליינער רענטיער, האָט ניט געהאַט קיין שום בעשעפטיגונג און האָט פערלעבט זיינע צוואַנציג טויזענד פראנק איינקונפט. זיין פרוי, וועלכע האָט איהם קיין נדן ניט געגעבען, איז געוועזן אויסער זיך, פאַר וואָס איהר מאַן טהוט גאָר נישט.

צום סוף האָט ער עררייכט זיין הויז, האָט אָוועקגעזעצט דאָס קינד אויפ'ן ערשטען טרעפּעל, זיך אָבגעווישט דעם שוויים פון שטערען און גענומען ארויפגעהן אויבען.

אין צווייטען שטאָק האָט ער אָנגעקלונגען.

אַן אַלטע דיענסט, וועלכע האָט איהם ערצויגען, איינע פון יענעם בעזונדערען סאָרט דיענסטען, וואס ווערען די טיראַנען פון דער פאַמיליע, האָט איהם געעפענט.

ער האָט געפרעגט מיט אנגסט:

— איז די גנעדיגע פרוי שוין אין דער היים?

דאָס מיידעל האָט אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען:

— זייט ווען האָט עס דער גנעדיגער הערר דערלעבט, אז די גנעדיגע פרוי זאָל זיין אין דער היים אום האַלב זיעבען א זייגער?

ער האָט געענטפערט כמעט פערשעהמט:

— נו, דאַן איז גוט. דאַן האָב איך צייט זיך איבערצוטהאָן, ווייל מיר איז זעהר ווארעם געוואָרען.

די דיענסט האָט איהם אָנגעקוקט עטוואס אויפגערעגט מיט פערעכטליכען מיטלייד. זי האָט ארויסגעברומט:

— אָך, דאָס זעה איך שוין אַליין, אז דער גנעדיגער הערר איז אין גאַנצען נאַס. דער גנעדיגער הערר איז געלאָפען אהיים,

טינקייט פון די דאָזינע רייצענדע, קליינע מענשענקינדער ניט צו פערניכטען.

די זון איז נור וואָס אונטערגעגאַנגען הינטער די דעכער פון דער רי סיינט לאַזאר און האָט געווארפען איהרע לאַנגע, קרומע שטראַהלען אויף דער דאָזיגער אויסגעפּוצטער, בונטער מאַסע. ווי מיט גאָלד האָט זי בעשאָטען די קאַסטאַניען בוימער, און די דריי פאָנטאַנען פאר דער קירכע האָבען געגלאַנצט, ווי פליסיגער זילבער.

הערר פארענט האָט בעטראַכט זיין זוהן, וועלכער האָט זיך פאר איהם אין זאַמד געשפּיעלט. מיט א בליק פול ליעבע האָט ער נאָכגעפאָלגט יעדע מינדעסטע בעוועגונג זיינע, און עס האָט געשיינט, אז ער האַלט איהם אין איין קושען פון דער ווייטען מיט זיין פערשפּיצטען מויל.

אָבער ווען ער האָט א קוק געטאָן אויפ'ן זייגער אין קירך־טורעם, האָט ער בעמערקט, אז ער האָט דאָ שוין פינף מינוט צו לאַנג פערווײלט. ער איז גלייך אויפגעשטאַנען, גענומען דאָס קינד פאר א הענטעל, אָבגעטרייסעלט דעם זאַמד פון זיינע קליידלעך, אָבגעווישט איהם די הענט און גענומען געהן מיט איהם צו דער רי בלאַנש. ער האָט זיך געאיילט אום, אז ער זאָל נישט קומען אהיים שפּעטער פון זיין פרוי. און דאָס קליינע אינגעל, וועלכער האָט ניט געקאָנט מיט איהם מיטהאַלטען, האָט אונטערגעשפּרונגען ביי זיין זייט.

דאַן האָט איהם זיין פאָטער גענומען אויף די הענד און מיט נאָך שנעלערע טריט, אָטהעמענדיג שווער, גענומען געהן ווייטער. ער איז געווען א מאַן פון א יאָהר פערציג, שוין גרוי, עטוואָס דיק און מיט א בייכעל.

מיט א פאָר יאָהר צוריק האָט ער געהייראַט אויס ליעבע מיט א יונגער פרוי, וועלכע האָט איהם איצט געהאַלטען אין גאַנצען אונטער איהר פאַנטאָפעל און איהם שלעכט בעהאַנדעלט. זי האָט איהם אָהן אויפהער געזידעלט פאר אלעס, וואָס ער האָט געטהאָן, פאר אלעס וואָס ער האָט ניט געטהאָן, האָט איהם מיט ביטערקייט אויפגעוואָרפען די קלענסטע זאַכען, זיינע איינפאַכע פערגניגענס,

הערר פּאַרענט.

.1

דער קליינער געאָרג איז אַרומגעקראָכען אויף אַלע פיער אין דער אַלעע און האָט געמאַכט בערגלעך פון זאמד. ער האָט אָנגענומען דעם זאמד מיט ביידע הענטלעך, האָט אויפגעבויט אַ פּיראַמידע, דאַן האָט ער אויפ'ן שפּיץ פערפלאַנצט אַ קאסטאַניען־בלאַט. זיין פאָטער איז געזעסען ניט ווייט אויף אַן אייזערנעם שטוהל און ניט אַראָבגענומען פון איהם זיינע צערטליכע אויגען. אין דעם גרויסען עפענטליכען גאָרטען, וועלכער איז געווען פול מענשען, האָט ער קיינעם און קיין זאך ניט געזעהן אויסער זיין קינד.

אַרום און אַרום איבער'ן גאַנצען וועג, וואָס לויפט אַרום דעם פאָנטאַן, האָבען אַנדערע קינדער זיך געשפּיעלט אויף דעם זעלבען אופן, בעת די קינדער־מיידלעך, מיט אַ טעמפּען אויסדרוק אין פּנים, האָבען אין דער לופט נעקוקט אָדער די מוטערס האָבען גע־פלוידערט איינע מיט דער אַנדערער, הגם זיי האָבען די קינדער אויף קיין איין אויגענבליק פון די אויגען ניט געלאָזען.

אַמ'ען האָבען געטראָטען פּאַרווייז אַהין און צוריק מיט אַ וויר־דיגער מינע און די לאַנגע, פאַרבינגע בענדער פון זייערע הייבלאַך האָבען געוועהט אין דער לופט הינטער זיי. אין די אָרעמס האָבען זיי געטראָגען עטוואָס ווייסעס, אין שפּיצען איינגעוויקעלטעס, בעת קליינע מיידלעך אין קורצע קליידלעך, מיט נאַקעטע פיסלעך האָבען זיך געשפּיעלט מיט רייפען און ערנסט גערעדט צווישען זיך. דער גאָרטען אויפזעהער איז אַרומגעלאָפען אין זיין גרינעם ראָק אין מיטען פון דעם דאָזיגען קינדערשען געטומעל און האָט אַלע ווײַלע געמוזט אָנלייגען וועג אום די זאמד בערגלאַך ניט צו צושטערען, אום אויף קליינע הענטלאַך ניט אַרויפצוקריכען און די גאַנצע טהע־

העלפט אָבער, וועלכע האָט זיך בעוויזען פאַר מיינע בליקען רונד, קוים פארדעקט מיט א דין ווייס קליידעל, איז געווען רייצענד.

איך האָב זיך צוגערוקט נעהנטער אַזוי שטיל, אז דאָס יונגע מיידעל האָט גאָר נישט געהערט, האָב מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט אָנגענומען דאָס קליידעל פאַר די צוויי עקען, זי שנעל פארקאַשערט און גלייך דערקענט די פרישע, רונדע ווייכע, דיקע געשטאַלט פון מיין געליעבטער און, איהר וועט מיר ענטשולדיגען, גנעדיגע פרוי, איך האָב איהר אָבגעדריקט א צאַרטען קוש, דעם קוש פון א ליעב־האָבער, וועלכער מעג זיך אַלעס ערלויבען.

איך בין גלייך געוואָרען ערשטוינט, עס האָט געשמעקט מיט ווערבענען פארפיום. אָבער איך האָב נאָך גאָר קיין צייט ניט געהאַט וועגען דעם נאָכצוטראַכטען, ווי איך האָב געקראָגען א שטויס אין פנים, אז די נאָז איז מיר שיער נישט צובראָכען געוואָרען. איך האָב דערהערט אַזאַ געשריי, דאָס די האָר האָבען זיך מיר געשטעלט קאַפויר, די געשטאַלט האָט זיך אומגעדרעהט, עס איז געווען פרוי דע יאַרעלל.

זי האָט געמאַכט מיט די הענד אין דער לופט, ווי א פרוי, וואָס פערליערט דעם פערשטאַנד, האָט א פּאָר סעקונדען שווער געסאָפּעט, ניט געקאָנט אָבכאַפּען דעם אָטהעם, געמאַכט א בעוועגונג ווי מיך צו שלאָגען, און איז פּלוצים אַנטלאָפען.

אין צעהן מינוטען ארום האָט מיר צעזאַרינע, גאַנץ אויסער זיך, געבראַכט א בריעף, און איך האָב געלעזען פאָלגענדעס:

„פרוי דע יאַרעלל האָפט, אז הערר דע בריוועס וועט זי אויס־נעהנבליקליך בעפרייען פון זיין געגענוואַרט.“

איך בין אַוועקגעפאָהרען. און איך בין נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט געטרויסט. איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מעגליכע מיטלען, אַלע מעגליכע ערקלעהרונגען, אום זי זאָל מיר פערצייהען, אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען.

און ווייסט איהר, זייט יענעם אויגענבליק, שמעקט מיר אַלעס מיט ווערבענען, אַזוי דאָס איך האָב אַן אונאויפהערליכען פערלאַנג, דעם דאָזיגען גערוך נאָך אַמאָל צו געניסען.

דאָס גליק, וואָס איך האָב ביי איהר געגאָסען, האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט, געדולדיג אויסצואווארטען דעם שלום פון פרוי יאדעלל'ס בעאָבאכטונגען. איך האָב געקריגען א וואונדער־בארען כאראקטער, געפעליג, פאָלגזאם און בערייט זיך צו לאָזען לערנען.

מיין כלה איז, ווי עס שיינט, געווען מיט מיר גאַנץ צופרי־דען, און אָן מאנכע צייכענס האָב איך געזעהן, אז זי וועט מיר אין גיכען געבען איהר איינווילליגונג. איך בין געוויס געווען איינער פון די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט, אין די ארעמס פון א יונגער, שעהנער מיידעל, צו וועלכער איך האָב גע־האט א צונייגונג, האָב איך רוהיג ערווארט די געזעצליכע אומ־ארמונג פון א פרוי, וועלכער איך האָב געליעבט.

אָט דאָ, גנעדיגע פרוי, מוז איך אביסעל אָבטרעטען פון דער ערצעהלונג. מיר קומען צו א זעהר שווערען פונקט.

איין מאָל אין אבענד, ווען מיר האָבען זיך אומגעקעהרט פון א שפאציר־רייט, האָט זיך פרוי דע יאדעלל בעקלאגט, אז די שטאָל קנעכט היטען ניט איהרע פערד אזוי ווי זי וויל און א פאָר מאָל האָט זי איבערגע'חזר'ט: — זיי זאָלען זיך בעסער היטען פאר מיר, זיי זאָלען זיך נעהמען גוט אין אכט, איך קען זיי בעאָבאכטען...

יענע נאכט האָב איך פערבראכט רוהיג אין בעט און בין אויפ־געשטאנען פריה א פרישער, א לעבעדיגער און האָב זיך אָנגעטהאָן.

איך האָב זיך צוגעוועהנט יעדען אין דער פריה צו רויכערען א סיגארעט אין א קליין טהורעם פון שלאָס, אהין האָט ארויפגעפיהרט א נעדרעהטע טרעפ מיט א הויכען פענסטער אין ערשטען שטאָק.

אָהן גערויש, מיט ווייכע פאנטאָפעל אויף די פיס, בין איך ארויפ־געגאנגען די ערשטע עטליכע טרעפלאך, ווען איך האָב דערזעהן צעזארינען, וועלכע האָט זיך ארויסגעבויגען פון פענסטער און ארונ־טערגעקוקט אונטען.

איך האָב צעזארינען געזעהן ניט אין גאנצען, נור איין העלפט פון איהר, די אונטערשטע העלפט. איך האָב די דאָזיגע העלפט געהאט פונקט אזוי ליעב, ווי די אנדערע, די אויבערשטע. ביי פרוי דע יאדעלל וואלט איך פילייכט פאָרגעצויגען די אויבערשטע. די

צעזאַרינע האָט מיר אַ קוק געטהאָן גלייך אין די אויגען אריין און געענטפערט, לאַכענדיג הויך אויף'ן קול:

— גנעדיגער הערר, אויסער דעם, וואָס זי האָט שווארצע האָאָר, איז די גנעדיגע פּרוי פּונקט אַזוי ווי איך! —

דאַן איז זי אַנטלאָפען.

איך בין געבליבען מיט אַ נאָז.

איך בין זיך פאַרגעקומען זעהר נאַריש און האָב בעשלאָסען זיך אָבצורעכענען אי מיט דער בעל־הבית'טע, אי מיט דער אונ־פערשעמטער קאַמער־מיידעל.

אין אַ שטונדע אַרום בין איך פאַרזיכטיג אריין אין דעם קליינעם צימערל, פון וועלכען זי האָט מיך שפּיאָנירט, און האָב אָבגעריגעלט די טיר.

אַרום האַלבע נאַכט האָט זי זיך בעוויזען אויף איהר פּלאַץ. איך בין גלייך אַוועק נאָך איהר. ווען זי האָט מיך דערזעהען, האָט זי געוואָלט שרייען, אָבער איך האָב איהר פערשטאָפּט דאָס מויל מיט דער האַנד, און אָהן אַ צו גרויסען ווידערשטאַנד האָב איך זיך גלייך איבערצייגט, אַז אויב זי האָט מיך ניט גענאַרט, איז פּרוי יאַדעל ווירקליך זעהר שעהן געבויט.

די דאָזיגע אונטערזוכונג איז מיר זעהר געפעלען געווען, און איך האָב זי גאַנץ געניי שטודירט. אגב מוז איך בעמערקען, אַז צעזאַרינען איז עס אויך געפעלען געווען.

זי איז געווען אַ רייצענדער ביישפּיעל פון דער נאָרמאַנישער ראַסע, קרעפטיג און צאַרט צוגלייך. איהר האָבען אפשר געפעהלט איינינע פיינקייטען, וועלכע וואָלטען היינריך דעם פיערטען זעהר געשטערט זי צו ליעבען. איך האָב זי שנעל אויף דעם אויפמערק־זאַם געמאַכט, און אַזוי ווי איך ליעב פּאַרפיום, האָב איך איהר נאָך אין דעם זעלבען אָבענד געשענקט אַ פלאַש לאַווענדעל מילך.

אין ניכען זיינען מיר געוואָרען אַזוי אינטים איינער מיט'ן צווייטען, מעהר ווי איך האָב עס געקענט ערוואַרטען. זי איז געווען אַ זעלטענע געליעבטע, נאַטירליך און זעהר אַמוזאַנט. אין פּאַריז וואָלט זי זיכער געוואָרען אַ בעריהמטע קאָקאָטקע.

בייזעס פון דיין בעל הבית'טע, ניט אפילו פון איהרע געהיימע פיזי־
שע פעהלערען, אויב זי האָט אזעלכע. ענטפער מיר נור אָפען אויף
מיינע פיער אָדער פינף פראגען, וואָס איך וועל דיר שטעלען. דו
קענסט פרוי רע־יאדעלל ווי זיך אליין, ווייל דו העלפסט איהר יע־
דען טאָג זיך אויס און אָנטהאָן. זאָג מיר, אלזאָ, איז זי אזוי פול,
ווי זי שיינט צו זיין?

דאָס מיידעל האָט ניט געענטפערט. איך האָב ווייטער גע־
רעדט:

— אלזאָ, מיין קינד, דו ווייסט דאָך אודאי, אז עס זיינען
דאָ פרויען, וועלכע שטאָפען זיך אויס מיט וואטע דאָ אָדער דאָר־
טען... קורץ, זיי שטאָפען אָן וואטע אהין, וואו עס געפינט זיך
די נאהרונג פיר די קליינע קינדער, אָדער דאָרט, אויף וואָס מען
זיצט. זאָג מיר אָקאָרשט, שטאָפט זי זיך ניט מיט וואטע?

צעזארינע האָט ארונטערגעלאָזען די אויגען, זי האָט געענט־
פערט ניט דרייסט:

— פרעגט ווייטער, גנעדיגער הערר, איך וועל שוין ענטפערן.

— נו, אלזאָ מיין קינד, עס זיינען דאָ פרויען, וועלכע האָבען
עטוואָס צוקרימטע פיס אזוי האָס ביי יעדען טריט זייערען רייבען
זיי אַ קניע אָן אַ קניע, און דאַן זיינען פאַראַן אזעלכע, וואָס האָבען
רונדע און גלייכע פיס. ביידע סאָרטען זיינען זעהר שעהן. זאָג
דו מיר אָקאָרשט, ווי זעהען אויס די פיס פון דיין בעל־הבית'טע?

דאָס מיידעל האָט ניט געענטפערט.

איך האָב ווייטער גערעדט:

— עס זיינען אויך פאַראַן אזעלכע, וואָס האָבען אזאַ שעהנעם בוזעם, דאָס פון אונטען ליינט ער זיך אויס ווי אַ טיעפער
פאַלד. עס זיינען פאַראַן אזעלכע, וואָס האָבען דיקע אָרעמס און
אַ דינע טאַליע, אזעלכע וואָס זיינען פון פאָרענט זעהר פול און
הינטען האָבען זיי גאָר נישט און, פערקעהרט, ווידער אַנדערע
זיינען הינטען זעהר פול און פאָרענט האָבען זיי גאָרנישט. דאָס
אלעס איז זעהר שעהן, רייצענד, אָבער איך וואָלט גערן וועלען
וויסען, ווי דיין בעל־הבית'טע זעהט אויס. זאָג עס מיר גאַנץ
אָפען און איך וועל דיך גוט בעלוינען.

אבער איך וואָלט וועלען זיך אָברעכענען מיט דיין בעל הבית'טע, פאר וואָס זי טהוט מיר אָן אזעלכע צרות.

דאָס מיידעל האָט כיטרע א לאַך געטהאָן און איך האָב ווייטער גערעדט:

איך ווער טאָג און נאכט איבערוואכט, איך וויים דאָס. מען בעאָבאכטעט מיך ביים עסען, טרינקען, אָנטהאָן זיך, ביים ראזירען. איך וויים דאָס.

דאָס מיידעל האָט געשטאַמעלט:

— אמת, גנעדינער הערר... — דאן איז זי אנשווינגען גע־וואָרען. איך האָב ווייטער גערעדט:

— דו שלאָפסט אין צווייטען צימער אום אויפצופאסען, אויב איך כראָפּע, צו איך רעד פון שלאָף. איז עס א ליגען?

איצט האָט זי זיך צולאכט אויפ'ן קול און געזאָגט:

— אמת, גנעדינער הערר... — און איז ווידער אנשווינגען גע־וואָרען.

— איך בין געוואָרען לעבעדינער:

— אלזאָ, מיין קינד, דו פערשטעהסט דאָך אליין, אז עס איז ניט רעכט, ווען מען וויל אלעס וויסען פון מיר און איך זאָל גאָר־נישט וויסען פון דער פערזאָן, וואָס דארף ווערען מיין פרוי. איך ליעב זי פון גאנצען הארצען. זי האָט די צינע, דאָס הארץ, דעם גייסט, וועלכע איך האָב זיך אימער געוואונשען, אז מיין ווייב זאָל האָבען, און אין דיזער בעציהונג בין איך דער גליקליכסטער אין דער וועלט. נור עפּוואָס וואָלט איך גערן וועלען וויסען וועגען איהר אויך . . .

צעזארינע האָט זיך ענטשלאָסען אריינצולעגען מיין הונדערט פראַנק בילעט אין קעשענע, און איך האָב פערשטאַנען, אז מיר וועלען מאכען געשעפט...

אלזאָ, הער אוים, מיין קינד. מיר, מענער, האלטען פון גע־וויסע... געוויסע... איינצעלהייטען... קערפּערליכע, וועלכע שטערען ניט דער פרוי צו זיין רייצענד, אָבער וועלכע פאַרענדערען איהר ווערט אין אונזערע אויגען. דו דאַרפסט מיר ניט זאָגען קיין שום

— דעם צעהנטען מאַי. געהט עס ?
— יאָ.

אין אַ מאָנאַט אַרום בין איך אָנגעקומען צו איהר. דאָס איז ווירקליך געווען אַ מערקווירדיגע פרוי. זי האָט מיך שטודירט פון פריה ביז נאַכט. אַזוי ווי זי האָט ליעב געהאַט פערד, זיינען מיר שטונדענלאַנג געפאָהרען רייטענדיג דורך די וועלדער, האָבען גע־רעדט איבער אַלעס, ווארים זי האָט געזוכט צו דערגעהן מיינע אינטימסטע געדאַנקען, פּונקט ווי זי האָט נאָכגעקוקט מיינע קלענ־סטע בעוועגונגען.

איך אָבער האָב זיך משוגע פערליעבט אין איהר און האָב שוין מעהר ניט געטראַכט וועגען גאָרנישט, ווי נור וועגען איהר און וועגען איהר. באַלד האָב איך בעמערקט, אַז מען בעאָבאַכטעט מיך אַפילו אין שלאָף. עפּעס אימיצער האָט געשלאָפען אין אַ קליין צימערל, וועלכער האָט זיך געפונען נעבען מיינעם. אהין איז מען מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט גאַנץ שפּעט ביי נאַכט אַריינגעקומען. די דאָזיגע שטענדיגע שפּיאָנעריי האָט מיך ענדליך אונגעדולדיג געמאַכט; איך האָב געוואָלט מאַכען אַ שנעלען סוף צו דעם. און איין אָבענד בין איך צו איהר שטאַרק צוגעשטאַנען. זי האָט מיר געענטפערט אויף אַזאַ אופן, אַז איך האָב זיך פערזאָגט אַ צעהנטען ניט צו ריידען מעהר מיט איהר וועגען דעם. אָבער אַ גליהענדער וואונש האָט מיך אָנגעכאַפּט אָפּצורעכענען זיך מיט איהר פאַר דער פּאָליציייסקער בעוואַכונג, אונטער וועלכער איך האָב זיך שטענ־דיג געפונען, און איך האָב געזוכט עפּעס אַ מיטעל.

איהר קענט צעזאָרינע, איהר קאַמער מיידעל, אַ שעהן מיי־דעל אויס גראַנוויל, וואו אַלע מיידלעך זיינען שעהן. איהר שעהנקייט איז געווען פון אַנאַנדער סאָרט, ווי איהר בעל הבית'טע. איהר בעל הבית'טע איז געווען ברוין און זי בלאָנד.

אַלזאָ, די דאָזיגע קאַמער־מיידעל האָב איך איין מאָל אַ נאָכ־מיטאָג אַריינגעשלעפּט אין מיין צימער, איהר אַריינגעשטעקט הונ־דערט פראַנק אין האַנד אַריין און געזאָגט:

— מיין ליעבע, איך פערלאַנג פון דיר קיין שום בייז נישט,

— גנעדיגע פרוי, איך האָב דאָס גליק אייך צו ליעבען, און קום אייך בעטען, אויב איך האָב דאָס גליק אייך צו געפעלען, אז איהר זאָלט ווערען מיין פרוי.

זי האָט געענטפערט גאנץ רוהיג: איך קען אייך ניט זאָגען, אויב איהר וועט מיר פריהער אָדער שפּעטער ניט געפעלען ווערען, אָבער איך בין צופריעדען צו מאַכען אַ פּראָבע. אויסערליך געפעהלט איהר מיר גאנץ גוט, אָבער איך מוז קענען אייער כאַראַקטער, אייערע געוואָהנהייטען און אייער הארץ. די מייסטע פאַמיליע לעבענס זיינען אונגליקליכע, ווייל ווען מען האָט חתונה קען מען איינער דעם אַנדערען ניט גענוג. עס איז גענוג אַ קלייניגקייט, עפּעס אַן איינגעוואָרצעלטע געוואָהנהייט, אַ געוויסע מיינונג איבער וועלכער ניט איז פּראַגע פון מאָראל, רעליגיאָן אָדער גאָט ווייס וואָס, אדער אַ בעוועגונג וואס געפעלט דעם אַנדערן ניט, אַ קליינער פעהלער אָדער זאָגאר אַן אונאַנגענעהמע איינגענשאַפט, אום צו מאַכען צוויי מענשען, וועלכע זיינען ביז צום טויט פערבונדען איינער מיט דעם אַנדערן, פאַר שונאים, ביטערע שונאים, בעת פריהער זיינען זיי געוועזען די צערטליכסטע, די פערליעבטעסטע חתן־כלה. איך וועל ניט חתונה האָבען, סיידען איך וועל גאנץ גענוי קענען אַלע ווינקעלאך פון דעם מאַן׳ס נשמה, מיט וועלכען איך וועל דאַרפען פאַרבינדען מיין לעבען. איך וויל האָבען אַ מעגליכקייט פון נאָהענט צו שטודירען זיין כאַראַקטער מאָנאַטען לאַנג.

איך שלאָג אייך אַלזאָ פאָר פאָלגענדעס: קומט היינטיגען זומער צו מיר אין מיין גוט לאַוויללל, און דאָרט וועלען מיר זעהן, אויב מיר פּאַסען זיך איינער פאַר׳ן אַנדערן.

איהר לאַכט? איהר דענקט געוויס, אַז איך מיין מיט דעם עפּעס? אָבער ווען איך וואָלט ניט געוועזען זיכער אין זיך, וואָלט איך אייך געוויס אַזאַ פּאָרשלאַג ניט געמאַכט. פאַר דער ליעבע, ווי איהר מענער פערשטעהט זי, האָב איך נור עקעל. ווילט איהר מיין פּאָרשלאַג אָננעהמען?

איך האָב איהר אַ קוש געטהאָן אין האַנד.

— ווען פאָהרען מיר אוועק?

דאס פענסטער.

מיט פרוי דע־יאדעלל בין איך בעקאנט געווארען דעם ווינטער. זי איז מיר גלייך שטארק געפעלען געווארען. אגב קענט איהר זי פונקט אזוי גוט ווי איך, ניין, ענטשולדיגט... כמעט אזוי גוט ווי איך. איהר ווייסט, ווי פאנטאסטיש און פאעטיש זי דענקט; זי האלט זיך פריי, איינפאך, איז פעהיג אויף אלע איינדריקע, איינגע'עקשנ'ט, עמאנציפירט, אונטערנעהמענד, רדייסט, קורץ, זי האט אלע פאראורטיילען, און טראץ דעם איז זי צערטליך, סענטימענטאל, שעהמעוודיג און בעליידיגט זיך לייכט.

זי איז געוועזן אן אלמנה. איך ציה פאר אלמנות אויס פויל־קייט. איך האב דעמאלט געוואלט נאך א מאל חתונה האבען און האב געזוכט מיט איהר נעהנטער בעקאנט צו ווערען. און וואס מעהר איך האב זי דערקענט, אלץ מעהר איז זי מיר געפעלען געווארען, און איך האב שוין געדענקט, אז עס איז געקומען דער מאמענט, זיך איהר צו ערקלעהרען. איך בין געוועזן אין איהר פערליעבט און עס איז געוועזן א געפאהר, איך זאל זיך פארליעבען נאך מעהר. ווען מען וויל חתונה האבען, טאר מען די פרוי ניט ליעבען צו פיעל, אז ניט באנגעהט מען נארישקייטען, מען פערליערט דעם פערשטאנד און מען ווערט אי נאריש, אי ברוטאל אין דער אייגענער צייט. מען מוז זיך בעהערשען. ווען מען פערליערט דעם קאפ דעם ערשטען אבענד, איז מען אין א גרויסער סכנה, אז אין א יאהר ארום . . .

אין איין שעהנעם טאג בין איך אלזא געקומען צו איהר אין ווייסע האנדשוה און געזאגט:

אויף אונז. עס וועט נאך ווערן א געלאף. מען וועט דענקען, אז איך וויל אייך פערפיהרען און מען וועט אונז ביידען ארעס־טירען. שטייגט שנעל איין, איך בעט אייך.

אין גאנצען א צוטומעלטע, איז זי אריין אין דער דראשקע. ער האט זיך געזעצט ביי איהר זייט און א געשריי געטהאן צום קוטשער:

— רוע דע פראוועגס.

אבער פלוצים האט זי זיך אבגערופען:

— אך מיין גאט, איך האב פערגעסען אבצושיקען זעהר א נויטיגען בריעף. איך בעט אייך, פיהרט מיך אפריהער צו צו דער נאהענטסטער פאסט סטאציאן.

א שטיק ווייטער אין דער רוע דע שאטעאודון האט זיך די דראשקע אבגעשטעלט, און זי האט געזאגט צום באראן.

— זייט אזוי גוט און ברייגגט מיר א ספעשעל בריעף פאר פופציג סאנטימס. איך האב מיין מאן צוגעזאגט, איינצולאדען מארטעלעט'ן אויף מארגען צום עסען, און איך האב עס אין גאנ־צען פערגעסען.

ווען דער באראן איז צוריקגעקומען מיט דעם בלויען פאפיר אין האנד, האט זי אויף דעם אנגעשריבען פאלגענדעס:

„ליעבער פריינד, איך פיהל זיך זעהר ניט גוט. שטארקע נערוועןן שמערצען צווינגען מיך צו בלייבען אין בעט; עס איז מיר אונמעגליך ארויסצוגעהן. קומט מארגען אין אבענד צו אונז צום עסען, דאן וועל איך וויסען, אז איהר האט מיר פערגעבען.

זשאהאננא."

זי האט איינגענעצט דעם קאנווערט, איהם זארגזאם צוגע־קלעפט, אנגעשריבען אויף איהם דעם אדרעס: גראף מארטעלעט, 240 רוע מיראמעסניל". דאן האט זי דעם בריעף געגעבען דעם באראן:

— אט אזוי. און איצט זייט אזוי גוט און ווארפט עס אריין אין א בריעפקאסטען.

— פאר וואס עפּעס? וואס פאלט אייך איין? איהר האָט אין גאַנצען א טעות! ווען עס האַנדעלט זיך וועגען א זעלטענער זאמלונג!

— ניין, אליין קען איך אויף קיין פאל ניט געהן.

— אָבער פאר וואס ניט? א סך דאמען זיינען ביי מיר געוועזן, בלויז צוליעב מיינע זאמלונגען. יעדען טאָג קומען מאַנ־כע. זאָל איך זיי אייך אָנרופען? ניין, דאָס קען איך דאָך ניט טהאָן. מען מוז זיין פּערשוויגען. אפילו דאן, ווען ס'איז גאָר נישטאָ אין רעם. איבריגענס איז עס נור ניט שעהן צו געהן צו א גע־זעצטען מענשען, וועמען אלע קענען, וועלכער פערנעהמט א גע־וויסע שטעלונג און דאן ערשט ווען מען בעזוכט איהם צוליעב עפּעס, פאר וואס עס איז זיך דאָ צו שעהמען!

— יא, אייגענטליך זייט איהר גאַנץ גערעכט.

— אלזא ווילט איהר מיינע זאמלונגען זעהן?

— ווען?

— אָט גלייך.

— דאָס איז אונמעגליך. איך האָב קיין צייט ניט.

— געהט, וואָס רעדט איהר, איהר זיצט דאָך שוין א האלבע שטונדע דאָ אין גאָרטען.

— איהר פערפּאַלגט מיך אפשר?

— איך האָב אייך נאָכגעקוקט.

— איך האָב אבער ווירקליך קיין צייט ניט.

— איך גלויב אייך ניט. זייט זיך מודה, איהר איילט זיך אין ערגיץ ניט.

פרוי האנגאן האָט זיך צולאכט און מודה געווען:

— ניין... ניין... ניט... זעהר.

א דראָשקע איז פערביי זיי פארבייגעפאָהרען. דער קליינער באראָן האָט א געשריי געטהאָן „קוטשער!" און דער וואָגען האָט זיך אָבגעשטעלט. דאן האָט ער געעפענט די טיר און געזאָגט:

— געהט אריין, מאדאם.

— אָבער, באראָן, עס איז אונמעגליך, איך קען היינט ניט.

— מאדאם, זייט פאָרזיכטיג. געהט אריין, מען קוקט שוין

פען? עס איז איהר געווען גאנץ גענוג, ווען זי האָט בלויז געזעהן אַ שפּילקע צווישען זיינע פינגער.

אפשר איז ער איהר דערפאר אזוי נמאס געווארען! ווען ער האָט געזאָגט: „זאָל איך דיר העלפען?" האָט זי געפיהלט ווי איהם צו דער'הרג'ענען. און מוז דען אַ פרוי ניט אָנהויבען צו האסען אַ מאַן, וועלכער האָט זי זייט צוויי יאהר געצוואונגען הונדערט און צוואנציג מאָל זיך אָנצוטהאָן אָהן אַ קאַמער מיידעל?

אזעלכע לאַנגווײלע, אונגעשיקטע, איינטאָניגע מענשען ווי ער, זיינען זיכער ניט געווען קיין סך. דער קליינער באַראָן גרימבאל וואָלט זיכער ניט געפרעגט מיט אזא נאַריש פּנים: „זאָל איך דיר העלפען?" ער וואָלט ניט געמאַכט קיין קונצען, ער וואָלט געהאָלפען שנעל, וויציג, שפאסיג. ער איז געווען אַ דיפּלאָמאט, האָט אָנגעזעהן אַ וועלט. ער האָט אָהן שאלות פרויען, וועלכע זיינען געווען אָנגעטהאָן נאָך אַלע מאָדעס פון דער גאַנצער וועלט, אויסגעטהאָן און אָנגעטהאָן.

אויף דער קירכע האָט געשלאָגען דריי־פערטעל. זי האָט זיך אויפגעהויבען, גענומען שמייכלען און געמורמעלט:

— יעצט וועט ער שוין אודאי זיין אויפגערעגט.

דאַן איז זי מיט איילענדיגע טריט ארוים פון גאָרטען.

זי איז אָבגעגאַנגען אַ צעהן טריט, ווען זי האָט דערזעהן אנטקעגען זיך אַ מאַן, וועלכער האָט זיך פאַר איהר טיעף פערנייגט.

— אַך, דאָס זייט איהר, הערר באַראָן! — האָט זי געזאָגט ערשטוינט. נור וואָס האָט זי וועגען איהם געטראַכט.

— יאַ, איך, מאַדאַם.

ער האָט געפרעגט וואָס זי מאַכט און נאָך אַ פּאָר אַלגעמיינע פראַזען געזאָגט:

— איהר ווייסט, מאַדאַם, אַז איהר זייט די איינציגע פון מיינע פריינדינען — ניט אמת, איהר וועט דאָך מיר ערלויבען, איך אזוי צו רופען? — וועלכע האָט נאָך ניט געזעהן מיינע יאַפּאַנישע זאַמלונגען.

— אָבער, ליעבער באַראָן, אַ פרוי קען דאָך ניט געהן צו אַ יונגען מאַן אויפ'ן קוואַרטיר!

אויף דעם אייגענעם שטיינער מיט כמעט די אייגענע בעוועגונ־גען.

אזוי שנעל ווי ער האָט צוגעמאַכט די טהיר, האָט ער גע־זאָגט: „לאָז מיך קושען דיין האַנד, מיין ליעבע, ליעבען פריינ־דין". דאַן איז ער אוועק נאָך איהר אין צימער, וואו די לאַדענס זיינען געוועזן צוגעמאכט, די ליכט אָנגעצינדען, זומער אזוי ווי ווינטער, וואהרשיינליך ווייל ער האָט אזוי געהאלטען פאר פאַ־סענדער, דאַן האָט ער זיך ארונטערגעלאָזט פאר איהר אויף די קניע און זי אָנגעקוקט פון אונטען ביז ארויף מיט פערגעטערענדע בליקען. דעם ערשטען טאָג איז דאָס געווען זעהר שעהן און זעהר פאַסענד. שפּעטער אבער האָט זיך איהר געדאכט, אז זי זעהט דעם אַקטיאָר דעלאיני צום הונדערט און צוואַנציגסטען מאָל שפּיעלענדיג דעם פינפטען אקט פון עפּעס אַן ערפאָלגרייכער פּיע־סע. עס איז שוין צייט געווען, ער זאָל זיך אויסטראַכטען עפּעס אַן אַנדער עפעקט.

און שפּעטער! אָך מיין גאָט, וואָס דאַן איז פאָרגעקומען איז געווען דאָס שווערסטע! ניין, ער איז אימער געווען דער איי־גענער, דער אָרימער יונג. א גוטער קערל, אָבער אַ שרעקליך לאַנגווייליגער.

און ווי שווער עס איז געווען זיך אויסצוטהאָן אָהן אַ קאַמער־מיידעל! איין מאָל וואָלט נאָך געווען ווי עס איז, אָבער יעדע וואָך, דאָס איז געווען מורא'דיג. ניין, אַזאַ אָבקומעניש דאַרף אַ מאַן קיין מאָל ניט פערלאַנגען פון אַ פרוי. אָבער ווי שווער עס איז ניט געווען דאָס אויסטהאָן זיך, דאָס אָנטהאָן זיך אָבער איז געווען איינפאַך אַן אונמעגליכקייט. עס האָט זי געמאַכט אזוי נערוועז, אז עס האָט זיך איהר געוואָלט שרייען. ביז און צוקאָכט איז זי געווען, אז זי וואָלט איהר געליעבטען אויסגע־פּאַטשט, ווען ער האָט אונגעשיקט זיך אַרום איהר ארומגעדרעהט און געפרעגט:

— זאָל איך דיר העלפען?

— העלפען! העלפען! — וואס האָט ער דען געקענט העל־

פערביי געלאָפען פארביי דעם הויז וועכטער, וועלכער איז אימער געשטאַנען אויפ׳ן שוועל פון הויז. ער האָט אודאי אלעס געמוזט וויסען, אלעס: איהר אדרעס, איהר נאָמען, איהר מאַן׳ס בע־שעפטיגונג, אלעס — דען די הויז וועכטער זייענן די בעסטע דעטעקטיוום. זייט צוויי יאָהר ווי זי וויל איהם אָבקויפען מיט לאפקע געלד, וויל איהם פערביינגעהענדיג ארייננרוקען א הונדערט פראנק אין האנד אריין. אָבער זי האָט קיין איין מאָל ניט גע־וואגט צו מאכען די קליינע בעוועגונג און איהם געבען דאָס געלד. זי האָט מורא געהאט. פאר וואס? זי האָט אליין ניט געוואוסט. אפשר דערפאר, ער זאָל ניט פערשטעהן, וואס דאס מיינט און זי רופען צוריק? האָט מורא געהאט פאר א סקאנדאל, א צו־זאמענלויפען זיך פון מענשען אויף די טרעפ און נאָר פאר אן ארעסט. אום צוצוקומען צו דעם גראף׳ס טיר האָט זי נור גע־דארפט אָבגעהן א האלבען עטאזש און דאָך האָט זיך איהר אויס־געדאכט, אז עס איז אזוי הויך, ווי דער העכסטער קירכען טהור־ם. ווי נור זי איז געווען אין פארהויז, האָט זי זיך געפיהלט, ווי אין א פאסטקע. ביי דעם קלענסטען גערויש פאר איהר אדער הינטער איהר, האָט זי זיך גענומען טרייסלען. צוריק געהן האָט זי ניט געקענט; דאָרט זיינען געווען דער הויז וועכטער און די גאס, וועלכע האָבען איהר אָבגעשניטען דעם וועג. און ווען אין דער מינוט איז גראדע אימעצער ארונטערגעגאנגען פון די טרעפ, האָט זי ניט געוואגט, אָנצוקלינגען ביי מארטעלעט׳ן און איז פער־בייגעגאנגען פאר זיין טיר, ווי זי געהט כלומר׳שט צו אימיצען אנדערש. זי איז געגאנגען ארויף, איז געגאנגען, געגאנגען, גע־גאנגען און וואָלט אזוי אָבגעגאנגען פערציג שטאָק. ערשט דאן, ווען אויף די טרעפ איז אלעס גאנץ שטיל געווארען, איז זי מיט אן איינגעהאלטענעם אָטהעם אראָבגעלאָפען צוריק, מורא האָבענ־דיג, אז זי וועט ניט געפינען די טיר.

ער פלעגט זיין אין דערהיים. ער האָט זי ערווארט אָנגע־טהאָן אין זיין סאמעטענעם אנצוג מיט דעם זיידענעם אונטער־שלאג, וועלכער האָט אויסגעזעהן עטוואס קאָקעטיש אָבער נאָך מעהר לעכערליך. און זייט צוויי יאהר האָט ער זי אויפגענומען

אַ גאַנצע קייט פון זיי איינע פונקט ווי די אַנדערע, עס האָט איהר אַזש געגומען עקלען, ווען זי האָט נור געטראַכט דערפון.

און דערצו נאָך די דראָשקעס, וועלכע מען מוז רופען אום אַהין צו פאָהרען! גאַנץ אַנדערש זיינען זיי פון די דראָשקעס אין וועלכע מען פאָהרט געוועהנליך. די קוטשערס האָבען זיך גלייך אָנגעשטויסען, וואס דאָ קומט פאָר — זי האָט עס געפיהלט פון דער אַרט און ווייזע ווי אַזוי זיי האָבען אויף איהר געקוקט. די אויגען פון די פּאַריזער קוטשערס זיינען שרעקליך. היינט וואָס מען הערט זיך אָן פון די קוטשערס! שטענדיג זיינען זיי פול אין געריכט, אַ פערברעכער דערקענען זיי אין יאָהרען אַרום, עס איז גענוג, אַז זיי האָבען איין מאָל אין מיטען נאַכט געפיהרט אַ מענשען, אַז זיי זאָלען קענען אָנווייזען אויף איהם: דאָס איז דער מאַן, וועלכער איז איינגעשטיגען אין דער רוע דעם מאַרטירס און איז אַרויס ביים ליאָנער באַהנהויף אום צוועלף פערציג דעם צעהנטען יולי פון פאָריגען יאָהר. ווען מען בערעכענט דאָס אַלעס פאַלט אָן אַ שרעק פונ׳ם געדאַנק, וואס אַ יונגע פרוי וואגט, ווען פאָהרענדיג צו אַ צוזאַמענקונפט, מוז זי דעם ערשטען בעסטען קוד משער איהר גוטען נאָמען אָנטרויען! אום צו פאָהרען צו דער רוע דע מיראָמעסנים האָט זי אין די לעצטע צוויי יאָהר געברויכט אודאי הונדערט ביז הונדערט און צוואַנציג קוטשערס, רעכנענדיג איינעם אַ וואָך. דאס זיינען אַלץ געווען עדות, וועלכע האָבען אין אַ קריטישער מינוט געקענט אויפטרעטען געגען איהר אין געריכט.

אַזוי שנעל ווי זי פלעגט אַריין אין דער דראָשקע, פלעגט זי אַרויסנעהמען פון קעשענע דעם צווייטען שלייער, אַ געדיכטען און שוואַרצען, ווי אַ מאַסקע, און עס אָנטהאָן אויף זיך. ער האָט איהר פערדעקט דאָס פנים. אבער אַלעס איבעריגע, דאָס קלייד, דעם הוט, דעם שירעם, דאָס קען מען דאָך ניט בעהאַלטען, און דאָס איז אַזוי לייכט צו דערקענען! אך, און נאָך אין דער רוע דע מיראַמעסניל! עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז אַלע פערביינעהער, אַלע בעדיענטע, די גאַנצע וועלט קען זי. ווי נור די דראָשקע האָט זיך אָבגעשטעלט איז זי אַרויסגעשפּרונגען און איז

שטעהן, זיך געזעצט, פערלענגערט דעם וועג, אָבער פאָרט געגאנגען. אך, דאָס מאָל ווילט זיך איהר אזוי ניט געהן! אבער זי האָט דעם אָרימען גראף לעצטען מאָנאַט צוויי מאָל געלאָזט אומזיסט וואר־טען און אזוי שנעל האָט זי עס ניט געקענט ווידער אמאָל טהאָן. ווארום איז זי ווידער אהין געגאנגען? ווארום? איינמאָל, ווייל זי האָט זיך שוין אזוי איינגעוואָהנט און דאן ווען דער אונגליקלי־כער מארטעלעט זאָל ביי איהר פרעגען ווארום, וואָלט זי איהם ניט געקענט אָנגעבען קיין שום גרונד. ווארום האָט זי די גאנצע גע־שיכטע מיט איהם אָנגעהויבען? ווארום? זי האָט איצט אליין ניט געוואוסט. האָט זי איהם דען געליעבט? קען זיין. ניט זעהר היים, אָבער אביסעלע. עס איז שוין אזוי לאנג צוריק! ער האָט אויסגעזעהן גוט, איז געווען זעהר בעליעבט, עלעגאנט, העפליך און אויף'ן ערשטען בליק איז ער געווען, ווי בעשאפען צו זיין דער געליעבטער פון א וועלטליכער דאמע. ער האָט איהר דריי מאָנאַ־טען נאָכאנאנד ארויסגעוויזען זיין ליעבע, ס'הייסט א גאנץ נאָר־מאַלע צייט. זי פון איהר זייט האָט די גאנצע צייט געגען איהם געקעמפפט און איהם לאנג גענוג ווידערשטאנען. דאן איז זי שוואך געווארען און איז א נערוועזע, אן אויפגערעגטע, א פער־ציטערטע און דאך פול זיסער ערוואַרטונג צו דער ערשטער צוזאַ־מענקונפט געקומען אין יענער קליינער אלט בחור'שער וואָהנונג אין דער רוע מיראמעסניל, אין וועלכער זי איז נאָכדעם אזוי אָפט געגאנגען. איהר הארץ? וואס האָט דערביי געפיהלט איהר קליינע פערפיהרטע פרויען הארץ, וועלכע איז בעזיעגט און איינ־גענומען געווארען, ווען עס איז צום ערשטען מאָל אריבערגעטראָ־טען דעם שוועל פון יענער הויז? זי האָט עס איצט שוין מעהר ניט געדענקט. זי האָט עס פערגעסען. מען קען זיך דערמאָנען אָן וועלכער ניט איז זאך, א דאטום, א פאקט, אָבער אין צוויי יאהר ארום פערגעסט מען אין גאנצען א שטימונג, וועלכע איז שנעל פערביינגאנגען, ווייל זי איז ניט געווען קיין גאָר טיעפע. דער־פאַר אָבער האָט זי ניט פערגעסען די איבעריגע צוזאמענקונפטען. אך, ווי לאנגווייליג זיי זיינען געווען, ווי איינטאָניג, ווי ערמידענד,

הויפט נעהאט ווייניג לוסט צו געהן צום געליעבטען, ביי יעדער שויפענסטער האט זי זיך אבגעשטעלט עפעס אזוי ווי זוכענדיג דארט אן אויסרייד אויף ניט צו געהן ווייטער.

אויפ'ן עק גאס, פאר דער קירכע, האט דאס גרינס פונ'ם פארק איהר געגומען אזוי ציהען צו זיך, אז זי איז אריבער די גאס און אריין אין גארטען. צוויי מאל האט זי דורכשפאצירט דעם גאר־טען אהין און צוריק, צווישען די פרעהליכע, פרישע, אין קאליר־טע בענדער פערפוצטע אממען. דאן האט זי גענומען א שטול, זיך אוועקגעזעצט, ארויסגעקוקט צום רונדען ציפערבלאט, וואס האט זיך געפונען אויפ'ן שפיץ פון דער קירכע, און דערזעהן, ווי דער ווייזער רוקט זיך אלץ ווייטער און ווייטער.

גראדע אין דער מינוט האט געשלאגען האלב, און איהר אויפ'ן הארצען איז געווארען אזוי אנגענעהם, ווען זי האט דערהערט דעם גלאקען קלאנג — א האלבע שטונדע האט זי שוין געוואונען און דאן האט זי נאך גערארפט א פערטעל שטונדע, ביז זי וועט צוקו־מען צו דער רוע מיראמעסניל, א פאר מינוטען וועט זי נאך דא פערברענגען און דאן האט זי א שטונדע, א גאנצע שטונדע אב־געקארגט פון איהר צוזאמענקונפט. זי וועט דארט פערבלייבען אין גאנצען אפשר פערציג מינוטען און דאן וועט עס זיין פארביי.

אך גאט, ווי אונאנגענעהם עס איז איהר געווען, וואס זי מוז צו איהם געהן! ווי א פאציענט, וועלכער מוז געהן צום צאהן דאקטאר, האט זי אין איהר הארצען געטראגען די עראינערונג פון אלע פריהערדיגע צוזאמענקונפטען. פאר די לעצטע צוויי יאהר איז זי ביי איהם געווען דורכשניטליך איין מאל א וואך, און דער געדאנק, אז איצט גלייך וועט זי ווידער מוזען איבערקומען א בע־זוך ביי איהם, האט אויף איהר ארויפגעיאגט אן אימה און א שויי־דער האט איהר דורכגענומען פון קאפ ביז די פיס. עס האט איהר אפילו ניט פערשאפט קיין שמערצען, ווי ביי א בעזוך ביים צאהן דאקטאר, אבער אזוי לאנגווייליג איז דארט געווען, אזוי מורא'דיג לאנגווייליג, אזוי פיינליך, אז אלעס, אלעס, אפילו אן אפעראציאן וואלט איהר ליעבער געווען ווי דער דאזיגער בעזוך. און דאך איז זי אהין געגאנגען. זעהר לאנגזאם, מיט קליינע טריט, געבליעבען

עס איז געווען ענדע מאי, יענע שעהנע צייט פון יאָהר, ווען דער ליעבער פריהלינג בעווייזט זיך אין די דערפער, אויף די פעל־דער, לאָזט זיך דערפיהלען אין דער אומגעגענד ארום און ארום פא־ריז און פון דאָרט אין פאריז גופא. ער רייסט זיך אריין איבער די דעכער, דורך די מויערען, מאכט אויפבליהען די גאנצע שטאָדט, די פאסאדען פון די הייזער, דעם אספאלט פון די טראָטואַרען, די שטיינער פון די גאסען גיט ער צו עפּעס א בעזונדער גלעקייט, א פרעהליכקייט, אלעס באָדט זיך אין דער ליכטיגער זון, אלעס בליהט, אלעס גרינט, אלעס וואקסט ווי איין איינציגער, גרויסער גרינער פארק.

מאדאם האגאן איז אָבגעגאנגען עטליכע טריט רעכטס, מיט דעם גערדאנק, אזוי ווי אלע מאָל, צוצוגעהן צו דער רוע דע פראָ־ווענס, וואו זי האָט געוואָלט נעהמען א דראָשקע. אָבער די פריי־שע לופט, יענע זומערדיגע ווארימקייט, וואס פילט אָן אונזער ברוסט אין געוויסע טעג מיט אונבעשטימטע טרוימען, האָט זי אזוי צונומען, אז זי האָט פלוצים אומגעביטען איהר מארשרוט און איז אוועק איבער דעם שאָסעע דע־אַנטין, געטריבען פון א פערלאנג צו זעהן די בוימער און די ארומיגע גרינקייט.

זי האָט ביי זיך געטראַכט: מילא, וואס קען דאָ זיין, וועט ער ווארטען נאָך צעהן מינוטען. דער דאָזיגער גערדאנק האָט איהר ווידער געמאכט שפאס און בעת זי איז מיט לאנגזאמע טריט גע־גאנגען צווישען דעם געדיכטען עולם, וועלכער האָט איהר מיטגע־שלעפּט מיט זיך, האָט זי איהם געזעהן פאר זיך אין די גערדאנ־קען, ווי ער איז געוואָרען אונגעדולדיג, האָט געקוקט אויפ'ן זייגער, געעפענט דאָס פענסטער, צוגעהערט זיך ביי דער טיר, א וויי־לע זיך צוגעזעצט, דאן זיך ווידער אויפגעהויבען ניט וואגענדיג צו רויכערען, ווייל זי האָט עס איהם פערבאָטען אין די טעג פון זייערע צוזאמענקונפטען, און מיט פערצווייפעלטע בליקען געקוקט אויף דער פאפּיראָסען־קעסטעל.

זי איז געגאנגען לאנגזאם, אלעס וואס זי האָט אויפ'ן וועג גע־טראָפען האָט איהר אמוזירט: די מענשען, זייערע פּנים'ער, די קראָמען. זי האָט גענומען געהן נאָך לאנגזאמער און האָט איבער־

די צוזאַמענקונפט

אין מאנטעל, מיט דער הוט אויפ'ן קאָפּ, איין שווארצען שלייער איבער'ן פּנים, א צווייטען אין קעשענע, וועלכען זי האָט אין זינען געהאט אָנצוטהאָן, זיצענדיג אין דראָשקע, איז זי געזעסען אין איהר צימער, געקלאפּט מיט דעם שפּיץ פון שירעם אָן איהר שוך און ניט געקענט ביי זיך פּועל'ן צו פערלאָזען דאָס הויז כדי צו געהן צו דער דאָזיגער צוזאמענקונפט.

און ווי אָפט האָט זי זיך דאָס פאר די לעצטע צוויי יאָהר אזוי אָנגעטהאָן אין דער צייט, ווען איהר מאן, א בעוואוסטער בירזשע אַגענט, איז פערנומען געווען אויף דער בירזשע, אום צו געהן צו איהר געליעבטען, דעם שעהנעם גראף מארטעלעט.

הינטער איהר האָט הויך געקלאפּט א זייגער; אויף דעם קליינעם שרייבטיש, צווישען די פענסטער איז געלעגען אן אָפענער בוך און א שטארקער פיילכען גערוך פון צוויי קליינע בוקעטען, וואָס זיינען געשטאנען אויפ'ן קאמין אין צוויי מייסנער וואזען, האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם גערוך פון ווערבענען, וועלכער האָט אריינגעשטראָמט דורך דער אפענער טיר פון טואלעט צימער.

דער זייגער האָט געשלאָגען דריי און זי האָט זיך א כאפּ געטהאָן. זי האָט זיך אומגעדרעהט, א קוק געטהאָן אויפ'ן ציפערבלאט און פערטראכט א שמייכעל געטהאָן:

— ער ווארט שוין דאָרט אויף מיר, איצט וועט ער שוין זיין שטארק אונגעדולדיג! — דאן איז זי אוועק, האָט געזאָגט דעם דיענער, אז זי וועט צוריק קומען שפּעטסטענס אין א שעה ארום — עס פערשטעהט זיך א ליגען — איז ארונטער פון די טרעפּ און אוועק צופוס אין גאס אריין.

אווערגנע, וועלכער האָט מיר הערצליך געדאַנקט. דאָס קליין מיידעלע רופט זיי אַלע פּאַפּאַ, ווי ביי אונז, למשל, זאָגט מען צו איינעם „הערר אזוי און אזוי“.

מיר זיינען צוגעקומען צום הויז און דערזעהן פון ווייטען פאר דעם גאַנעק דריי שאַטענס, וועלכע האָבען אונז ערוואַרטעט. דער גרעסטער פון זיי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט אין פאָראויס און געזאָגט מיט אַ פאָרמאַלער פערנייגונג:

— הערר גראַף, מיר זיינען אין דעם דאָזיגען טאָג — איהר ווייסט דאָך שוין — געקומען, אום אונזער דאַנקבאַרקייט אויסצודריקען.

דאָס איז געוועזן אַ בעלגיער.

נאָך איהם האָט די קליינע עפּעס נאָכגעפּלאַפּעלט מיט יענער איינטאָניגער, געקינצעלטער קינדער שטימע, אין וועלכער מען דערקאָנט גלייך, אַז זי זאָגט נאָך עטוואָס אויסגעלערענטעס.

איך האָב זיך געמאַכט גאָר נישט וויסענדיג, האָב גענומען פריילין עלמיראַ אָן אַ זייט און נאָך אַ קורצער הקדמה זי געפרעגט:

— איז דאָס דער פּאַטער פון אייער קינד?

— אָה, ניין, גנעדיגער הערר.

— איז דען דער פּאַטער טויט?

— אָה, ניין, גנעדיגער הערר. מיר זעהען זיך נאָך ווען ניט ווען. ער איז אַ זשאַנדאַרם.

— אַך, אזוי. דאן איז הפּנים דער ערשטער, דער פון מאַרסעל, וועלכער איז געוועזן ביי דעם געבורט פונ'ם קינד, נישט דער פּאַטער?

— אָה, ניין, גנעדיגער הערר. דאָס איז געוועזן אַ לומפּ, וועלכער האָט מיינע אָבגעשפּאַרטע פּאָר גראָשען אויסגעבראַכט.

— קאָן דער זשאַנדאַרם, דער אמת'ער פּאַטער, זיין קינד?

— אָה, יאַ, גנעדיגער הערר. ער האָט אפילו דאָס קינד זעהר ליעב! אָבער ער קען זיך מיט איהם ניט פיעל אָבגעבען, ווייל ער האָט נאָך אנדערע פון זיין פרוי.

מען האָט זיי אַריינגעלעגט אין אַ ווייכען בעט. דאַן האָב איך געהייסען איינשפּאַנען די פערד און רופען אַ דאָקטאָר. דער מאַרסעלער, וועלכער איז איצט, ווי עס שיינט, געווען געטרויסט און גאַנץ שטאָלץ, האָט געפּרעסען ווי אַ וואָלף, און זיך אָנגע־טרונקען טויט שכור, אום די גליקליכע געבורט צו פייערען.

עס איז געווען אַ מיידעל.

איך האָב די לייט געהאַלטען ביי מיר אַכט טאָג. די מוטער, פריילייז עלמיראַ, איז געווען אַ וואַהרזאָגערין און זי האָט מיר פּאַראויסגעזאָגט אַ לאַנג לעבען און אונגלויבליכען גליק.

* * *

אויפ'ן צווייטען יאָהר אין דעם אייגענעם טאָג אַרום פאַר־נאַכט צייט נאָכ'ן עסען, איז דער דיענער, וועלכער האָט מיך גור וואָס גערופען, אין מיין צימער אַריין און געזאָגט:

— די ציגיינערין פון לעצטען יאָהר איז דאָ און וויל דעם גנעדיגען הערר דאַנקען.

— איך האָב געהייסען זי אַריינברענגען און בין געווען גאַנץ ערשטוינט, ווען איך האָב דערזעהן ביי איהר זייט אַ הויכען, שטאַר־קען, בלאָנדען יונגען מאַן, וועלכער האָט, קענטיג, אויס דעם נאָרד־ליכען פראַנקרייך געשטאַמט. ער האָט מיך בעגריסט און גענו־מען דאָס וואָרט אַלס הויפּטמאַן פון דער טרופּע. ער האָט געהערט פון מיין גוטסקייט אַנטקעגען פריילייז עלמיראַ און האָט דעם יאָהרסטאַג ניט געוואָלט דורכלאָזען אָהן דעם, אַז ער זאָל מיר איהר דאַנק ניט אויסדריקען און די לעבעדיגע אורזאַך פון איהר איבערגעבענהייט אהער צו ברייננגען.

איך האָב געהייסען פאַר זיי מאַכען אַ מאָהלצייט אין קיך און אויס נאַסטפּריינדשאַפט זיי געלאָזען איבערנעכטיגען. אויפ'ן צווייטען טאָג זיינען זיי אוועק.

פון דאַן אָן קומט די אָרימע פרוי ווידער יעדען יאָהר אינ'ם אייגענעם טאָג מיט'ן קינד, אַ שעהן, קליין מיידעלע, און יעדעם מאָל מיט אַ נייעם הערר און געביעטער. נור איין מאָל איז איי־נער צוויי יאָהר נאַכאַנאַנד געקומען. דאָס איז געווען אַ מאַן פון

טויט דאנקבאר צו זיין. איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבען ניט געזעהן קיין ענטבינדונג און קיין מאָל אונטער אזעלכע אומשטענדען האָב איך א ווייבליכען וועזען, סיי א פרוי, סיי א צויג, סיי א קאַץ ניט ביינעשטאנען. און דאָס האָב איך געזאָגט דעם מאַן, וועהרענד איך האָב צושראָקען אויף דער פרוי געקוקט, וועלכע האָט דאָרט אין בעט געשריען.

ווען איך בין געקומען אביסעל צו זיך און מיין קאַלטבלוטיגקייט האָט זיך צו מיר צוריקגעקעהרט, האָב איך געפרעגט דעם פערצווייפעלטען מאַן, פארוואס ער פאָהרט נישט אין דעם נאָהנטסטען דאָרף. ער האָט געענטפערט, אז זיין פערד איז געפאלען, און האָט זיך הפנים אויסגעבראכען א פוס, ווייל ער קען זיך מעהר נישט אויפהייבען. דאן האָב איך צו איהם געזאָגט:

— נא, ווייסט איהר וואָס, גוטער מאַן, אזוי ווי מיר זיינען איצט זאלבענאנד, טאָ לאָמיר ביידע אייער פרוי ביז צו אונז שלעפען.

אָבער דאָס בילען פון די הינד האָט אונז געצוואונגען ארויסצוגעהן פון וואגען און מיר האָבען געמוזט מיט שטעקענס זיי פאנאנדערטרייסען. דאן איז מיר איינגעפאלען א געדאנק, איינצושפאנען די הינט, איינעם רעכטס און איינעם לינקס, און זיי זאָלען העלפען שלעפען דעם וואגען. אין צעהן מינוט ארום איז אלעס געוועזען פערטיג און דער וואָגען האָט זיך לאנגזאם גענומען ריהרען, וועהרענד די אָרימע פרוי האָט זיך ביי יעדען ריהר פון די רעדער מורא׳דיג געטרייסעלט.

— אך איז דאָס געוועזען א וועג! קרעכצענדיג, אָהן אָטהעם, באָדענדיג זיך אין אונזער איינענעם שוויים, זיינען מיר געגאנגען און דעם וואגען געשלעפט, אלע ווײלע האָבען מיר זיך אויסגעגליטשט און זיינען געפאלען, וועהרענד אונזערע ארימע הינט האָבען ווי בלאָז־זעק אין קוזניע געסאָפּעט.

עס האָט אונז גענומען דריי שטונדען ביז מיר זיינען צו מיין ווילא אנגעקומען. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער טיר, האָט דער געשריי אינ׳ם וואגען אויפגעהערט. מוטער און קינד האָבען זיך געפיהלט גוט.

איז אונז אַן אַנדער גרויסער, שוואַרצער הונד מיט פּייערדיגע אויגען דעם וועג פערלאָפען. איך האָב געזעהן ווי די ווייסע צייהן בליסטשען ביי איהם אין'ם מויל.

מיט אַן אויפגעהויבענעם שטאָק האָב איך זיך אויף איהם אַ ווארף געטהאָן. אָבער באַק איז איהם שוין בעפאַלען און די ביידע חיות, מיט די צייהן איינגעגעסען איינער דעם צווייטען אין ברוסט, האָבען זיך געקייקעלט אויף דער ערד מיט אַ ווילדער צורייצטקייט. איך בין אוועק ווייטער און שיער נישט געפאַלען איבער אַ פערד, וועלכער איז געלעגען אויפ'ן מיטען וועג. ווען איך האָב זיך אָבגעשטעלט אַ קוק צו טהאָן אויפ'ן פערד, האָב איך דערזעהן פאַר זיך אַ וואַגען, אדער בעסער געזאָגט, אַ הויז אויף רעדלאַך, איינעם פון יענע זייל־טענצער וואַגענס, וועלכע מען זעהט אין אונזער געגענד, פאָהרענדיג פון איין יריד צום אַנדערן. פון דאָרט האָט נאָך אימער אָהן אויפהער זיך געטראָגען דער מורא'דיגער געשריי. אבער אזוי ווי די טיר האָט זיך געפונען אויף דער אַנדערער זייט, האָב איך זיך אַ לאָז געטהאָן ארום וואָגען, בין שנעל די דריי הילצערנע טרעפּלאַך ארויף, אום זיך אויף דעם מערדער צו ווארפען.

איך האָב דערזעהן עפּעס אַזוינס, וואס איך האָב צוערשט גאָרנישט געקענט פערשטעהן. אַ מאַן איז אויף די קניע געשטאַנען און האָט, קענטיג, תפילה געטהאָן, וועהרענד אינ'ם בעט, וואס איז געשטאַנען אין אַ קאַסטען, איז געלעגען עטוואס אונבעשטימטעס. אַ האַלב בעקליידעטע בעשעפעניש האָט זיך דאָרט געדרעהט און געקרוטשעט אהין און אהער, האָט געוואָיעט און געשריען, הגם דעם פּנים האָב איך נישט געקענט זעהן.

דאָס איז אַ פרוי צוקינד געגאַנגען.

אַזוי שנעל, ווי איך האָב בעגריפען פון וואַנען עס קומען די ראָזיגע קרעכצען, האָב איך אויף מיין אַנוועזענהייט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט. דער מאַן, אַ מאַרסעל'ער, וועלכער איז ווי פון זינען אראָב, האָט מיך גענומען בעטען, זי צו ראַטעווען און ריידעניג שנעל אין איין אָטהעם, מיר פערשפּראָכען ביז צו זיין

וועז גראד אזוי שעהן ווי היינט. לאַנגזאַם האָב איך געטראָ־
טען אונטער די גרויסע בוימער, האָב דורך די בלעטער געזעהן,
ווי די שטערן בלישטשען און איינגעזויגען אין זיך מיט'ן גאַנצען
אָטהעם די קיהלע, שטילע, ביינאַכטיגע לופט פונ'ם וואלד.

איך האָב געהאַט נור וואס פערלאזען פאריז אויף אימער.
איך בין געוועזן מיעד, מיעד, עס האָט מיר פון דעם דאָרטיגען לע־
בען געעקעלט מעהר, ווי פיעל איך קאָן דיר אויסדריקען, פון די
דאָזיגע אלע געמיינהייטען און נידערטרעכטיגקייטען, וועלכע איך
האָב זיך אָנגעזעהן און אין וועלכע איך האָב פופצעהן יאהר נאָכ־
אנאנד אנטהייל גענומען.

איך בין אוועק ווייט, ווייט אין דעם טיעפען וואלד אריין,
געהענדיג מיט'ן וועג, וואס פיהרט ביז צום דאָרף קראַנציל, פופ־
צעהן קילאָמעטער פון דאַנען.

פּלוצים איז מיין גרויסער הונד באָק, וועלכער פערלאזט מיך
קיין מאָל ניט, ראַפּטאָם שטעהן געבליבען און האָט אָנגעהויבען צו
וואָרטשען. איך האָב א טראַכט געטהאָן, אז א פוקס, א וואָלף
אָדער א קיילער איז דאָ ניט ווייט, און האָב זיך אויף די שפּיצ־
פינגער גענומען גנב'ענען ווייטער, אום ניט צו מאַכען קיין גע־
רויש. אָבער דאָ האָב איך דערהערט געשרייען, מענשליכע
געשרייען, לאַנג אויסגעצויגענע, האלב פערשטיקטע, הערצרייסענ־
דע געשרייען.

עס האָט אויסגעזעהן, ווי צווישען די בושעס וואָלט עמיצער
בעפּאלען געוואָרען. און איך האָב זיך א וואַרף געטהאָן אהין,
מיין שווערען דעמבענעם שטאָק פעסט אין דער רעכטער האנד
דריקענדיג.

איך בין צוגעקומען נעהנטער צו די יאמערען און זיפצען,
וועלכע זיינען אימער דייטליכער געוואָרען און האָבען געקלונגען
עפּעס מאָדנע דומפּף. עס האָט זיך אויסגעגעבען, ווי זיי וואָל־
טען זיך געטראָגען פון א הויז, אדער אפשר פון א קעלער־שטי־
בעל. באָק איז געלאָפען דריי טריט פאר מיר אין פאראויס, איז
געבליעבען שטעהן, דערנאָך ווידער געלאָפען, ער איז געוועזן זעהר
אויפגערעגט און האָט ניט אויפגעהערט צו וואָרטשען. פּלוצים

ווייל אונזער פערשטאַנד איז דאָך איבערהויפּט זעהר קליין, שוואַך און אין ענגע גרענעצען פערשפּאַרט. איך האָב געקוואָלען פון דעם שטערן־בילד, פון דעם גרויסען בער. עס שטראַהלט אַזוי מאַט, אַז מען זעהט איהם נור אין ליכטיגע, אין קלאָהרע נעכט. אַזוי שנעל ווי דער הימעל איז עטוואַס נעבעלדיג, פערשווינדט ער גלייך. מיר האָבען געטראַכט פון די וועזענס, וועלכע בעוואָהנען די דאָזיגע וועלטען דאָרט אויבען, וועגען זייער אויסזעהן, זייערע אייגענשאַפטען, פון וועלכע מיר האָבען קיין שום בעגריף ניט, וועגען זייערע אונבעקאַנטע אָרגאַנען, וועגען די חיות און פלאַנצען, וועגען אַלע די פערשיעדענע באַשעפּענישען און וועלטען, וועגען אַלע שטאָפען און מאַטעריען, וועלכע דער מענשליכער שכל קען ניט בענעהמען.

פלוצים האָט פון ווייטען אויסגערופען אַ שטימע:

— גנעדיגער הערר! גנעדיגער הערר!

יאהאַן האָט געענטפערט:

— איך בין דאָ, באַפּטיסט.

און ווען דער דיענער האָט אונז געפונען, האָט ער געזאָגט:

— דעם גנעדיגען הערר'ס ציגיינערין איז דאָ.

מיין פריינד האָט זיך צולאַכט הויך אויפ'ן קול, וואָס ער האָט זעלטען געטהאָן. דאַן האָט ער געפרעגט:

— היינט איז אַלזאָ דער ניינצעהנטער יולי?

— יאַ, געוויס, גנעדיגער הערר!

— גוט, זאָגט איהר, זי זאָל וואַרטען. גיט איהר דערווייל עפּעס עסען. אין צעהן מינוט קום איך אַהיים.

ווען דער דיענער איז פערשוואונדען, האָט מיך מיין פריינד גענומען אונטער'ן אָרעם און געזאָגט:

— מיר וועלען פּאַמעליך געהן. איך וועל דיר אַ געשיכטע דערצעהלען.

— אין דעם איז שוין איצט זיעבען יאָהר. איך האָב דאַן געהאַט ערשט נור וואָס זיך בעזעצט אויף מיין מאַיאַנטיק, און בין אין אַ געוויסען אָבענד נעגאַנגען שפּאַציערען. עס איז גע־

דער פּאָטער.

איך בעזוך פון צייט צו צייט מיין פריינד יאָהאַן דעוואלנאַיקס. ער האָט אַ קליינעם מאַיאָנטיק נעבען אַ טייך אינ'ם וואלד. אהין האָט ער זיך פערקליבען נאָכדעם ווי ער האָט פופצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד געפיהרט אין פאריז אַ גאַנץ ווילדען לעבען. איין טאָג האָט ער דערפיהלט, אז ער איז זאַט פון פערגעניגענס, סאַפּערס, מענער, ווייבער, קארטען, קורץ, פון אלצדינג, און ער האָט זיך אָבגעטראָגען אויף זיין מאַיאָנטיק, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען.

פון צייט צו צייט פערברענגען מיר, אַ פּאָר נאָהענטע פריינד און איך, צוויי־דריי וואָכען ביי איהם. ער איז שטענדיג זעהר צופריעדען אונז ווידער צו זעהן, ווען מיר קומען, און ווידער אמאָל זעהר צופריעדען אליין צו בלייבען, ווען מיר געהען אוועק.

לעצטע וואָך בין איך אלזאָ צו איהם אוועק און ער האָט מיך אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. מאַנכעס מאָל זיינען מיר שטונדען לאַנג אָבגעוועזען צוזאַמען און מאַנכעס מאָל איז זיך יעדערער געגאַנגען זיין וועג. געוועהנליך לעזט ער און איך ארבייט ביי טאָג. דאַן פלוידערען מיר אין אבענד ביז נאָך האלבע נאַכט.

לעצטען דיענסטאַג — עס איז געוועזען אַ מורא'דיג הייסער טאָג — זיינען מיר ביידע געזעסען ארום ניין אַ זייגער אין אבענד איינער נעבען צווייטען און זיך צוגעקוקט ווי דאָס וואַסער אינ'ם טייך צו אונזערע פיס בעוועגט זיך. מיר האָבען גערעדט איבער די שטערן, וועלכע האָבען זיך אינ'ם טייך געשפּיעגעלט און ווי פאַר אונזערע אויגען געשוואומען. דאָס איז געוועזען אַ געשפּרעך וועגען אלגעמיינע זאַכען, קורץ און אונבעשטימט,

— איך האָב זי אָבגעפיהרט צוריק אין עטרע־טאַ.

— און וואו פאָהרסטו?

— איך? איך וויל זיך אין טראַוויל אביסעל צושטרייען.

און נאָך א קליינער פויזע האָט ער צוגעלייגט:

— דו האָסט גאָר קיין בעגריעף ניט, ווי נאַריש און דום אזא פרוי קען אמאָל זיין!

זי איז געווען עהנליך צו יענער רייצענדער צאצקע, וועלכע קען זאָגען „פּאפּא“ און „מאמא“.

אָבער ווען איך וואָלט פריהער געוואוסט, ווען איך וואָלט נור אַן אהנונג געהאט... איצט רעדט זי אפילו אויך נאָך זעהר שלעכט, מאכט נאָך פּונקט אזוי פיעל פעהלערען, אָבער מען קען זי פער־שטעהן; יאָ, איך פערשטעה זי יעצט, איך וויס, וואָס זי וויל זאָגען.

איך האָב מיין ליאלקע איבערגעפיהרט, צובראָכען, אום צו זעהן, וואָס עס טהוט זיך אין איהר אינעווייניג און איצט האָב איך עס געזעהען.

אך, מיין פריינד, דו האָסט גאָר ניט קיין בעגריעף ווענען די אנזיבטען, אידעען, טהעאָריען פון א יונגער, גוט ערצויגענער ענג־לענדערין, וועלכע עס איז נישטאָ וואָס פאָרצואוואָרפען, אָבער נאָך וועניגער פערשטעהסטו די קוועלען, וואָס איך לייד פון זיי, ווייל איך מוז אויסהערען איהרע לעקטשורס, וואס זי האלט פאר מיר גאנצע טעג איבער אלע פראגען און אל די פערשיערענע וויסענ־שאפטען, וואָס זי האָט אין א דאמען־פּאנסיאָן געלערענט.

דו וויסט דאָך פון יענע וואונדערשעהנע פערגאָלדעטע פּאַ־פּירלאָך, אין וועלכע עס זיינען איינגעוויקעלט שרעקליך־ביטערע צוקערקעס? אָט אזאַ מין סאָרט האָב איך געהאט; איך האָב עס צוריסען, איך האָב געוואָלט עסען דעם אינהאַלט, און איצט עקעלט מיך דערפון אזוי, דאָס מיר ווערט אַזש שלעכט, ווען איך בענענען נור איינע פון איהרע לאנדס־פּרויען.

איך האָב חתונה געהאט מיט א פּאַפּוגיי, וועלכע אַן אַלטע ענגלישע לעהרערין האָט אויסגעלערענט פראנצויזיש. פערשטעהסטו שוין איצט?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון וווייטען האָט זיך שוין איצט געזעהן דער האפען פון טראָ־וויל, וואו א גרויסער עולם מענשען איז געשטאַנען.

איך האָב געפרעגט:

— וואו איז דען דיין פרוי?

דו קענסט זיך ניט פאָרשטעלען, ווי רייצענד עס איז, ווען אזא קליינער רויטינקער מיילכעל זאָגט: „איך האָב ליעב זעהר די קאָלבס־בראַטען". מיין קליינע ענגלענדערין קאַטע האָט גערעדט מיט זעהר אַ קאָמישער שפּראַך. אין די ערשטע עטליכע טעג האָב איך ניט פערשטאַנען קיין איין וואָרט, אזעלכע משוגענע פראַזען האָט זי אויסגעפונען. און דאַן האָב איך זיך פערליעבט אין דער דאָזיגער זעלטענער, קאָמישער קאַשע, וואָס האָט געזאָלט זיין די פראַנצויזישע שפּראַך.

אַלע צוקאַליעטשעטע, פאַרדרעהטע, לעכערליכע ווערטער האָבען אין איהר מויל געקלונגען רייצענד, און אין אָבענד זיינען מיר געזעסען אויף דער טעראַסע פון דער קאַסינאָ און געפיהרט לאַנגע אונטערהאַלטונגען, פון וועלכע איך האָב פערשטאַנען איין וואָרט פון צעהן און דאָס דאָזיגע איינציגע וואָרט איז פאַר מיר אויך גע־ווען אַ שווערע רעטעניש.

איך האָב מיט איהר חתונה געהאַט. איך האָב זי געליעבט משוגע, ווי דעם אידעאַל פון מיינע טרוימען, ווארום באמת איז עס דאָך נור די פאָרשטעלונג, די געטרוימטע פאָרשטעלונג פון אַ פרוי, וואָס מיר ליעבען.

אָבער, ליעבער פריינד, די גרעסטע נארישקייט, וואָס איך האָב ווען עס איז בעגאַנגען, איז געווען דאָס, וואָס איך האָב געלאָזען מיין פרוי נעהמען פראַנצויזישע לעקציאָנען.

אַזוי לאַנג ווי זי האָט די ווערטער פערדרעהט און די גראַמאַ־טיק געמאַטערט, האָב איך זי ליעב געהאַט.

אונזערע געשפּרעכען זיינען געווען איינפאַכע, איך האָב אין זיי געפונען דעם זעלטענעם חן פון איהר פּערזאָן, די אונפערגלייכליכע עלעגאַנץ פון איהרע בעוועגונגען. זי איז פאַר מיר געווען אַ וואונ־דערבאַרער רעדעוודיגער שאַץ, אַ לעבעדיגע ליאַלקע, צום קושען גע־שאַפען, וועלכע קאָן זאָגען, וואָס זי האָט ליעב, וועלכע לאָזט מאַנ־כעס מאָל ארויס עפּעס אזעלכע מאָדנע קלאַנגען און וועלכע פער־שטעהט אויף אַ קאָקעטען שטייגער איבערצוגעבען איהרע איינ־פאַכע איינדריקע און געפיהלען.

טאקע נישטאָ עטוואָס שעהנערעס, ווי אזא יונגע זאַך פון א יאָהר אכצעהן ליופט צווישען די פעלדער און רייסט בלומען אויפ'ן וועג.

איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט אן ענגלישער פאמיליע, וועלכע האָט געוואָהנט אין דעם אייגענעם האָטעל וואו איך. דער פאָטער איז געווען פון דעם זעלבען סאָרט, ווי אַלע דיעזע לייטע, וואָס דו זעהסט דאָ, און די מוטער, ווי יעדע אנדערע ענגלענדערקע.

זיי האָבען געהאט צוויי זיהן, צוויי פון יענע לאַנגע, ביינערדיגע יונגען, וועלכע שפּיעלען פון פריה ביז נאַכט אין אלערליי אנשטרענגענדיגע שפּיעלערייען, מיט באָלס אָדער ראַקעטען. דאַן צוויי טעכטער. די עלטסטע פערטריקענט, ווי אַן אַלטע קאָנפעקט־שאַכטעל. די אינגערע רייצענד, בלאָנד, אָדער בעסער געזאָגט, א בלאָנדינקע מיט א קעפּעלע פון א מלאך. איינע פון יענעם שעהנעם סאָרט, וואָס איז ווירקליך געטליך. זי האָט געהאט בלויע אויגען, פון יענער בלויקייט, אין וועלכער עס שלומערט, ראַכט זיך, די גאַנצע פּאָעזיע, אַלע האָפנונגען, דאָס גרעסטע גליק אין דער וועלט.

— אך, אזא פּאָאר פרויען אויגען, זיי פיהרען אייך אוועק אין א לאַנד פול וואונדער.

און דאַן מוז מען נאָך צוגעבען, אז מיר, פראַנצויזען, ליעבען די אויסלענדערקעס. אזוי גיך ווי מיר בעגעגענען א רוסין, א איטאליענערקע, א שוועדין, א שפּאַניערין אָדער אן ענגלענדערין, וועלכע איז נור אביסעלע שעהן, פערליעבען מיר זיך אין איהר גלייך. אַלעס וואָס קומט פון אויסלאַנד בעוואונדערען מיר, אַלץ איינס צי דאָס איז הויזען־שטאָף, היט, האַנד־שוה, געוועהר אָדער פרויען. דאָס איז ניט ריכטיג. עס דאַרף אזוי ניט זיין.

אָבער איך דענק, אז דער עיקר, וואָס עס ציהט אונז צו די אויסלענדערקעס, איז זייער פאַלשע אויסשפּראַכע. קוים רעדט א פרוי אונזער שפּראַך שלעכט, דאַכט זיך אונז, אז זי איז רייצענד. ווען ריידענדיג פראַנצויזיש מאַכט זי א פעהלער אין יעדען וואָרט, דאַן הייסט עס, איז זי זיס, און ווען זי פערדרעהט און צוקרוטשעט די שפּראַך אויף דעם משונה'דיגסטען אופן, דאַן איז זי גאָר אונווידערשטעהליך.

נאָך מאָגערע, האָבען געשצירעט זייערע גרויסע, געלע צייהן אנט־קעגען ווינד. ווען מען איז פארביי זיי פארבייגעגאנגען, האָט מען געהערט דעם גערוף פון טשוינג־גאָם און צאָהן־פוידער. סידאָין האָט געזאָגט מיט אלץ גרעסערען כעס:

— א פאסקודנע באנדע, ווען מען וואָלט זיי געקאָנט פער־באָטען צו קומען קיין פראנקרייך?

איך האָב געפרעגט מיט א שמייכעל:

— וואָס האָסטו צו זיי? מיר זיינען זיי גאנץ גלייכגילטיג.

— יאָ, דיר, דאָס גלויב איך. אָבער איך האָב געהייראט אן ענגלענדערקע! אָט דאָ ליעגט דער הונד בעגראָבען.

איך בין שטעהן געבליבען און זיך צולאכט:

— צום טייפעל, אָבער דערצעהל מיר דאָך. לעבסטו דען אזוי אונגליקליך מיט איהר?

ער האָט א דריק געטהאָן מיט די אקסלען:

— ניין, דאָס גראד ניט.

— טאָ וואָס דען, זי בעטריגט דיך?

— ניין, ליידער ניט, וואָרים דאן וואָלט איך זיך דאָך גע־קענט מיט איהר גט׳ן און וואָלט פון איהר פטור געוואָרען.

— איך פערשטעה דיך ניט.

— פערשטעהסט מיך ניט? דאָס וואונדערט מיך ניט. אלזאָ זעהר איינפאך — זי האָט זיך אויסגעלערענט פראנצויזיש! דאָס איז דער אונגליק. הער אויס. איך האָב בשום אופן ניט געוואָלט חתונה האָבען. דארף זיך טרעפען, אז איך זאָל פאר צוויי יאָהרען פארברענגען א זומער אין עטרע־טא. עס איז נישטאָ קיין נעפעהרליכערער פלאץ, ווי דער דאָזיגער באדע־פלאץ. דו קענסט זיך נאָרניט פאָרשטעלען, ווי די מיידלאך נעהמען אונז דאָרט אריין אין די הענד. פאריז איז א פלאץ פאר די פרויען, אויפ׳ן לאנד רעגיערען די מיידלאך.

די דאָזיגע אלע שפאציערען אויף עזלען, דאָס באָדען זיך אין דער פריה, דאָס פריהשטיק אויף דער פרייער לופט, זיינען בלויז פאסטקעס פאר מענער, אז זיי זאָלען חתונה האָבען. און עס איז

דירפעניש ארומצולויפען אהין און אהער, ווי א מאטראָז, וואָס שטעהט אויף דער וואך. איך ווייס ניט פאר וואָס דאָס איז אזוי. קורץ, איך האָב גענומען ארומשפרייזען איבער'ן דעק צווישען דעם עולם פּאסאזשירען.

פלוצים האָט מיך עמיצער א רוף געטהאָן. איך האָב זיך אומ־געדרעהט. דאָס איז געוועזן היינריך סידאָין — מיינער אַן אלטער פריינד, וועמען איך האָב שוין זייט צעהן יאָהר ניט געזעהן.

מיר האָבען זיך געדריקט די הענד און גענומען רעדען פון פערשיעדענע זאכען, ארומלויפענדיג אהין און אהער אויפ'ן דעק, ווי דער בער אין זיין שטייג. און בעת מיר האָבען געפּלוידערט, האָבען מיר בעטראכט די רייזענדע, וועלכע זיינען געזעסען רעכטס און לינקס.

מיט אמאָל האָט סידאָין מיט א צורייצטער מינע געזאָגט:

— די גאנצע שיף איז פול מיט ענגלענדער, אומעדום שטעקט די עקעלהאפטע באנדע.

און באמת זיינען ארום און ארום געזעסען לויטער ענגלענדער. די מענער האָבען געקוקט אין דער ווייטקייט אריין מיט עפּעס א מין וויכטיגער מינע, ווי זיי וואָלטען זאָגען: „מיר, ענגלענדער, זיינען די בעלי הבתים פון'ם ים. אָט דאָ זיינען מיר!“

און די ווייסע שלייערס, וואָס האָבען פון זייערע היט געוועהט, האָבען אויסגעזעהן, ווי פאָהנען, צום צייכען פון זייער זעלבסט־געפעלינקייט.

די דאַרע יונגע פריילענס, וועמענס שיף האָבען אָן זייער היי־מאט דערמאָנט, און וועלכע האָבען זייערע לאנגע, אויסגעטריקענטע פינגערן און מאָגערע ארעמס אין שאָטישע, קעסטעלדיגע פּלעדס איינגעוויקעלט, האָבען געקוקט אָהן אויסדרוק, שמייכלענדיג אויף דער זונניגער לאנדשאפט. די קליינע קעפּ, וועלכע זיינען געזעסען אויפ'ן שפּיץ פון די דאַזיגע לאנגע קערפּערס, האָבען געטראָגען ענג־לישע היט פון עפּעס א מאָדנעם פאסאָן. זייערע שיטערע האָאָר האָבען זיי געטראָגען פערפלאָכטען פון הינטען אויפ'ן קאָפּ, ווי א צוזאמענגעדרעהטע שלאנג. די אלטע לערים, וועלכע זיינען געוועזן

אַן ענטדעקונג.

דאָס שיף איז געוועזן פול מיט מענשען. אזוי ווי די רייזע איז געוועזן זעהר א שעהנע האָבען די לייטע פון האוור בעשלאָסען זיך דורכצופאָהרען קיין טראוויל.

די שטריק זיינען אָבגעבונדען געוואָרען, א שטארקער פייפען האָט אָנגעזאָגט, אז מען פאָהרט אָב און גלייך האָט דאָס גאנצע שיף גענומען ציטערען, וועהרענד רעכטס און לינקס, ביי די זייטען, האָט זיך דערהערט דער געררויש פון רוישענדיגען, בולבלענדיגען וואסער.

די רעדער האָבען זיך געדרעהט א פּאָר מאָמענטען, זיינען שטעהן געבליבען און דאן זיך ווידער גענומען לאנגזאם בעוועגען. און ווען דער קאפּיטאן האָט פון זיין פּלאַץ א קאָמאנדעווע געטהאָן „פול דאמפּף“, איז דאָס שיף אוועק רענעלמעסיג, שניידענדיג דעם ים מיט איהרע שווערע רעדער.

דאָס שיף האָט זיך געטראָגען אין דער לענג פון׳ם ברעג, וועל־כער איז געוועזן פול מיט מענשען. אויפ׳ן שיף האָבען די לייטע מיט זייערע טיכלאך געפּאָכעט, ווי זיי וואָלטען קיין אמעריקא גע־פּאָהרען, און זייערע פריינד, וועלכע זיינען אויפ׳ן ברעג געבליבען, האָבען זיי צוריק געגריסט.

א שטראהלענדיג יולי־זון האָט געשיינט אויף די רויטע שיר־מעס, אויף די העלע קליידער, אויף די פרעהליכע פּנים׳ער, אויף דעם רוישענדיגען ים. אזוי גיך ווי דאָס קליינע דאמפּף־שיפעל האָט פארלאָזען דעם האפען, האָט עס זיך פּלוצים געטהאָן א דרעה אוים און אָנגעשטעלט זיין שפּיציגען פּראָנט אין דער ריכטונג פון׳ם וויטען ברעג, וועלכען מען האָט געזעהן זיך מיניענדיג אין דעם פריהמאָרגענדיגען נעבעל.

אזוי שנעל ווי איך קום אריין אויף א שיף, פיהל איך א בע־

א הינקעדינער האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז שוין פון ראַן אָן אויף אַלע צייטען געבליבען א קאַליקע. און ווען ער האָט פון ווייטען דעם בייזען בארג דערזעהען, וועלכער האָט מיט זיין שאַרפען שפּיץ ביז צו דער אונטערגעהענדיגער זון דערגרייכט, האָט ער איינגעזעהען, אַז אין דעם דאָזיגען אונגלייכען שטרייט וועט ער אימער מוזען פערליערען און ער איז אַנטלאָפען נאָכשלעפּענדיג הינטער זיך דעם הינקענדיגען פוס, אַנטלאָפען אין ווייטע לענדער, בעת ער האָט דעם פיינד איבערגעלאָזען זיינע פעלדער, טהאָלען און לאָנקעס.

אַט אויף אַזאַ אופן האָט סענט מישעל דער שוץ־הייליגער פון די נאָרמאַנען בייגעקומען דעם טייפעל.

אַן אַנדער פאָלק וואָלט זיך דעם דאָזיגען קאַמפף גאַנץ אַנ־דערש פאָרגעשטעלט.

האָט נאָך געשלאָגען א פּאַרע און וועלכער האָט פערשפּרייט ארום א פיינעם גערוך פון פּוטער.

דערצו האָט מען געטרונקען ריינעם עפּעלוויין, זיס און פּער־רעלדיג, דאן רויטוויין, וועלכער האָט דעם קאָפּ צומישט און נאָך יערען געריכט האָט מען נאָך געכאַפּט א גלעזעלע אלטען בראַנפען.

דער טייפעל האָט זיך אזוי אָנגעפּרעסען און אָנגעטרונקען מיט אל דאָס גוטס, אז עס איז איהם אזש ניט גוט געוואָרען.

דאָ איז סענט־מישעל אויפגעשטאַנען און סטראשענדיג האָט ער אויסגערופען מיט א דונערענדער שטימע:

— הויב זיך אויף פאר מיר! הויב זיך אויף פאר מיר; דו הונד איינער! ווי וואגסטו אין מיין געגענווארט.....

דער דערשראָקענער טייפעל האָט זיך געלאָזט לויפען, מיט אלע קרעפטען און דער הייליגער האָט געכאַפּט א שטעקען און איהם נעגומען פערפאָלגען.

דאן האָבען זיי גענומען לויפען אין די זאלען ארום די זיילען און איבער די ברייטע טרעפּ; האָבען זיך געיאָגט אין דער לענג פון די געזשימסען, געשפּרונגען פון איין דאך־רינע־אויף דער אנ־דערער. דער אָרימער טייפעל האָט זיך געפּיהלט אזוי שלעכט, אז עס איז איהם שיער די נשמה ניט אויסגעגאַנגען און פליהענדיג האָט ער איבעראל בעשמוצט דעם טורעם פון דעם הייליגען. צום סוף איז ער געבליבען שטעהן אויף דער לעצטער טעראסע גאַנץ אויבען, פון וואנען מען האָט געקענט זעהן דעם גאַנצען אונענד־ליכען ים מיט די שטעדט פון דער ווייטענס און די פעלדער און לאַנקעס פון דער אַנדערער זייט. איצט האָט ער שוין מעהר ניט געהאט וואו צו אנטלויפען און דער הייליגער האָט איהם געגעבען מיט אלע קרעפטען א זעץ אין הינטען אריין, אז ער האָט זיך ווי א פילקע איבערגעדרעהט עטליכע מאָל אין דער לופטען.

ער האָט דורכגעשאָסען די לופט ווי א קויל און איז שווער ארונטערגעפאלען ארום דער שטאָדט מאָרטאָין. די הערנער אויף זיין שטערען און זיינע אייזערנע נעגעל האָבען זיך שטארק אָבגע־שלאָגען אָן די פעלזען און פון דאן אָן ביז אויף אייביג האָבען זיך דאָרט אָבגעקריצט די סמנים פון דעם טייפעל'ס פאַל.

אין פאָלגענדען פריהלינג זיינען די גאַנצע פעלדער פון׳ם ביי־זען נייסט געווען פול מיט געדיכטע תבואות, מיט שווערען האָבער, מיט פלאַקס און פראַכטפולען גרינצייג, מיט רויטען קלאָוועך, אַר־בעס, קרויט, קורץ מיט אַלעס וואָס טראָגט פרוכט אָדער קערנער.

ווידער האָט דער טייפעל גאָרנישט געקריגען און איז געוואָ־רען מלא רציחה.

ער האָט צוריק צוגענומען זיינע פעלדער און לאָנקעס און נים געוואָלט מעהר וויסען פון קיינע געשעפטען מיט זיין שכן.

א גאַנץ יאָהר איז אוועק. סענט־מישעל האָט פון זיין הויכען טורעם דאָרט אויבען אַרונטערגעקוקט אויף דער פרוכטבאַרער ערד און געזעהען, ווי דער טייפעל רייבט זיך די הענד, ווי ער נעהמט אַרונטער די תבואות, ווי ער דרעשט און קוועלט פאַר נחת.

און אויפגעבראַכט געוואָרען איז דער היילינגער איבער זיין שוואַכקייט און אַזוי ווי ער האָט דעם טייפעל מעהר נים געקענט אויסנאַרען, האָט ער בעשלאָסען זיך מיט איהם אָבצורעכענען. דערפאַר האָט ער איהם איינגעלאַדען אויף דעם קומענדען זונטאַג צו זיך צום טיש.

— דו האָסט אין דיינע געשעפטען מיט מיר נים געהאַט קיין גליק, אָבער איך וואָלט נים וועלען, אַז צווישען אונז זאָל צוליעב דעם בלייבען א פאַרפרעמדקייט. איך ערוואַרט, אַז דו זאָלסט קו־מען צו מיר צום עסען און איך וועל טאַקע פאַר דיר אָנגרייטען עפּעס רעכטס.

דער טייפעל, וועלכער איז געווען פונקט אַזאַ פרעסער ווי א פוילער לודער, האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. אין דעם בעשטימ־טען טאָג האָט ער אָנגעטהאָן זיינע שעהנסטע קליידער און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אריין.

סענט מישעל האָט איהם געבעטען זיצען ביי א וואונדערבאַרען טיש. צוערשט האָט מען דערלאַנגט אַזאַ מין שפּייז פון טייג מיט בלעטער און ניערען אָנגעפילט מיט קניידלאַך פון געהאַקטען פלייש, דאַן צוויי גרויסע ים פיש אין סמעטענע, דאַן פערשיעדענע אַנ־דערע שפּייזען, אַלע סאָרטען פליישען, טאָרטען און גרינצייג, וואָס זיינען צוגאַנגען אין מויל און א וואַרימען פודינג, פון וועלכען עס

דער טייפעל, וועלכער איז נאַטירליך געווען זעהר פויל, האָט גלייך אָנגענומען דעם פאָרשלאַג.

ער האָט בלויז פערלאַנגט אַלס צוגאָב עטליכע פון יענע אויס־געצייכענטע ים פיש, וועלכע מען כאַפּט אַזוי פיעל אַרום דעם איינ־זאַמען שלאָס אין ים. דער הייליגער האָט איהם צוגעזאָגט צו געבען די פיש. זיי האָבען זיך געגעבען די הענד און אויסגעשפּיגען אן דער זייט, אַלס אַ סמן, אַז דאָס געשעפט איז געמאַכט. דאַן האָט דער הייליגער געזאָגט:

— הער אויס, איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט האָבען אַ גרונד פאַר וואָס צו זיין אונצופריעדען. קלייב דיר אויס, וואָס דיר איז ליעבער: דעם טייל פון די תבואות איבער דער ערד אָדער דעם וואָס איז אונטער דער ערד.

דער טייפעל האָט אויסגערופען:

— איך נעהם דעם וואָס איז איבער דער ערד.

— צופריעדען! — האָט געזאָגט דער הייליגער און איז אוועק.

אין אַ האַלב יאָהר אַרום האָט מען אויף די אונענדליכע בע־זיצונגען פון' טייפעל ניט געזעהען קיין זאַך, אויסער ברוקוועס, מערען, ציבעלעס, קורץ לויטער פלאַנצען, וועמעס פעטע וואָרצלען זיינען גוט און גאַרהאַפטיג און וועמעס אוננוציגע גרינצייג איז העכסטענס עפּעס ווערט אַלס קאָרמע פאַר די בהמות.

דער טייפעל האָט גאָרנישט געקריגען און האָט געוואָלט דאָס געשעפט בטול מאַכען, דערביי האָט ער דעם הייליגען פאָרגעוואָר־פען, אַז ער האָט איהם גענאַרט, איהם אויסגעבּיטרעוועט.

אָבער סענט־מישעל איז די לאַנדווירטשאַפט שטאַרק געפע־לען געוואָרען, ער האָט ווידער אַמאָל בעזוכט דעם טייפעל און געזאָגט:

— איך קען דיך פערזיכערען, אַז מיר איז גאָר ניט איינגע־פאַלען דיך אָבצונאַרען. דאָס האָט זיך אַליין אַזוי געמאַכט גאָר אָהן מיין שולד. און כדי דיר צו בעלוינען שלאָג איך דיר הײַנטיגס יאָהר פאַר דאָס, וואָס געפינט זיך אונטער דער ערד.

— צופריעדען! — האָט געזאָגט דער טייפעל.

גערינגעלט מיט אזא מין פאַלשען זאמד, וואָס איז נאָך געפעהרלי־
כער ווי דער ים.

דער טייפעל האָט געוואוינט אין א קליין הויז אויפ'ן ברעג.
אָבער ער האָט געהאַט גרויסע לאַנקעס, וועלכע זיינען בעשפריצט
געוואָרען פון'ם ים וואסער, פעטע פעלדער, וואָס האָבען רייכע
פרוכטען געטראָגען, קורץ, דאָס בעסטע און פרוכטבארסטע ערד
פון'ם גאנצען לאנד. בעת דער היילינגער האָט געהערשט בלויז פון
אויבען איבער'ן זאמד, איז דער טייפעל געווען רייך און סענט־
מישעל בלוט־אָרעם. נאָך א רייהע פון מאָגערע יאָהרען,
וועלכע האָבען דעם היילינגען א סך זאָרג פערשאפט, האָט
ער גענומען א טראַכט טהאָן, ווי אזוי צו מאכען מיט דעם טייפעל
א פערבאנד. אָבער די זאַך איז ניט געווען אזוי גרינג, ווייל דער
טייפעל האָט זיינע רייכע תבואות ניט געוואָלט אוועקגעבען.

א האלב יאָהר האָט ער אזוי נאָכגעטראַכט, דאַן איז ער איין
מאָל א אין דער פריה אויפגעשטאנען און זיך ארונטערגעלאָזען אויף
דר'ערד. דער טייפעל איז גראד געזעסען פאר זיין הויז און גע־
געסען זופּ, ווען ער האָט דעם היילינגען דערזעהן. ער איז איהם גלייך
אנטקעגען געגאנגען, א קוש געטהאָן דעם זוים פון זיין מאַנטעל,
איהם געבעטען אריינצוגעהן און פאר איהם אוועקגעשטעלט כיבוד.
סענט מישעל האָט א זופּ געטהאָן אביסעל מילך און געזאָגט:

— איך בין געקומען דיר פאָרצושלאָגען א גוט געשעפט.

דער טייפעל האָט געענטפערט אויפריכטיג און אָהן פערדאכט:

— זעהר שעהן.

— ניעב מיר איבער אַלע דיינע בעזיצונגען.

דער טייפעל איז געוואָרען אונרוהיג און האָט אָנגעהויבען:

— אָבער...

דער היילינגער האָט ווייטער גערעדט:

— הער מיר אפריהער אויס. דו גיסט מיר איבער אַלע ריי־
נע פעלדער. איך נעהם אויף זיך אַלע ארבייטען, אקערען, זעען,
מיסטינגען, קורץ אַלעס און דאַן וועלען מיר צוטהיילען אלעס, וואָס
וועט אויסוואקסען.

שטיגענע ראַקעטען, אויף דעם געמיש פון קליינע טורעמס מיט רייצענד שעהנע אָרנאַמענטען בעפּוצט, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי פאַרשטיינערטע פייערווערק, אויף די שפּיצען פון גראַניט: אַלעס מייסטערווערק פונאַ געוואַלטיגער און דאָך אַזאַ פיינער בוי־קונסט.

ווען איך בין געבליבען שטעהן אַ פערוואונדערטער, איז צו מיר צוגעקומען אַ נאָרמאַנישער פויער און האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע פון דעם גרויסען שטרייט צווישען סיינט־מישעל און דעם טייפעל.

אַ קלוגער אפּיקורוס האָט אַמאָל געזאָגט: „גאָט האָט דעם מענשען נאָך זיין בילד געשאַפען, אָבער דער מענש האָט דערפאַר גאָט אויך לויט זיין בילד געשאַפען!“

דאָס איז אַן אייביגע וואַרהייט און עס וואָלט געווען זעהר אינטערעסאַנט אין יעדען לאַנד צו בעשרייבען די געשיכטע פון דעם לאָקאַלען גאָט, פּונקט אַזוי ווי די געשיכטען פון די שוץ־הייליגע אין אַלע אונזערע פראָווינצען. דער נעגער מאָהלט זיך זיינע געטער ווי ווילדע מענשען פרעסער. דער מאָהאַמעדאַנער שטעלט זיך פאָר דעם הימעל פול מיט פרויען. די גריכען האָבען אַלס פראַקטישע מענשען אַלע ליידענשאַפטען דורך געטער פּער־זאָניפיצירט.

יעדער דאָרף אין פראַנקרייך האָט זיך זיין אייגענעם שוץ־הייליגען, גאַנץ פערשיעדען געשאַפען נאָך דעם בילד און בעדערפ־ניש פון די דאָרטיגע פויערים. אַזוי בעשירעמט סענט־מישעל די ניעדער נאָרמאַנדיע, סענט מישעל, דער שטראַהלענדער, זיעגערישער מלאך, דער הימעלשער העלד מיט'ן שווערד אין האַנד, דער טריי־אומפירענדער בעהערשער פון דעם שטן.

אום זיך צו בעשיצען פון דער בייזקייט פון זיין שכן, דעם טייפעל, האָט סענט מישעל אין מיטען פון ים אויפגעבויט די דאָזיגע געביידע. עטוואָס אַזוינס האָט ווירקליך געקענט אויפ־בויען בלויז אַ גרויסער הייליגער.

אָבער אַזוי ווי ער האָט טראָץ דעם מורא געהאַט פאַר דער נאָהענטקייט פון בייזען שטן, האָט ער זיין בעזיצונג אַרומ־

די לעגענדע פון מאָנט סענט־מישעל

דעם דאָזיגען וואונדערליכען שלאָס אין מיטען פון ים האָב איך צוערשט געזעהן נאָך פון קאַנקאַל. איך האָב עס געזעהן אונדייטליך, ווי א גרויען שאָטען, וועלכער האָט זיך פון סאַמען הימעל אָבגעצייכענט.

דאַן האָב איך איהם ווידער געזעהן פון אווראַנכעס, ביים זונען אונטערגאַנג; אַלעס ארום איז געווען רויט, דער גאַנצער האָריזאָנט רויט, דער גאַנצער געוואַלטינער ים־בוזים רויט, נור דער משופעדינער טורעם, וועלכער האָט זיך דאָרט אויפגעהויבען הויך אין דער לופטען, ווי א פאַנטאַסטישע פעסטונג, וואונדערבאַרער ווי א פערכשופ׳טער שלאָס, זעלטזאַם און שעהן, איז געשטאַנען כמעט א שוואַרצער אין דעם פורפור־גלום פון דעם אָבשטאַרבענדיגען טאָג.

אויף מאָרגען אין דער פריה בין איך ביי זונען אויפגאַנג אוועק אהין. דעם בליק אויף דער וואונדערבאַרער געביידע געריכטעט, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי א באַרג די גרויס. און וואָס נעהנטער איך בין צוגעקומען, אַלץ גרעסער איז מיין בעוואונדערונג געוואָרען, ווייל עס איז אפשר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ עטוואָס שעהנערעס און גרויסאַרטינערעס ווי די דאָזיגע געביידע.

און דאַן האָב איך ארומגעבלאָנדזשעט אזוי ערשטוינט, ווי איך וואָלט דאָס הויז פון א גאָט ענטדעקט. איך בין נעגאַנגען דורך די פאָרצימערען, וואָס זיינען פון לייכטע אָדער שווערע זיילען אונטערגעהאַלטען געוואָרען, דורך די פערשיעדענע דורכגעבראָכענע גאַנגען, און מיין פערוואונדערטע אויג האָט גערוהט אויף די אַלע טורעמס, וואָס האָבען געמאַכט דעם איינדרוק, ווי צום הימעל גע־

— איך קום אום מיין ענטלאַסונג צו פערלאַנגען. איך האָב געקראָגען אַ ירושה פון דרייהונדערט טויזענד פראַנק.

דאַן האָט ער זיינע פריהערדיגע קאָלעגען די הענד געדריקט און זיי די ענדערונג אין זיין לעבען פערטרויט. דערנאָך האָט ער גענעסען אין אַ בעוואוסטען קאַפּע מיטאָג.

אַזוי ווי ער איז געזעסען נעבען אַ הערר, וועלכער האָט אויף איהם געמאַכט זעהר אַ פּאַרנעהמען איינדרוק, האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען און מיט אַ געוויסען שטאָלץ האָט ער איהם מיטגעטהיילט, אַז ער האָט נאָר וואָס גע'ירש'עט דרייהונדערט טויזענד פראַנק.

צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער זיך ניט געלאַנג־ווייליגט אין טהעאַטער און די נאַכט האָט ער מיט אויסגעלאַסענע מיידלאַך פערבראַכט.

אין אַ האַלב יאָהר שפּעטער האָט ער נאָך אַמאָל געהייראַט. זיין צווייטע פרוי איז געווען זעהר מאָראַליש, האָט אָבער געהאַט אַ ביסעל אַ שווערען כאַראַקטער. זי האָט איהם ניט איין שווערע שטונדע פערשאַפט.



טויזענד, אַ סאָליטאַר, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ גאָלדענער קייט־מעל אָלס האַלז־בעפּוצונג, פיערציג טויזענד פראַנק. אין גאַנצען איז אַרויסגעקומען איינהונדערטזעקסאונניינציג טויזענד פראַנק.

דער יובעליר האָט געמאַכט אַ קליינעם וויץ און געזאָגט:

— דאָס מוז שטאַמען פון אַ מענשען, וועלכער האָט אַלעס, וואָס ער האָט אָבגעשפּאַרט, אין ציערונג אַריינגעלייגט.

לאַנטין האָט געענטפערט ערנסט:

— דאָס איז גראַדע אַזוי גוט און זיכער ווי אַלע אַנדערע זאַכען, אין וועלכע מען לעגט אַריין געלד.

און נאָכדעם ווי ער האָט מיט דעם קויפער אויף'ן צווייטען טאָג די זאַכען ווידער אַמאָל נאָכגעזעהען און אָבגעשאַצט, איז ער פון דאָרט אוועק.

ווען ער איז אַרויס אין גאַס, האָט ער דערזעהען די פענדאָ־מענזיילען און אַ פערלאַנג איז אויף איהם אָנגעפאַלען, איבער זיי אַרויפצוקלעטערען אין דער הויך ,ווי אויף אַ לייטער. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי לייכט, אַזוי גוט און אַזוי גליקליך, אַז ער וואָלט אַם ליעבסטען אַ שפּרונג געטהאָן איבער דער סטאַטוע פון'ם קעניג, וועלכע איז דאָרט אויבען אויף די זיילען געשטאַנען און מיט'ן קאָפּ דעם הימעל אונטערגעשפּאַרט.

ער איז אוועק פריהשטיקען אין אַ רייכען קאַפּע און געטרונ־קען אַ פלאַש וויין פאַר צוואַנציג פראַנק.

דאַן האָט ער גענומען אַ דראָשקע און איז אוועקגעפאָהרען שפּאַצירען. די מענער און פרויען אין די עקיפּאַזשען האָט ער אָנגעקוקט מיט פעראַכטונג, און אַליין האָט ער שטאַרק חשק געהאַט אויסצורופען צו די פאַרביינגעהער:

— איך האָב אויך געלד! איך האָב צווייהונדערט טויזענד פראַנק!

און דאַ האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן זיין מיניסטעריום. ער איז אוועקגעפאָהרען אהין, האָט דרייסט אַריינגעטראָטען צום שעף און ערקלעהרט:

דאן האָט דער יובעליר אַרויסגענומען פון אַ שופלאָד אַכט־צעהן גרויסע באַנקנאָטען, זיי נאָכאַמאָל איבערגעצעהלט און אַריינ־געדרוקט זיי לאַנטינ'ען אין האַנד אַריין. יענער האָט אונטערגע־שריבען אַ צעטעל, און מיט ציטערדיגע הענד דאָס געלד אין קע־שענע בעהאַלטען.

איידער ער איז אַוועק, האָט ער זיך נאָך אַמאָל אַ קעהר געַ־טהאָן צו דעם נאָך אימער שמייכלענדען קויפמאַן און געזאָגט, אויסמיידענדיג יענעמס בליק:

— איך האָב נאָך אַנדערע זאַכען, וועלכע שטאַמען פון דער זעלבער ירושה. וואָלט איהר יענע זאַכען אויך ביי מיר צוגענומען?

דער יובעליר האָט זיך פערנייגט:

— גאַנץ נאַטירליך.

איינער פון די יונגעלייט אין קראָם האָט געמוזט אַרויסגעהן, אום ניט אַרויסצופּלאַצען מיט אַ געלעכטער, און אַנדערער האָט שטאַרק געסמאָרעט מיט דער נאָז.

לאַנטין איז רויט געוואָרען, אָבער ער האָט געזאָגט גאַנץ געלאַסען און ערנסט:

— איך וועל זיי אייך ברענגען.

און ער האָט גענומען אַ דראָשקע אום די ציערונג צו ברענגען. ווען ער איז אין אַ שטונדע אַרום צוריקגעקומען צום יובעליר, האָט ער נאָך ניט געהאַט געפריהשטיקט. זיי האָבען איבערגע־קוקט די זאַכען איינס נאָך דאָס אַנדערע, אום זייער ווערט אָבצו־שאַצען. כמעט אַלע האָבען געשטאַמט פון דעם געשעפט.

איצט האָט לאַנטין זיך שוין גענומען דינגען. דעם יובעילר'ס אָבשאַצונג איז איהם ניט געפעלען געוועזן, ער האָט זיך געערגערט און פערלאַנגט די געשעפטסביכער נאָכצוזעהן, און וואָס מעהר די סומע איז געשטיגען, אַלץ זיכערער איז זיין שטימע געוואָרען.

די גרויסע בריליאַנטענע אויררינגלאַך זיינען אָבגעשאַצט גע־וואָרען אויף צוואַנציג טויזענד פראַנק, די אָרעמבענדער פינף און דרייסיג טויזענד, די בראָשקעס, רינגען און מעדאַליאָנען זעכצעהן טויזענד פראַנק, אַ שנירעל סמאַראַגדען און סאַפּירען פיערצעהנ־

עס איז געווען א שעהנער וועטער, א בלויער הימעל האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער לאַכעדינגער שטאָדט. שפּאַציערגעהער מיט העגד אין די קעשענעס, זיינען געגאנגען זייער וועג.

און לאַנטין, קוקענדיג אויף זיי האָט צו זיך געזאָגט:

— ווי גליקליך מען מוז זיין, ווען מען האָט געלד; מיט געלד קען מען אפילו שמערצען אויף בעסער אריבערטראגען, מען געהט וואו מען וויל, מען רייזט, מען צושטרייט זיך. אַך, ווען איך וואָלט געווען רייך.

דאן האָט ער זיך געכאפּט אז ער איז הונגעריג, דען ער האָט זייט פיער־און־צוואנציג שטונדען גאָר נישט געגעסען. אָבער זיי־נע קעשענעס זיינען געווען לעדיג און ער האָט זיך ווידער דער־מאָנט אָן דעם האלזבאנד. אכטצעהן טויזענד פראנק! אכטצעהן טויזענד פראנק! דאָס איז א שעהנע סומע געלד!

ער איז אוועק צו דער רו דע לא פּער און געגומען ארומגעהן הין און צוריק פאר'ן געשעפט. אכטצעהן טויזענד פראנק! צוואנ־ציג מאָל אוראי האָט ער געוואָלט אריינגעהן אינעווייניג, אָבער יעדעס מאָל האָט איהם די שאנדע אָבגעהאלטען. אָבער דאָ האָט ער פּלוצים געפּאסט אַן ענטשלוס, איז שנעל אריבערגעלאָפען איבער דער גאָס, אום זיך ניט צו לאָזען קיין צייט צו איבערלעגען און האָט זיך אַ לאָז געטהאָן אין יובעליר קראָם.

אזוי שנעל ווי דער אייגענטהימער האָט איהם דערזעהען אריינ־קומענדיג, האָט ער איהם מיט אַ העפליכען שמייכעל דערלאנגט אַ שטוהל. די יונגע לייט פון געשעפט זיינען צוגעקומען און אָנגעקוקט לאַנטינ׳ען פון אַלע זייטען און אויף זייערע ליפּען און אין זייערע אויגען האָט ווי אַ שמייכעל געשפּיעלט.

דער יובעליער האָט געזאָגט:

— איך האָב זיך אויף אייך נאָכגעפרעגט, און אויב איהר האָט אייער ענטשלוס ניט געענדערט, דאן בין איך בערייט אייך צו געבען די סומע, וועלכע איך האָב אייך נעכטען פאָרגעשלאָגען.

דער בעאַמטער האָט געשטאַמעלט:

— ניין, איך האָב ניט געענדערט, געוויס ניט.

קעהרט, און בעמערקט, אז ער איז מיט א פאלשען וועג אוועק, האָט ער גענומען געהן אין דער ריכטונג פון די טוליעריען, דאן איבער דעם בריק אויף דער סיינע, און צום סוף ווידער בעמערקט, אז ער האָט א טעות געהאט, האָט ער זיך קוים מיט צרות דערשלעפּט צו די שאנפּ־עליסעס, ניט זייענדיג אימשטאנד צו דענקען פון וואס ניט איז. ער האָט זיך געצוואונגען די זאך צו איבערלעגען, צו פערשטעהן, בעגרייפען. זיין פרוי האָט דאָך אזא טהייערען גע־גענשטאנד ניט געקאָנט קויפען! ניין, דאס געוויס ניט. וויבאלד אזוי האָט עס געמוזט זיין א געשענק — א געשענק. א גע־שענק... פון וועמען? און פארוואס?

ער איז געבליעבען שטעהן אין מיטען גאס. א מורא'דיגער צווייפעל איז איהם בעפאלען... זי?... אויב אזוי, דאן זיינען אלע אנדערע ציערונג אויך געשענקען... עס האָט זיך איהם געדאכט, אז די ערד וואקעלט זיך אונטער זיינע פיס, ווי פאר איהם וואָלט א גרויסער בוים איינגעפאלען. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענד און איז געפאלען אין חלשות.

אין אן אפּטהעק, וואוהין א פּאָר פארביינגעהער האָבען איהם אריינגעטראָגען, איז ער צו־זיך געקומען. ער האָט געבעטען מען זאָל איהם ברענגען צו זיך אהיים און האָט זיך דאָרט איינגעשלאָסען.

ער האָט פערצווייפעלט געוויינט ביז די נאכט איז אָנגעפאלען און געביסען זיין טאשענטוך, אום ניט צו שרייען. דאן האָט ער זיך געלעגט אין בעט א פערמאַטערטער פון מיעדקייט און קומער און איז אריינגעפאלען אין א טיעפען שלאָף.

א שטראהל פון דער זון האָט איהם אויפגעוועקט. ער האָט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען אום אין מיניסטעריום צו געהן. עס איז איהם אָנגעקומען שווער נאָך אזעלכע אונגעריכטע פאסירונגען צו ארבייטען. ער האָט געטראכט, אז ער קען זיך ענטשולדיגען ביי זיין שעף און האָט צו איהם אָנגעשריעבען עטליכע ווערטער. דאן איז איהם איינגעפאלען, אז ער מוז געהן צום יובעליר און ער איז געוואָ־רען רויט פאר שאנדע. א לאנגע צייט האָט ער נאָכגעטראכט. ער האָט דאָך ניט געקאָנט איבערלאָזען דאָס האלזבאנד ביי דעם מאן דאָרט. ער האָט זיך אָנגעטהאָן און איז אוועק.

— איך האָב עס פערקויפט פאר פינף־און־צוואנציג טויזענד פראנק. ווען איהר קענט מיר אָנגעבען, ווי אזוי עס איז צו אייך געקומען, איך מוז, פערשטעהט איהר מיך, אָבהיטען די געזעץ פאָר־שריפטען — דאַן בין איך בערייט, עס צוריקצונעהמען פאר אכט־צעהן טויזענד פראנק.

הערר לאַנטין האָט זיך אוועקגעזעצט געלעהמט פאר ערשטוי־נען. ער האָט ווידער אָנגעהויבען:

— איך בעט אייך, קוקט עס נאָך אמאָהל אויפמערקזאם אָן, ווייל איך האָב ביז אהער געדענקט, אז דאָס איז ניט עכט.

דער יובעליר האָט געענטפערט:

— ווילט איהר זיין אזוי גוט און מיר אָנגעבען אייער נאָמען?

— זעהר גערן, איך הייס לאַנטין און בין א בעאמטער אין מי־ניסטעריום דעם אינערען. איך וואָהן אין רו דעם מארטירערס נומער 16.

דער קויפמאן האָט געעפענט די ביכער, האָט א ווייל'ע אין זיי געבלעטערט און דאַן געזאָגט:

— יאָ, עס שטימט, דאָס דאָזיגע האלזבאנד איז צו פרוי לאַנ־טין, רו דעם מארטירערס נומער 16 דעם 20טען יולי 1876 געשיקט געווארען.

און דיביידע מענער האָבען איינער דעם אנדערען אָנגעקוקט, דער בעאמטער אין גאנצען א דערשלאָגענער פון איבערראשונג, דער יובעליר מיינענדיג, אז ער האָט פאר זיך א גנב.

יענער האָט ווידער אָנגעהויבען:

— ווילט איהר דאָס דאָזיגע שטיק ציערונג איבערלאָזען ביי מיר אויף פיער־און־צוואנציג שטונדען? איך וועל אייך ארויסגעבען א צעטעל אויף דעם.

הערר לאַנטין האָט געשטאמעלט:

— געוויס, זעהר גערן.

און ער איז אוועק מיט דעם פאפיר אין האנד, האָט עס צו־זאמענגעלעגט און אין קעשענע בעהאלטען.

דאַן האָט ער גענומען לויפען פון גאס, האָט זיך צוריק אומגע־

פון צוועלף ביז פופצעהן טויזענד פראנק. אָבער איך קען עס נישט קויפען סיידען איהר וועט מיר געבען אָנגעבען פון וואנען דאָס קומט צו אייך.

דער אלמן האָט ברייט אויפגעריסען די אויגען און איז גע־בליעבען שטעהן מיט אַן אפענעם מויל, ווי ער וואָלט ניט פער־שטאנען, וואס מען רעדט צו איהם. צום סוף האָט ער ארויסגע־שטאמעלט?

— וואָס זאָגט איהר? זייט איהר אין דעם זיכער?

דער אנדערער האָט פערגעסען זיין פערוואונדערונג און גע־ענטפערט מיט א טרוקענעם טאָן:

— איהר קענט זיך נאָכפרעגען ערגעץ אנדערש וואו, אויב מען וועט אייך געבען מעהר. ווען איהר וועט אין ערגעץ ניט קריעגען מעהר וועט איהר קומען צוריק.

הערר לאַנטין האָט געפיהלט, ווי מען וואָלט איהם דעם קאָפּ צוזעצט, ער האָט גענומען זיין האלזבאנד און איז אוועק, ווייל ער האָט געהאט עפּעס אַן אונבעשטימטען פערלאנג צו בלייבען אליין און נאָכצודענקען.

אָבער אזוי גיך ווי ער איז אויף דער גאס ארויס, איז אויף איהם אָנגעפאלען אַ ווילדע לוסט צו לאכען און ער האָט ביי זיך גע־טראכט:

— אוי, וואס פאר אַן אָקס! אוי, אביסעל אַן אָקס! שעהן וואָלט עס געווען, ווען איך וואָלט איהם גלייך ביים וואָרט גענו־מען! דאָס איז אַ פיינער יובעליר, קען אפילו ניט אונטערשיידען פון עכטע ביז נאָכגעמאכטע שטיינדלאך!

און ער איז אריין צו אַן אַנדער סוחר אין ראָג פון דער רו־דע לאַ פּער. אזוי גיך ווי דער אייגענטהימער פון געשעפט האָט דערזעהן דאָס האלזבאנד, האָט ער אויסגערופען:

— ניין, וואס זאָגט איהר נישט דערצו! דעם האלזבאנד קען איך דאָך, דאָס שטאמט פון מיין געשעפט.

הערר לאַנטין האָט געפרעגט זעהר אויפגערעגט:

— וואס איז ער ווערטה?

א געדאַנק זיין פרוי'ס „בעהאנג" צו פערשאַכערען. ווייל אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה האָט ער געטראַנגען אַ האַס צו די פאַלשע אויגען „פערבלענדער", און זייער בלויזער אָנבליק האָט יעדען טאָג איהם דאָס אנדענקען אָן זיין געליעבטער פרוי פערביטערט.

אַ לאַנגע צייט האָט ער זיך געראַיעט אין דעם הויפען ציערונג, וואָס זיין ווייב האָט איבערגעלאָזט, ווייל זי האָט ביז צו איהר לעצטען טאָג נאָך געהאלטען אין איין קויפען נייע שמוקזאַכען און האָט כמעט יעדען אבענד א נייעם געגענשטאַנד מיטגעבראַכט. צום סוף האָט ער אויסגעקליבען דעם גרויסען האלזבאַנד, וואָס זי האָט אַם ליעבסטען געהאַט, און וועלכער, ווי ער האָט געדענקט, איז ווערטה אַ זעקס־אַכט פראַנק, ווייל פאַר אַ נאָכגעמאַכטע זאַך איז עס ווירקליך זעהר שעהן געאַרבייט געוואָרען.

ער האָט עס אריינגעלעגט אין קעשענע און איז אוועק איבער די בולוואַרען זוכענדיג אַ יובעליר געשעפט, וואו ער זאָל קענען ריזיקירען, עס פאַרצושלאָגען.

צום סוף האָט ער געפונען, וואָס ער האָט געזוכט און איז אריין אינעווענינג עטוואָס פערשעהמט, ארויסצואווייזען זיין נויט פאַר מענשען, מיט דעם וואָס ער וויל פערקויפען אַזאַ ווערטהלאָזע זאַך. ער האָט געזאָגט צום יובעליר:

— איך וואָלט גערן וועלען וויסען, וויפיעל דאָס קען ווערטה זיין?

דער מאַן האָט גענומען דעם האלזבאַנד, האָט עס בעטראַכט, געדרעהט עס אהער און אהין, געוואוינגען עס אויפ'ן האַנד, צוגערופען אַ יונגען מאַן און גערעדט צו איהם אין דער שטיל. דאַן האָט ער אוועקגעלעגט דעם האלזבאַנד אויף דעם קאַנטאָר און עס פון ווייטען בעטראַכט, אום אַ בעסערען איינדרוק צו קריגען.

הערר לאַנטין, וועמען עס איז אונאַנגענעהם געווען די גאַנצע געשיכטע, האָט בעמערקט:

— אָה, איך ווייס וואויל, אַז עס איז ניט פיעל ווערטה!

אָבער דער יובעליר האָט געענטפערט:

— אַלץ וואָס איך קען אייך זאָגען איז, אַז דאָס איז ווערטה

זי געהוסט און אין אכט טאָג ארום איז זי געשטאָרבען פון א לונ־
גענענטצינדונג.

לאנטין האָט איהר געוואָלט נאָכשפרינגען אין גרוב אריין. ער איז געווען אזוי־פערצווייפעלט, אז זיינע האָר זיינען אין איין מאָנאט ווייס געוואָרען. ער האָט געוויינט פון אין דער פריה ביז ביינאכט, דאָס הארץ פון אונטערגעדריקטע צוריסען; אהן אויפהער וועהטאָג צוריסען; אהן אויפהער געפלאָנט פון דער עראינערונג אָן איהר, און איהר שמייכעל, איהר שטימע, דעם גאנצען צויבער פון דער געליעבטער טויטער.

די צייט האָט זיין שמערץ ניט געלינדערט. אָפט, בעת דער ארבייט, ווען די קאָלעגען זיינען געלאָפען אהין און אהער, אום צו פלוידערן א ווײַלע וועגען די נייעס פון טאָג, פלעגט זיך זיין פנים פלוצים פערציהען, די נאָזלעכער נעהמען ציטערען און טרעהרען האָבען זיך אין זיינע אויגען בעוויזען. ער האָט דאָס פנים פער־קרימט און גענומען שלוכצען.

דאָס צימער פון זיין פרוי האָט ער געלאָזען פונקט אזוי, ווי ער איז פריהער געווען, און דאָרט האָט ער זיך יעדען טאָג איינ־געשלאָסען, אום וועגען איהר צו טראכטען. אלע מעבעל, אפילו אלע איהרע קליידער, זיינען געבליעבען אויף דעם פּלאַץ, אויף וועלכען זיי זיינען אין דעם לעצטען טאָג פון איהר לעבען געוועזען.

אָבער דאָס לעבען איז איהם פערביטערט געוואָרען. זיין גע־האַלט, וועלכער האָט אין זיין פרוי׳ס הענד געסטאַיעט אויף אלע אויסגאבען, איז איצט פלוצים פאַר איהם אליין ווייניג געוואָרען. און ער האָט זיך גאַנץ ערשטוינט געפרעגט, ווי איז דאָס פאַר איהר מעגליך געווען, איהם יעדען טאָג גוטען וויין צו דערלאַנגען, און די געקליעבענע טהייערע שפּייזען, פון וועלכע ער האָט זיך ביי זיינע קליינע פערדיענסטען געמוזט אָבזאָגען.

ער האָט אָנגעמאכט חובות און געזוכט צו קריעגען געלד אויף דעם געוועהנליכען וועג פון פעראַרעמטע מענשען.

איין מאָל א אין דער פריה, ווען ער האָט נאָך א גאַנצע וואָך פאַר׳ן ענדע מאָנאַט ניט געהאַט קיין סו אין קעשענע, האָט ער גע־נומען טראכטען וועגען עפּעס צו פערזעצען. גלייך איז איהם אריין

— ליעבעס קינד, ווען מען איז נים אימשטאַנד זיך אמת'ע ציערונג צו קויפען, דאַן ציינט מען זיך נור בעציערט פון דער איי־גענער שעהנהייט און דעם נאַטירליכען חן. דאַס איז אימער די שעהנסטע ציערונג!

אָבער זי האָט בלויז זיס געשמייכעלט און געענטפערט:

— אַך, לאָז מיך צורוה, וואס זאָל איך טהאָן, איך האָב עס פאַרט ליעב, דאַס איז מיין פעהלער. איך ווייס, אז דו ביזט גע־רעכט, אָבער איך קען זיך נישט איבערמאַכען. אָה, ווי איך וואָלט וועלען האָבען בריליאַנטען!

און זי האָט אַ פיהר געטהאָן מיט די פינגער איבער דעם האלז־באַנד און מיט די געשליפענע קריסטאָל אנטקעגען ליכט געשפיעלט, בעת זי האָט געזאָגט:

— זעה אָקאָרשט, ווי שעהן דאָס איז געמאַכט! דאָס מוז דאָך יעדערער האַלטען פאַר עכטע.

ער האָט אַ שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

— דו האָסט אביסעל דעם געשמאַק פון אַ ציגיינער.

ווען זיי זיינען אין אָבענד צוזאַמען ביים קאַמין געזעסען, דאַן פלעגט זי מאַנכעס מאָל אויפ'ן טיש, אויף וועלכען זיי האָבען טהעע געטרונקען, איהר סאַפיאַן קעסטעלע ארויפשטעלען, אין וועלכען זי האָט איהר „בעהאַנג", ווי הערר לאַטין פלעגט עס רופען, פערבאָר־גען געהאַלטען. און זי האָט בעטראַכט די פאַלשע שטיינער מיט ליידענשאַפטליכער אויפמערקזאַמקייט, ווי זי וואָלט דערביי אַ געהיי־מען, טיעפען גליק געפיהלט. און טראָץ זיין וועהרען זיך, פלעגט זי איהם אָנהייננען אַ האַלזבאַנד אויפ'ן האַלז, אום דאַן פון גאַנצען הארצען זיך אויסצולאַכען און זאָגען:

— אַך, ווי קאָמיש דו זעהסט אויס!

דאַן פלעגט זי זיך אַ וואָרף טהאָן צו איהם אויף דער ברוסט און פלעגט איהם ליידענשאַפטליך קושען.

איין מאָל ווינטער ביי נאַכט איז זי געקומען שפעט אהיים פון דער אָפּערא, שוידערנדיג פאַר קעלט. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט

געשיקט, אז עס האָט געמאכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען געווען רייך. פאר איהר מאן האָט זי שטענדיג געהאַט אלע אויפמערקזאמקייטען, אלע צערטליכקייטען, אלע שמייכלערייען, וועלכע מען קען זיך נאָר דענקען, און זי איז גאנצען איז געווען אזוי פול חן, אז ער האָט זי אין זעקס יאָהר נאָך דער חתונה נאָך מעהר ליעב געהאַט ווי אין אָנהויב.

ער האָט נור צוויי זאכען געהאַט געגען איהר אויסצוזעצען: איהר ליעבע צום טעאַטער און צו פאַלשע ציערונג.

איהרע פריינדינען (זי האָט געקאָנט א פּאָר איינפאַכע פרויען פון בעאמטע) האָבען איהר שטענדיג פערשאפט בילעטען פאר אן ערפאָלג־שטיק, זאגאר פאר ערשטע פארשטעלונגען. און זי האָט געשלעפּט איהר מאן, צי ער האָט געוואָלט צי ניט, צו די דאָזיגע פערגעניגענס מיט זיך, הגם זיי האָבען איהם נאָך זיין שווערען ארבייטס טאָג מיעד געמאכט. און דאַן האָט ער געבעטען זיין פרוי, זי זאָל געהן אין טעאַטער מיט א בעקאַנטער, וועלכע זאָל זי דערנאָך ברענגען אהיים. א לאַנגע צייט האָט זי עס נישט געוואָלט טהאָן, זי האָט געדענקט, אז עס פּאַסט נישט צו געהן אָהן דעם מאַן. אָבער צום סוף האָט זי איהם נאָכגעגעבען און ער איז איהר געווען אָהן א ברעג דאַנקבאַר דערפאַר.

דאָס פערגניגען, וואס זי האָט געהאַט פונ׳ם געהן אין טהעאַטער, האָט אין איהר אין גיכען ערוועקט דאָס בעדירפעניש, זיך שעהן אָנצוטהאָן. איהרע קליידער זיינען אָבער געבליבען גאַנץ איינפאַכע, הגם זעהר געשמאַקפאָל, אָבער בעשיידען. און איהר זיסער חן, די אונווידערשטעהליכע ליעבליכקייט פון איהר בעשיידענהייט, דער צויבער פון איהר שמייכעל איז פון דער איינפאכקייט פון אי׳הרע קליידער נאָך ווי פערשטאַרקט געוואָרען. אָבער זי האָט זיך איינגעוואָהנט, צוויי גרויסע שטיינער, וועלכע האָבען אויסגעזעהן ווי דיאַמאַנטען, זיך אין די אויערען אָנצוהייגנען, און האָט געטראָגען פאַלשע פערל, בראַסלעטען און קאַמען, בעזעצט מיט בליסטשענדע גלעזלאַך, וואס האָבען אויסגעזעהן ווי בריליאַנטען.

דער דאָזיגער געשמאַק פאר פאַלשע ציערונג האָט פערדראָסען איהר מאַן, און ער האָט אָפט צו איהר געזאָגט:

ציערונג.

הערר לאנטין האָט בענענענט דאָס יונגע מיידעל אויף אן אבענד געזעלשאפט ביי זיין פארגעזעצטען, און די ליעבע האָט איהם ווי מיט א נעץ פערשטריקט. זי איז געוועזן די טאָכטער פון א שטייערן־קאָ־לעקטאָר אוים דער פּראָווינץ, וועלכער איז שוין זייט עטליכע יאָהר געשטארבען. נאָך זיין טויט איז זי מיט דער מוטער קיין פּאריז אוועק. די מוטער האָט אין איהר אומגעגענד געמאַכט א בעזוך אין עטליכע גוטע, בירגערליכע פאמי־ליעס, אין דער האָפנונג, דאָס יונגע מיידעל צו פערהייראטען. זיי זיינען געוועזן אָרעם, אנשטענדיג, רוהיג און זאנפט. דאָס יונגע מיי־דעל האָט געשיינט צו זיין דער טיפּ פון א גוטער הויז־פרוי, וועל־מען אן אנשטענדיגער יונגער מאן האָט רוהיג געקאָנט זיין לעבענס־גליק אנפערטרויען. איבער איהר שעהנהייט איז געלעגען א צווי־בער פון בעשיידענהייט און אמת הימלישער ריינקייט. אויף איהר מויל האָט אימער געשפּיעלט א ליעב שמייכעלע ווי דער אָבגלאַנץ פון איהר הארצען.

די גאַנצע וועלט האָט איהר געזונגען לויב געזאנגען און אַלע, וואס האָבען זי געקענט, האָבען ניט אויפגעהערט צו ווידערהאָלען: „ווער עס וועט האָבען דאָס גליק זי צו קריעגען, קען בעשטימט זאָ־גען, קיין בעסערע איז אויף דער וועלט נישטאָ.“

הערר לאנטין איז דאַן געוועזן אָבערבעאמטער אין מיניסטעריום מיט א געהאלט פון 3500 פראנק א יאהר. ער האָט זיך איהר ער־קלעהרט אין ליעבע און זי געהייראט.

ער איז מיט איהר געוועזן גליקליך. זי האָט גע־פיהרט איהר בעל הבית'ישקייט מיט אזא שפּארזאמקייט און אזוי

דאַן האָט ער מיך גענומען פאַר א האנד און מיך אריינגעפיהרט אינעווייניג.

איצט האָב איך דערזעהען א ריעזיגען שילד, וועלכען ער האָט געוואָלט אויפהענגען פאַר דער טהיר, אזוי שנעל ווי מיר וועלען אוועקמארשירען, ווייל ער האָט זיך פאָרט אביסעל געשעהמט פאַר אונז. און אויף דעם שילד האָב איך איבערגעלעזען פאָלגענדעס:

מיליטערישער רעסטאָראַן פון הערר טימבוקטו.
קאָך־שעף פון זיין מייעסטעט דעם קייזער.
פּאַריזער קיך — מעסיגע פרייזען.

טראָץ דער פערצווייפלונג, וועלכע איך האָב אין מיין הארצען געטראָגען, האָב איך דאָך געמוזט לאַכען און איך האָב איבערגעלאָזען מיין נעגער ביי זיין נייעם בערוף. איז דען ניט אזוי געווען בעסער, ווי איהם אין געפאַנגענשאַפט מיט זיך צו שלעפען?

איהר האָט נור וואָס געזעהן, אז עס האָט איהם אָבגעגליקט, דעם קערל. היינט געהערט בעצירעם צו דייטשלאנד, אָבער טימבוקטו'ס רעסטאָראַן איז דער ערשטער שריט צו רעוואַנש.

— ניין, הערר לייטענאנט, פאר דיר, איך ניט דארף, איך היים, היים!

און ער האט אויף מיר געקוקט מיט געבעט. איך האב גע־ענטפערט:

— פאלג דיין עלטסטען, בעהאלט דיין מאנטעל, איך בעפעהל עס דיר!

דאן איז דער נעגער אויפגעשטאנען, האט ארויסגעצויגען זיין שווערד, וועלכען ער האט געקענט מאכען שארף, ווי א קאסע, און נעהמענדיג דעם מאנטעל מיט דער צווייטער האנד האט ער אויס־גערופען:

— דו נישט טראגען מאנטעל, איך צושניידען מאנטעל!

און ער וואלט עס טאקע געטהאן אויף אן אמת, ווען איך וואלט ניט נאכגעגעבען.

* * *

אין אכט טאג ארום האבען מיר זיך אונטערגעגעבען. א פאאר פון אונז האבען געקענט אנטלויפען, די איבעריגע האבען געמאר־שירט פון דער שטאדט אלס געפאנגענע פון די זיעגער.

איך בין אוועק צום פערזאמלונגס־פלאץ, ערשט איך זעה דארט א ריעזיגען נעגער אין ווייסען לייוועגט געקליידעט מיט א שטרוי־הענעם הוט אויפ'ן קאפ. דאס איז געווען טימבוקטו.

ער האט געשיינט צו זיין זעהר גליקליך און איז ארומגעלא־פען מיט די הענד אין די קעשענעס פאר א קליינערביידעל הין און צוריק, אויף וועלכער אלס א שילד זיינען געהאנגען צוויי טע־לער און צוויי גאפלען. א פארוואונדערטער האב איך איהם גע־פרעגט:

— וואס טהוסטו דא?

ער האט געענטפערט:

— איך ניט געה אוועק, איך גוט קאכען, האב אין אלזשיער געמאכט עסען פאר אבערסט, איך עסען געבען פרייסען, א סך גע־גנב'עט, א סך, א סך!

עס איז געווען צעהן גראד קעלט; איך האב זיך געטרייסעלט ביים אנבליק פון'ם נעגער אין זיין ווייסען לייוועגטענעם אנצוג.

און פעט, קרעפטיג און אימער בערייט צו קעמפפען. טימבוקטו איז זאַגאַר געוואָרען שטאַרק בעליבט. אין א געוויסען טאָג רופט ער זיך אָב צו מיר:

— דו הונגעריג, איך גוטע פלייש!

און ניט לאַנג וואַרטענדיג האָט ער מיר געבראַכט אַן אויסגעצייכענטע שטיק פלייש; אָבער פון וואַנען? מיר האָבען ניט געהאַט מעהר קיין אָקסען, קיין שאָף, קיין ציעגען, קיין עזלען, קיין חזרים; עס איז אפילו געווען אונמעגליך זיך צו פערשאַפען א פערד.

נאָך דעם ווי איך האָב מיין בראַטען אויפגעגעסען, האָב איך וועגען דעם אַלעמען געגומען נאָכדענקען. און פלוצים איז מיר אויפ׳ן זינען אַרויף א שרעקליכער געדאַנק: די דאָזיגע נעגערס זיינען געבאָרען געוואָרען ניט ווייט פון דעם לאַנד, וואו מען עסט מענשען־פלייש! און טאָג טעגליך זיינען אַזוי פיעל סאָלדאַטען געפאַלען אין די פערשיעדענע שלאַכטען אַרום דער שטאָדט.

איך האָב געפרעגט ביי טימבוקטו, אָבער ער האָט מיר ניט געוואָלט ענטפערען. איך האָב איהם מעהר גישט געפרעגט, אָבער פון דאַן אָן האָב איך מעהר גאָרנישט געגומען ביי איהם צו עסען.

ער האָט מיך זעהר ליעב געהאַט. איין נאַכט, ווען מיר זיינען געווען אין פעלד אויף וואַך, האָט אויסגעבראָכען א גרויסער שנעע שטורעם. מיר זיינען געזעסען אויף דר׳ערד. מיט מיטלייד האָב איך בעטראַכט די אָרימע נעגערס, וועלכע האָבען אונטער דעם דאָזיגען ווייסען, ווייכען שטויב געציטערט. אַזוי ווי מיך האָט שטאַרק געפראָרען, האָב איך געגומען הוסטען. דאָ האָב איך דערפיהלט אַרום די אַקסלען עטוואָס ווי א גרויסע, ווייכע דעקע. עס איז געווען טימבוקטו׳ס מאַנטעל, וועלכען ער האָט מיר אויף די אַקסלען אַרויפגעוואָרפען.

איך בין אויפגעשטאַנען און איהם צוריק אָבגעגעבען זיין ראָק.

— בעהאַלט עס פאַר זיך, מיין יונג, דו דאַרפסט עס נויטיגער ווי איך!

ער האָט געענטפערט

טימבוקטו, דאַרפט איהר וויסען, האָט געפיהרט קריעג ניט צוליעב כבוד וועגען, נור צוליעב דעם געווינס. אַלעס וואָס ער האָט געפונען און וואָס האָט אין זיינע אויגען געשיינט צו האָבען ועלכען ניט איז ווערט, איבערהויפּט אַלעס וואָס האָט געבליסטשעט, האָט ער אריינגעשטעקט צו זיך אין קעשענע.

און אַזוי האָט ער אָבגעטרענט דאָס גאָלד פון די פּרייסישע יוניפאָרמען, די עפּאָלעטען, די קוקארדעס אויף די היטלען, די קנעפּ און דערמיט אָנגעשטאָפּט זיינע קעשענעס אַזוי פול, דאָס זיי האָבען שיער ניט געפּלאַצט. יעדען טאָג האָט ער זיך זיינע קעשענעס אָנגעפילט. יעדער בליסטשענדיגער געגענשטאַנד וואָס איז איהם אונטער די אויגען געקומען, אַ גאָלדשטיק אָדער אַזוי אַ שטיק מעטאַל, איז פאַר איהם געווען אַ סחורה. מאַנכעס מאָל האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ פּשוט'ער משוגענער.

דאָס האָט ער אַלעס אין זינען געהאַט שפּעטער מיטצונעהמען אין דאָס לאַנד פון די שטראַאוסען, און וואָס וואָלט ער געקענט אָנהויבען צו טהאָן אָהן די קעשענעס? אָבער יעדען פריהמאָרגען זיינען זיינע קעשענעס געווען ליידיג; ער האָט אַלזאָ געמוזט האָבען אַ הויפּט מאַגאַזין, וואו ער האָט אַלע זיינע רייכטהימער אָנגעזאַמעלט, אָבער וואו, האָב איך ניט געקענט דערגעהן.

דער גענעראַל, וועמען מען האָט געמעלדעט וועגען טימבוקטו'ס טהאַט, האָט גלייך געלאָזען בעערדיגען די קערפּערס פון די געקעפּטע פּרייסען, וועלכע זיינען געלעגען ניט ווייט פון דאָרף, כדי מען זאָל ניט בעמערקען, אַז מען האָט זיי די קעפּ אָבגעהאַקט. אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען זיך די פּרייסען אומגעקעהרט צוריק. דער פאָרשטאַנד אין זיעדען פון די אָנגעזעהענסטע איינוואוינער זיינען גלייך דערשאָסען געוואָרען אַלס שטראָף דערפאַר, ווייל עס האָט געהייסען, דאָס זיי האָבען פערראַטען די דייטשען און זיי איבערגעגעבען אין אונזערע הענד.

* * *

דער ווינטער איז אָנגעקומען, מיר זיינען געווען זעהר פערצווייפעלט; טעגליך זיינען פאַרגעקומען געפעכטען. נור די אַכט טורקאָס (איינער איז געטויטעט געוואָרען) זיינען געבליבען ריק

פון קאַפּ אַרויס. טימבוקטו׳ס ליידענשאַפט פאַר דעם וויינבאַרג האָט איבערשטיגן אַלעם וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. ער האָט כמעט איננאַנצען דאָרט געלעבט.

* * *

אין אַ געוויסען אָבענד האָט מען מיך גערופען. אויפ׳ן פּלאַ־כען וועג האָט מען געזעהען עטוואָס, וואָס האָט זיך דערנעהנטערט צו אונז. איך האָב מיט מיר ניט געהאַט מיין פעלד־שפּאַקטיוו און האָב גאָרנישט געקענט אונטערשיידען. עס איז געווען ווי אַ גרויסע שלאַנג, וועלכע האָט זיך געקייקעלט צו אונז צו.

איך האָב געשיקט אַ פּאָאַר מענשען אַנטקעגען דעם מערק־ווירדיגען קאַראַוואַן, וועלכער איז באַלד אָנגעקומען אין טריאומף. טימבוקטו און זיינע ניין בעגלייטער האָבען געטראָגען אויף אַזאַ מין אַלטאַר פון פעלד־שטוהלען געמאַכט, אַכט אָבגעשניטענע, בלוטיגע, אויסגעשעצירטע קעפּ; דער צעהנטער טורקאָ האָט געהאַלטען אַ פּערד פּאַר׳ן עק, אָן וועלכען נאָך איינער איז געווען אָנגע־בונדען און נאָך זעקס אַנדערע האָבען געפּאָלגט אויף דעם זעלבען אופן.

איך האָב זיך דערוואוסט פאָלגענדעס: ווען די אַפריקאַנער זיינען ווידער אין וויינבאַרג געגאַנגען, האָבען זיי פּלוצים דערזעהן אַ פּרייסישע אַבטהיילונג מיליטער, וועלכע זיינען צוגעקומען צום דאָרף. אַנשטאָט צו אַנטלויפען, האָבען זיי זיך בעהאַלטען און דאַן, ווען די אָפיציערען זיינען אריין אין שענק עפּעס איבערצו־כאַפּען, האָבען זיך די עלף יונגען אויף זיי אַרויפגעוואָרפען און זיי בעפאַלען.

די אולאַנער, וועלכע האָבען געמיינט, אַז זיי האָבען דאָ צו טהאָן מיט אַ גרויסער מחנה, זיינען אַנטלאָפען; די אַפריקאַנער האָבען געטוידטעט צוויי פּאָסטען, דעם אָבערסט און פינף אָפיציע־רען פון זיין שטאַב.

אין יענעם טאָג האָב איך אַרומגענומען טימבוקטו. אָבער איך האָב בעמערקט, אַז ער קען זיך קוים שלעפּען. איך האָב געמיינט, אַז ער איז פערוואונדעט, אָבער ער האָט זיך צולאַכט און געזאָגט:

— איך ניט אומזיסט קעמפף!

האָב פון'ם גענעראַל די ערלויבנים געקריגען. פון דריי פערשיע־דענע טויערען האָב איך דריי קליינע טרופען אַרויסגעשיקט, וועל־כע האָבען זיך געזאָלט טרעפען ניט ווייט פון דעם פעררעכטיגען בוים און איהם אַרומרינגלען פון אַלע זייטען. כדי אָבצושניידען דעם שפּיאָן דעם וועג אויף צוריק, האָט איינע פון די טרופען גע־מוזט מאַרשירען אַ שטונדע צייט. אַ מאַן, וועלכען איך האָב אי־בערגעלאָזען אויף דער פעסטונג אַלס בעאָבאַכטער, האָט מיר גע־געבען צייכענס, אויב דער מענש האָט שוין דעם וויין־באַרג פער־לאָזען אָדער ניט.

מיר זיינען געגאַנגען שטיל, ניט רעדענדיג קיין וואָרט, האָ־בען געקלעטערט, געקראָכען אויף אַלע פיער, גערוטשט אויפ'ן בויך, צום סוף זיינען מיר אָנגעקומען צו דעם בעצייכענטען פּונקט. פּלוצים גיב איך מיינע סאָלדאַטען אַ צייכען, זיי וואַרפען זיך אריין אין דעם וויינבאַרג און געפינען טימבוקטו, וועלכער קריכט אויף אַלע פיער צווישען די סטוואָלעס און עסט ווייגטרויבען, אָדער בע־סער געזאָגט, ער פערשלינגט זיי ווי אַ הונד מיט אַ פולען מויל פון וויינשטאָק אַרונטער. איינע נאָך דער אַנדערער רייסט ער די טרוי־בען מיט זיינע צייהן אַרונטער.

איך האָב איהם געוואָלט לאָזען אויפשטעהן, עס איז ניט גע־גאַנגען. דאַן האָב איך פערשטאַנען, פאַרוואָס ער רוטשט אויף די הענד און די קניע. אַזוי שנעל ווי מען האָט איהם אויף די פיס געשטעלט, האָט ער זיך גענומען שאָקלען, האָט אויסגעשטרעקט די הענד און האָט זיך אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג. ער איז געווען אַזוי שיכור, אַז איך האָב נאָך אַזוינס קיינמאָל ניט גע־זעהן.

מיר האָבען איהם אַוועקגעשלעפּט אין שטאָדט. דעם גאַנצען וועג האָט ער געלאַכט און געשלאָגען אַרום זיך מיט די הענד און די פיס. דאָס אַלזאָ איז געווען דער גאַנצער וואונדער: די חברה־לייט האָבען זיך אָנגעשיכור'ט פון וויינשטאָק אליין; און ווען זיי זיינען דערנאָך געוואָרען אַזוי שיכור, דאָס זיי האָבען זיך מעהר ניט געקענט ריהרען, זיינען זיי איינגעשלאָפען דאָרט, וואו זיי האָבען זיך געפונען און געשלאָפען אַזוי לאַנג, ביז דער רויש איז זיי

וואָס איהר האָט נור וואָס געזעהען, פּאָלגען זיי בלינדערהייד. ער האָט זיי פּאָלקאָם בעהערשט; ער האָט זיי געפיהרט אויף זייערע געהיימע אונטערנעהמונגען.

איך האָב איהם געלאָזט רופען און אויסגעפרעגט. דריי שטונדען נאָכאנאנד האָט געדויערט אונזער אונטעררעדונג, אזוי שווער איז געווען צו פערשטעהען זיין משונה'דיגען לשון. דער אָרימער טייפעל האָט פּרובירט אויף אַלע מעגליכע וועגען זיך צו מאכען פערשטענדליך, האָט אויסגעטראכט ווערטער, געמאכט מיט די הענד, האָט געשוויצט פון אנשטרענגונג, זיך געווישט דעם שטערן, געשוויגען א ווייַלע און ווידער גענומען רעדען, ווען עס האָט זיך איהם געדאכט, אז ער האָט געפונען א נייעם מיטעל ווי זיך פערשטענדליך צו מאכען.

איך האָב זיך אָנגעשטויסען, אז ער מוז זיין דער זוהן פון עפּעס א גרויסען הויפּטלינג, א מין סאָרט קעניג ניט ווייט פון טימבוקטו. איך האָב געפרעגט זיין נאָמען, ער האָט געענטפערט עפּעס אזוינס, וואָס איז אונמעגליך געווען נאָכצוזאָגען.

איך האָב בעשלאָסען, אז דאָס בעסטע וועט זיין איהם צו רופען נאָך זיין לאַנד טימבוקטו, און אין אכט טאָג ארום האָט איהם דער גאנצער גאַרניזאָן גערופען מיט דיזען נאָמען.

אָבער מיר זיינען געשטאָרבען פאר נייגעררע צו דערגעהן, ווי אזוי און וואו דער אפריקאַנישער פּרינץ מיט זיינע לייטע שיכור'ן זיך אָן און מיר האָבען דאָס ענטדעקט אויף א גאנץ זעלטזאמען אופן.

איין מאָל א, פרי'המאָרגען בין איך געשטאַנען אויף דער פּעסטונגס-וואַנט און האָב געקוקט אין דער ווייטקייט ארוים. פּלוצים האָב איך דערזעהען אין א וויינבארג עטוואָס, וואָס האָט זיך בעוועגט. עס איז געווען אין דער צייט, ווען מען נעהמט די טרויבען פון די בוימער ארונטער. די וויינטרויבען זיינען געווען רייף, אָבער דאָס איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלען. איך האָב געדענקט, אז א שפּיאָן קומט דאָ אָן אין שטאָדט אריין און איך האָב גלייך צוזאמענגעשטעלט א פּאַטרול, אום דעם יונג צו כאַפּען.

איך האָב אליין איבערגענומען די פיהרונג נאָך דעם ווי איך

דער מאיאָר האָט געענטפערט:

— ער איז אַ בראַווער יונג און אַ גוטער סאָלדאַט. איך וועל איך דערצעהלען, וואָס איך ווייס פון איהם. עס איז זעהר קאָמיש.

* * *

איהר ווייסט, אַז אין אָנהויב פון׳ם קריעג אין די זיבעציגער יאָהרען בין איך איינגעשלאָסען געוואָרען אין בעצירעס, וואָס דער נעגער רופט אָן בעצי. מיר זיינען אייגענטליך ניט געווען בעלאַגערט, נור בלאָקירט. די פּרייסישע מיליטער האָבען אונז אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען; זיי האָבען אויף אונז ניט געשאָסען, אָבער זיי האָבען אונז ביסלעכווייז אויסגעהונגערט.

איך בין דעמאָלט געווען אַ לייטענאַנט. אונזער גאַרניזאָן איז בעשטאַנען פון די פערשיעדענסטע סאָרטען טרופּען, איבערבלייבאכצען פון פערניכטעטע רעגימענטען, אַנטלאָפענע, מאַראָדיערען פון פערשיעדענע אַרמעע קאָרפּוסען, אַלעס איז דאָ געווען, און איין אָבענד זיינען אפילו אָנגעקומען עלף טורקאָס; קיין מענש האָט ניט געוואוסט פון וואַנען זיי האָבען זיך גענומען.

זיי האָבען זיך בעוויזען ביים שטאָדט טויער, זעהר אויסגעצעהרט, אַרומגעריסען און שיכור. מען האָט זיי איבערגעגעבען אין מיינע הענד. איך האָב גלייך דערזעהען, אַז מען קען זיי ניט אונטערוואַרפען אונטער קיין דיסציפּלין, אַז זיי טרייבען זיך שטענדיג ערגעץ אַרום און זיינען שיכור. איך האָב פּרובירט זיי צו האַלטען אונטער אַרעסט, זאָגאַר אין געפענגנים, עס האָט גאָרנישט געהאָלפען; די חברה־לייט זיינען פערשוואונדען געוואָרען אויף גאַנצע טעג, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען אין דר׳ערד אַריין; דאַן פלעגען זיי צוריק קומען טויט שיכור. זיי האָבען ניט געהאַט קיין געלד. וואו האָבען זיי זיך געקענט אָנ׳שיכור׳ען? ווי אַזוי און פון וואָס?

דאָס האָט מיך באַלד זעהר נייגעריג געמאַכט און אין אַלגעמיין האָבען די דאָזיגע ווילדע ברואים מיט זייער אויביגען געלעכטער, מיט זייער מאָדנעם אַרט לעבען פון גרויסע, זאָרגלאָזע קינדער, מיך פעראינטערעסירט.

דאַן האָב איך אויסגעפונען, אַז דעם גרעסטען פון זיי, דעם

טימבוקטו

אין דעם גאָלדענעם גלאַנץ פון דער אונטערגעהענדיגער זון, האָט דער בולוואַר, דער דאָזיגער שטראָם פון לעבען, געשוויבעלט פון מענשען. דער גאַנצער הי־מעל איז געווען פורפור רויט און הינטער דער מאַ־דעליינע האָט א גרויסער, לייכטענדער וואָלקען גע־גאָסען זיין פינקלענדיגען שטראהלען־רעגען אויף דער גאַנצער גאַס ארונטער, וועלכע איז געווען אין א שטראהלענ־דיגען נעבעל איינגעוויקעלט.

א לוסטיגער עולם האָט זיך בעוועגט ארויף און אראָב אין דעם דאָזיגען פלאַמענדיגען נעבעל, ווי אין א הימעלשען וואָלקען. די פנים'ער האָבען געשטראַהלט, די צילינדער היט האָבען געבליסטשעט און די שווארצע רעק האָבען געגלאַנצט אין פורפורנעם שיין; דאָס לאַקיר פון די שטיוועל האָט געוואָרפען א שטראהלענדען גלאַנץ אויף דעם אספאַלט פון טראָטואַר.

פאר די קאפעעס זיינען געזעסען מאסען מענשען און האָבען געטרונקען גלענצענדע, פארבּיגע געטראַנקען, וועלכע האָבען אויס־געזעהען ווי טהייערע, אין קריסטאַל איינגעפאסטע עדעלשטיינער.

אין מיטען צווישען די געסט, אין לייכטע דונקעלע אַנצוגען, זיינען געזעסען צוויי אָפיצירען אין פולער יוניפאָרם, און די פארביי־געהער האָבען געמוזט פארזשמורען די אויגען, אזוי שטארק האָט די זון געבליסטשעט אויף דעם גאָלד פון זייערע רעק.

זיי האָבען פרעהלאך געפּלוידערט און זיך געפיהלט גוט אויפ־געלייגט אין דעם שטראָם פון דעם דאָזיגען פרעהליכען לעבען, אין דער ליעבער ווארימקייט פון דעם שטראהלענדיגען זומער אָבענד. זיי האָבען בעטראַכט די מענשען, וועלכע זיינען פארבייגעגאנגען, די מענער מיט זייער לאַנגזאַמען טראָט, די פרויען מיט זייער

ג א ר ע ל: איז וואָס, פרענגט איהר? ער וועט דאָס אייך ניט פערגעבען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: ער?

ג א ר ע ל: יא. אזעלכע זאכען גיבען דאָך איהם ניט קיין גאראנטיע, אז ער קען מיט אייך זיכער זיין.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר (לאַכענדיג): הענרי, דאָס וועט איהר דאָך ניט טהאָן!

(אויף די טרעפּ דערהערט זיך אַ שטימע רופענדיג: מאַטהילדע!)

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר (שטיל): מיין מאַן. אדיע!

ג א ר ע ל (שטעהט אויף): איך וועל אייך בעגלייטען און שטעלט מיך פאר איהם פאַר.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: טהוט עס ניט.

ג א ר ע ל: פאר וואָס ניט?

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: איך בעט אייך.

ג א ר ע ל: דאַן נעהמט אָן די קייט, וועלכע איך שלאָג אייך פאַר.

א ש ט י מ ע: מאטהילדע!

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: לאָזט מיך געהן.

ג א ר ע ל: וואו וועל איך אייך ווידער זעהען?

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: דאָ, היינט ביי נאכט... נאָכ'ן עסען.

ג א ר ע ל: (קושט איהר די האַנד): איך ליעב אייך... (זי אנטלויפט. ער קעהרט זיך אום צוריק צו זיין פאָטעל און לאָזט זיך לאַנגזאָם אויף איהם ארונטער).

ג א ר ע ל: ביי נאַט, ביי נאָט, די ראָלע איז מיר א סך ליעבער ווי די פריהערדיגע! וואָרים זי איז רייצענד, זעהר רייצענד און נאָך פערפיהרערישער איז זי געוואָרען, זייט איך האָב געהערט איהר איצטיגען מאן'ס שטימע, ווען ער האָט איהר גערופען „מאַטהילדע!" מיט דעם טאָן פון א בעזיצער, מיט וועלכען די פערהייראטע מענער רערען געוועהנליך צו זייערע פרויען.

ערשטען פאל נעהמט מען אויף זיך אלע לאסטען, אלע אונאנגע־נעהמליכקייטען, יערע פעראנטוואָרטליכקייט פון דער ליעבע; אין צווייטען פאל לאָזט מען איבער די אלע לאסטען דעם געזעצליכען בעזיצער און מען בעהאלט פאר זיך נור דאָס פערגעניגען מיט דער מעגליכקייט צו פערשווינדען אין דעם טאָג, ווען די געליעבטע הערט אויף צו געפעלען. דאָס איז עטוואָס גאנץ אנדערעס.

ג א ר ע ל: ליעבע פריינדין, איהר ציהט א גאנצען פאלשען שלוס. ווען מען ליעבט א פרוי, דארף מען זי ניט הייראטען, ווייל ווען מען הייראט זי, ווייס מען בעשטימט, אז זי וועט אייך בעטריגען הינטערן רוקען, ווי איהר האָט עס מיר געטהאָן. איהר האָט זיך דאָך אליין מודה געווען אין דעם; בעת עס איז גאָר קיין צוויי־פעל ניט, אז א געליעבטע בלייבט דעם געליעבטען טריי. די זעלבע מיה און מיטעל, וואס זי ווענדעט אָן צו נארען דעם מאן, געברויכט זי אויף פאר דעם געליעבטען, אום איהם טריי צו זיין, ניט אמת? ווען א מאן וויל אָ פרוי צו זיך צושמיעדען מיט אן אונצוברעכליכער קייט, דאן דארף ער איהר לאָזען הייראטען מיט אן אנדערען. דאָס פאמיליען־לעבען איז א שטריק, וועלכען מען קען צושניידען, ווען עס פאסט אונז ניט מעהר. די פרייע ליעבע איז א קייט, וועלכע איז אונצוברעכליך. מיר האָבען דעם שטריק צושניטען... איך שלאָג אייך פאָר די קייט.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: איהר זייט זעהר אינ־טערעסאנט, אָבער איך נעהם אייער פאָרשלאָג ניט אָן.

ג א ר ע ל: דאן וועל איך עס זאָגען מאָסיע דע־טשאנ־טעווער.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: וואָס וועט איהר איהם זאָגען?

ג א ר ע ל: איך וועל איהם זאָגען, אז איהר האָט מיך בע־טראָגען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: אז איך האָב אייך בע־טראָגען... איך?

ג א ר ע ל: יאָ, ווען איהר זייט מיין פרוי געווען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: נו, איז וואָס?

מען טהוט געוועהנליך מיט גנבים, וועמעס שאם געפיהל מען וויל פארשוינען.

מאדאם טשאנטעווער: פאר וועמען האלט איהר מיך דען?

גארעל: פאר דער פרוי פון מאסיע דע־טשאנטעווער.

מאדאם טשאנטעווער: דאס איז שוין צו פרעך.

גארעל: ענטשולדיגט מיך, דער וועלכער האט מיך בע־טראגען, האט אייך דאך געהאלטען פאר דער פרוי פון מאסיע דע־גארעל. עס איז דאך ניט מעהר ווי גערעכט, אז איצט זאל זיין מיין רייהע. צו פרעך איז, וואס איהר ווילט מיר ניט אבגעבען דאס, וואס געהערט מיר ביי רעכט.

מאדאם טשאנטעווער: און ווען איך זאל זאגען יא... דאן וואלט איהר געקענט...

גארעל: אבער געווים.

מאדאם טשאנטעווער: צו־וואס האט אונז דאן געטויגט זיך צו שיידען?

גארעל: אום אונזער ליעבע אויף דאס ניי צו פער־שטארקען.

מאדאם טשאנטעווער: איהר האט מיך קיין מאל ניט ליעב געהאט.

גארעל: איך גיב אייך דאך דעם שטארקסטען בעווייז פון מיין ליעבע.

מאדאם טשאנטעווער: וועלכען בעווייז?

גארעל: וואס הייסט וועלכען? ווען א מאן איז גענוג פעריקט פריהער צו בעטען א פרוי, זי זאל מיט איהם הייראטהען און דערנאך פערלאנגט ער צו ווערען איהר געליעבטער, דאן בע־ווייזט עס, אז ער האט זי ליעב, אדער איך פערשטעה איבערהויפט גארנישט פון דער ליעבע.

מאדאם טשאנטעווער: אה, ניין. מיר דאר־פען דאס ניט צוזאמענמישען. מיט א פרוי צוהייראטען בעווייזט ליעבע אדער בענקעניש נאך איהר, אבער מיט איהר א פערהעלטניס אנקניפען, בעדייטעט גארנישט, אויסער... פעראכטונג. אין דע...

גארעל: נו, איז וואָס האָט עס דערמיט צו טהאָן?

מאדאם טשאנטעווער: אלזאָ, אויב איהר ווילט שטארק וויסען, איך האָב אייך בעטראָגען מיט מאָסיע דע־טשאנ־טעווער.

גארעל: דאָס איז ניט אמת.

מאדאםטשאנטעווער: פאר וואָס?

גארעל: ווייל ער וואָלט דאן מיט אייך ניט געהייראט.

מאדאם טשאנטעווער: אזא אונפערשעהמט־הייט! און וואָס ווילט איהר מיר פאַרשלאָגען?

גארעל: הערט אוים: איהר האָט מיר נור וואָס אליין מודה געווען, אז איך בין געווען איינער פון יענע נארען, וועלכע מאכען א קאָמישען איינדרוק, ווען זיי שווייגען, און זיינען נאָך ערגער, ווען זיי שרייען; מיט איין וואָרט, איינס פון יענע בע־שעפעניסען, וועלכע מען רופט דער געגארטער מאן. אלזאָ, מאדאם, עס איז קיין צווייפעל ניט, אז די פּאָאר שמיץ מיט'ן בייטש, וועלכע איהר האָט געקריגען, האָבען ניט אויסגעגלייכט די בעליידיגונג, וועל־כע איהר האָט מיר אָנגעטהאָן. איהר זייט מיר שולדיג א סך מעהר און מוזט מיר בעצאָהלען אויף א פיעל ערנסטערען אופן, איבער־הויפּט איצט, ווען איך בין ניט מעהר אייער מאן.

מאדאם טשאנטעווער: וואָס ווילט איהר דער־מיט זאָגען?

גארעל: איך וויל דערמיט זאָגען, אז איהר דארפט מיר היינט צוריק געבען די רייצענדע שטונדען, וועלכע איהר האָט ביי מיר גע'גנב'עט, ווען איך בין געווען אייער מאן, אום עס צו שענקען איך ווייס אליין ניט וועמען.

מאדאם טשאנטעווער: איהר זייט פעררינקט.

גארעל: עס הייבט זיך גאָר נישט אָן. אייער ליעבע האָט געהערט צו מיר, ניט אמת? אייערע קושען, אלע אייערע קושען אָהן אויסנאהמע, זיינען געווען מיינע, ניט אמת? איהר האָט א טהייל דערפון אן אנדערען אוועקגעגעבען. נו, אלזאָ, איז עס מיין וואונש צוריק צו קריגען מיינס אָהן א סקאנדאל, שטילערהייד, ווי

ג א ר ע ל: דאָס איז מיר אויך ניט גענוג; איך מוז האָבען בעווייזע.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר (שמייכעלט): דאָס איז שוין אביסעלע צופיעל פערלאַנגט.

ג א ר ע ל: ניין, מאדאם, ווי איך האָב אייך געזאָגט, האָב איך אייך געוואָלט מאַכען זעהר אַן ערנסטען פאָרשלאָג, אז ניט, וואָלט איך צו אייך ניט גערעדט נאָך דעם, וואָס צווישען אונז איז געשעהן, וואָס מיר האָבען געטהאָן איינער דעם אנדערען, פריהער איהר מיר און דערנאָך איך אייך. דער דאָזיגער פאָרשלאָג, וועל־כער קען פאַר אייך האָבען ערנסטע פאָלגען, וואָלט ניט געהאַט קיין שום ווערט, ווען איך וואָלט אויף אַן אמת פון אייך ניט געוואָרען בעטראָגען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: איהר זייט א מאָדנער מענש! איך זאָג אייך, איך האָב אייך בעטראָגען; וואָס נאָך ווילט איהר?

ג א ר ע ל: איך מוז האָבען א בעווייז.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: אָבער וואָס פאַר א בע־ווייז קען איך אייך געבען? איך האָב דאָך איצט ניט מעהר קיין בעווייזע. איך גלויב, מיין וואָרט דאַרף זיין גענוג פאַר אייך.

ג א ר ע ל (פארנייגט זיך): זייט איהר בערייט עס צו בע־שווערען?

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר (הויבט אויף די האַנד): איך שווער.

ג א ר ע ל (זעהר ערנסט): איך גלויב אייך, מאַדאַם. אַלזאָ מיט וועמען האָט איהר מיך בעטראָגען?

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: דאָס איז שוין צופיעל.

ג א ר ע ל: איך מוז אונבעדינגט זיין נאָמען וויסען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: דאָס קען איך אייך ניט זאָגען.

ג א ר ע ל: פאַר וואָס ניט?

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: ווייל איך בין א פער־הייראטע פרוי.

די גוטע קלעפ, וואָס איך האָב אייך געגעבען, מעהר ווי כשר פער־דיענט.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: דענקט אייך ווי איהר ווילט.

ג א ר ע ל: גוט, איך פאַרשטעה. אלס אייער מאַן, מאַדאַם, האָב איך אַלזאָ געטראָגען הערנער.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: דאָס האָב איך ניט גע־זאָגט.

ג א ר ע ל: אָבער איהר האָט עס מיר געלאָזט פיהלען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: איך לאָז אייך פיהלען, אז איך פערלאַנג אייער מיטלייד ניט.

ג א ר ע ל: מיר וועלען זיך דאָך ניט ארומדרעהען ארום דעם וואָרט. זייט זיך איינפאך מודה, אז איך...

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: איך קען אייך; רעדט ניט ארוים דעם דאָזיגען העסליכען וואָרט, וועלכער עמפּערט און עקעלט מיך.

ג א ר ע ל: איך שענק אייך דאָס וואָרט, אָבער זייט זיך מודה אין דער טהאַט.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: קיינמאָל ניט. עס איז ניט אמת.

ג א ר ע ל: דאַן בעדויער איך פון טיעפסטען האַרצען, און דער פאָרשלאַג וואָס איך האָב אייך געוואָלט מאַכען, איז איצט ניט נויטיג.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: וואָס פאַר א פאָרשלאַג?

ג א ר ע ל: איך קען אייך איהם מעהר ניט מאַכען, ווייל ער האָט נור דאַן א זין, ווען איהר האָט מיך ווירקליך בעטראָגען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: דאַן לאָמיר אויף א מינוט אָננעהמען, אז איך האָב אייך יאָ בעטראָגען.

ג א ר ע ל: דאָס איז ניט גענוג; איהר מוזט זיך אין דעם מודה זיין.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: גוט, איך בין זיך מודה.

ג א ר ע ל: ניט קוקענדיג אויף מיין וואונש אייך צו געפעלען, קען איך אָבער דאָס ניט טהאָן.

מ א ד א ם ט ש א נ ט א ו ו ע ר: אלזאָ, וואָס ווילט איהר?

ג א ר ע ל: מיין אונרעכט ווידער גוט מאַכען, דאָס הייסט, אויב איך בין טאקע געוועזן אונגערעכט.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר (עמפערט): וואָס? אויב איהר זייט געוועזן אונגערעכט? איהר ווייסט הפנים אליין ניט וואָס איהר רעדט? איהר האָט מיך געשלאָגען און איהר רעכנט נאָך, אז איהר האָט זיך מיט מיר זעהר ערעל בענאָנגען?

ג א ר ע ל: אפשר?

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: וואָס מיינט דער אפשר?

ג א ר ע ל: יא, מאדאם, איהר ווייסט דאָך די קאָמעדיע וועגען די בעטראָגענע, וועלכע האָבען געקריגען קלעפּ און זיינען געוועזן צופריעדען. איצט איז די פראגע: בין איך געוועזן א בעטראָגענער, צי ניט? דאָס איז די הויפּט זאַך. אויף יעדען פאַל האָט איהר געקריגען די קלעפּ און זייט מיט זיי ניט געוועזן צופריעדען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר (הויבט זיך אויף): איהר בעליידיגט מיך.

ג א ר ע ל: (מיט היץ): איך בעט אייך, הערט מיך איין מינוט אוים. איך בין געוועזן אייפערזיכטיג, א בעוויז, אז איך האָב אייך געליעבט. איך האָב אייך געשלאָגען, א נייער בעוויז דערפאר. און גוט געשלאָגען — דאָס איז דער סאמע בעסטער בעוויז. נו, אלזאָ, ווען איהר זייט מיר טריי געבליבען און טראָצדעם האָט איהר געקריגען קלעפּ, דאן איז עס ווירקליך טרויעריג, דאן מוז מען מיט אייך מיטלייד האָבען, איך גיב עס אליין צו.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: איך נויטיג זיך ניט אין אייער מיטלייד.

ג א ר ע ל: וואָס מיינט איהר דערמיט? דאָס קען מען פערטייטשען אויף צוויי אופנים: עס קען הייסען, אז איהר פעראַכטעט מיין מיטלייד אָדער אז איהר פערדיענט עס ניט. און אויב איהר פערדיענט ניט מיין מיטלייד, דאן האָט איהר די קלעפּ,

בעדויער היינט זעהר שטארק. גיכער האָב איך ערוואַרט פון אייך, און דאָס זאָג איך אייך אָפען, אז איהר זאָלט מיר דאנקען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר (שטאַרק ערשטוינט): וואָס? איהר זייט פעררי‍קט, אָדער איהר ערלויבט זיך מיט מיר צו מאַכען אונפּאַסענדע שפּאַסען.

ג א ר ע ל: דורכאוים נים, מאדאם. און אויב איהר פער־שטעהט מיך נים, דאן מוזט איהר זיין זעהר אונגליקליך.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: וואָס זאָל דאָס הייסען?

ג א ר ע ל: ווען איהר וואָלט געווען גליקליך מיט דעם, וועל־כער האָט פארנומען מיין פּלאַץ, דאן וואָלט איהר מיר דאנקבאר געווען פאר מיין היציגקייט, וועלכע האָט אייך געהאָלפען דעם נייעם בונד צו שליסען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: דאָס איז שוין אביסעל צו ווייט! איך בעט אייך לאָזט מיך צו־רוה.

ג א ר ע ל: און דאָך, מאַדאַם, בעדענקט זיך; ווען איך וואָלט נים בעגאנגען די גראָבקייט אייך צו שלאָגען, וואָלטען מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג אונזערע קייטען געטראָגען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר (בעליידיגט): אויף יע־דען פאַל האָט איהר מיר א גרויסע טובה געטהאָן.

ג א ר ע ל: נים אמת? א טובה, וועלכע פערדיענט א בע־סערע אויפנאהמע, ווי די וואָס איהר האָט מיר געגעבען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: דאָס קען זיין, אָבער אייער פנים איז מיר אונאנגענעהם.

ג א ר ע ל: דאָס קען איך וועגען אייערען נים זאָגען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: אייערע שמייכלערייען זיינען מיר פונקט אזוי אונאנגענעהם, ווי אייערע גראָבקייטען.

ג א ר ע ל: אָבער איהר פערשטעהט דאָך אליין, מאדאם, איך האָב איצט נים מעהר קיין רעכט אייך צו שלאָגען, מוז איך דאָך זיין ליעבענסווירדיג.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ו ע ר: דאָס איז וויינינגסטענס אָפען. אָבער אויב איהר ווילט ווירקליך זיין ליעבענסווירדיג, דאן בעט איך אייך, געהט אוועק, געהט גלייך אוועק פון דאנען.

טאָמער וואָלט איך פּרובירט מיט איהר רעדען? וואָס וועט זי זאָגען?

זי וועט שרייען נאָך הילף. אזא שלים מזל! איך בין אפשר טאקע געווען אביסעל צו ברוטאַל.

ווען איך זאָל איצט מיט איהר נעהמען רעדען, וואָלט עס נאָכ־דעם, וואָס צווישען אונז האָט פּאַסירט, געווען אי קאָמיש, אי פרעך פון מיין זייט. אָבער זאָל מיך דער טייפעל נעהמען, זאָל זיין וואָס עס וויל, איך רעד מיט איהר... און דאַן וועלען מיר זעהן.

צווייטע סצענע.

(ער געהט צו צו דער יונגער פרוי, וועלכע לעזט אויפמערקזאם די צייטונג און זאָגט מיט אַ ווייכער שטימע:)

ג א ר ע ל: ערלויבט מיר, מאדאם, אייך אויף מיר אויפ־מערקזאם צו מאכען.

(מאדאם דע טשאַנטאַוועך הויבט שנעל אויף דעם קאָפּ, לאָזט ארויס אַ געשריי און וויל אַנטלויפען. ער פערשטעלט איהר דעם וועג און זאָגט גאנץ בעשיידען:)

ג א ר ע ל: האָט קיין מורא ניט, מאדאם, איך בין ניט מעהר אייער מאַן.

מ א ד א ם ט ש א נ ט א ו ע ר: איהר וואגט עס נאָך דעם אַלעמען וואָס איז געשעהן.

ג א ר ע ל: איך וואג עס און איך וואג עס ניט. קורץ, דענקט זיך, ווי איהר ווילט. ווען איך האָב אייך דאָ דערזעהן, איז מיר געווען אונמעגליך, איך זאָל צו אייך ניט נעהמען רעדען.

מ א ד א ם ט ש א נ ט ע ו ע ר: איך האָף, אז דער שפּאס איז פאראיבער, ניט אמת?

ג א ר ע ל: עס איז גאָר קיין שפּאס ניט, מאדאם.

מ א ד א ם ט ש א נ ט א ו ע ר: דאַן איז עס מסתמא אַ וועט, אויב ניט אַן אונפערשעהמטהייט. אַ מאַן, וועלכער שלאָגט אַ פרוי, איז צו אַלעס פעהיג.

ג א ר ע ל: איהר זייט הארט, מאדאם. איהר האָט מיר איצט ניט געדארפט אויפוואַרפען אַ היציגע האנדלונג, וועלכע איך

ערשטער צערטליכקייט און דעם גאנצען צויבער פון א נייער ליעבע. א, די נארען, וואס פערשטעהען ניט דעם וואונדערבארען רייץ פון א בילד, ווען מען הויבט אויף פון איהם דעם שלייער צום ערשטען מאל! א, די נארישע מענשען, וועלכע האבען התונה! דען צו אפט... טאר מען דעם שלייער ניט אויפהויבען... פון דעם זעלבען בילד.

אט איז א פרוי!...

(א פרוי, עלעגאנט, שלאנק, מיט א שמאלער טאליע געהט פון הינ־טען פארביי).

צום טייפעל! דאס איז מיין פרוי, אדער ניין, בעסער גע־זאגט, משאנטעווערם פרוי. אבער שעהן איז זי טראץ דעם.

איך וואלט בלויז וועלען וויסען, צו איך וואלט זי איצט ווי־דער וועלען הייראטען? גוט, איצט האט זי זיך געזעצט און לעזט דעם גיל בלאז. איך וועל זיך מאכען ניט זעהענדיג.

מיין פרוי! ווי מאדנע דאס קומט מיר אויס; מיין אייגענע פרוי. אייגענטליך איז שוין א יאהר צייט, נאך מעהר ווי א יאהר, אז זי איז מיין פרוי ניט געווען. יא, זי האט געהאט גאנץ בע־דייטענדע קערפערליכע אייגענשאפטען. דיעזער פוס! דאס הארץ הויבט אן ביי מיר צאפלען, ווען איך טהו נור א טראכט וועגען דעם. און א בוזעם, אך וואס פאר א בוזעם! אין דער ערשטער צייט האבען מיר זיך אימער געשפיעלט ווי אויף א סמאטר: רעכטס־לינקס, רעכטס־לינקס. אך, דער בוזעם! רעכטס אדער לינקס — איבעראל שעהן.

אבער מאראליש... אזא בעסטיע.

האט זי געהאט ליעבהאבער? ווי האב איך פון דעם דאזיגען צווייפעל געליטען. נו, מילא, איצט איז א סוף דערמיט. מיר געהט עס מעהר גארנישט אן.

איך האב קיינמאל ניט געזעהן קיין מעהר פערפיהרערישען וועזען ווי זי, ווען זי איז אין בעט אריין. זי האט געהאט עפעס א בעזונדערע ארט און ווייזע זיך אויפצוהויבען און זיך אין די דעקעס איינצוטוליען...

צום טייפעל! איצט פערליעב איך זיך ווידער אין איהר.

ווי אַ בייטש פאַר צעהן פראַנק און די רעכטע האַנד האָט מיר דער־נאָך אַביסעל וועה געטהאָן. אָבער דערביי רעכען איך ניט דעם פערגעניגען וואָס איך האָב, אָנצוברעכען גוט די ביינער דער פרוי, אויף וועלכער איך האָב געהאַט אַ פעראַכט, אַז זי בעטריגט מיך. (ער הויבט זיך אויף לאַבענדיג, מהוט אַ פּאָאָר טריט, און זעצט זיך ווידער אַוועק).

ביי יעדען איז זי געבליבען גערעכט און איך אונגערעכט.

און איצט וועל איך דעם ווינטער פאַרברייגנגען אין זידען אלס בחור. דאָס איז דאָך וואונדערבאַר! איז עס ניט רייצענד אַזוי אַרומצורייזען, אימער מיט דער האָפנונג זיך אָנצושטויסען אויף עפּעס אַ ליעבעס אינטריגע. וואָס וועט מיט מיר פּאַסירען, ווען וועל איך בעגעגענען? און וואו? אין האָטעל גלייך אויפ׳ן אָרט? אָדער אפשר שפּעטער אויף דער גאַס? וואו איז זי וועלכע וועט מיך מאָרגען ליעבען און ווען איך וועל ליעבען? וואָס פאַר אַ אויגען האָט זי, וואָס פאַר אַ ליפּען, האָאָר, וואָס פאַר אַ שמייכעל? ווי וועט די ערשטע פרוי אויסזעהען, וועלכע וועט צו מיר אויסשטע־לען דעם מויל און וועלכע איך וועל אויך אין מיינע אָרעמס אריינ־נעהמען. ברוין אָדער בלאָנד, הויך אָדער קליין, ערנסט אָדער לוס־טיג, דיק אָדער... זי מוז זיין דיק.

ווי איך בעדויער די אַלע מענשען, וועמען עס איז פרעמד דער רייץ פון ערוואַרטונג אָדער די, וועלכע זיינען שוין אָבגעלעבט און קענען עס שוין מעהר ניט פיהלען. די פרוי, וועלכע איך ליעב אויף אַן אמת, איז די אונבעקאַנטע, נאָך איהר בענקט און האַפט מיין האַרץ, הגם מיינע אויגען האָבען נאָך קיינמאָל איהר געשטאַלט ניט געזעהען. וואו איז זי? אין דיעזען האָטעל, הינטער דיעזער טהיר? אין איינעם פון די צימערען פון דעם דאָזיגען הויז? גאַנץ נאָהענט נעבען מיר אָדער נאָך ווייט? אַלץ איינס! אַזוי לאַנג ווי איך בענק נאָך איהר און איך פיהל אַז איך וועל זי טרעפען. און איך וועל זי גאַנץ זיכער היינט טרעפען, היינט אָדער מאָרגען, די וואָך אָדער די פאָלגענדע, פריהער אָדער שפּעטער. איך מוז זי טרעפען.

און איך וועל פערזוכען דעם טעם פון דעם ערשטען קוש, דער

די בעלוינונג

ערשטע סצענע

(מאָסיע דע גאַרעלל, אליין, זיצט אין א פאָטעל).



א ר ע ל ל: אָט בין איך אין קאננעם אלס בחור. א קאָמישע געשיכטע, איך בין א בחור! א פרייער אונ־פערהייראטהער מאַן! אין פּאריז האָב איך דאָס גאָר־נישט בעמערקט; אָבער אויף דער רייזע איז שוין גאָר אַן אנדער זאַך, און איך בין גאַנץ צופריעדען דערמיט. און מיין פרוי איז ווידער פערהייראט!

מיין נאָכפּאָלגער מוז זיין א גליקליכער מענש, גליקליכער פון מיר. און אַן אָקס מוז ער זיין אויך א גאַנץ גרויסער, אז ער האָט זי געהייראט נאָך מיר. איבעריגענס מוז איך צוגעבען, אז איך בין אויך ניט געווען א סך קליגער, ווען איך בין געוואָרען איהר ערש־טער מאַן. און דאָך האָט זי געהאט אייגענשאפטען... אייגענשאפ־טען קערפּערליכע... זעהר גרויסע. אָבער אויך זעהר וויכטיגע מאָ־ראַלישע פעהלערען. ביטרע איז זי געווען און ליגנעריש, קאָקעטיש און בעצויבערנד פאר אלע מענער. האָט זי מיר הערנער ארויפ־געזעצט? טייפעל! עס איז א ביטערער עסק זיך צו שטעלען די דאָזיגע פראגע פון פריה ביז נאכט און דאָך ניט האָבען קיין געוויסהייט.

און איך האָב אזוי פיעל וועגען אויסגעפּרובירט, אום זי צו בעאָבאַכטען און צו שפּיאָנירען און האָב קיינמאָל גאָרנישט אויס־געפונען. נו, מילא, אויב איך בין געווען א בעטראָגענער מאַן, בין איך עס איצט אויף יעדען פאל ניט מעהר. אזא שיידונג איז דאָך אייגענטליך די לייכטסטע זאַך. מיר האָט עס מעהר ניט געקאָסט

פריעדענער פון דער וועלט, ווען שטאַרבענדיג, וועל איך דערהערען זיין געשריי...״

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָב איך אויף די עליסעער פעלדער בעגעגנט אַן אַלטען־אַלטען הענדלער מיט קאָקוסנים, ער האָט מיר אויסגעוויזען אַזוי אָרעם, אַזוי אונגליקליך. און איך האָב איהם אוועקגעגעבען מיין אָנקעל׳ס הונדערט פראַנק. ער האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן פאַר פערוואונדערונג און פרייד, דערנאָך האָט ער געזאָגט: „איך דאַנק אייך, מיין הערר, דאָס וועט אייך בריינגען גליק.״

מיין וויזיט. די דאָזיגע אוידיענץ איז מיר בעוויליגט געוואָרען אויף דעם פריינדליכסטען אופן.

„אין דעם בעשטימטען טאָג (דאָס איז געווען זומער, עס איז געווען א שרעקליכע היץ), האָב איך אָנגעטהאָן העלע הויזען, העלע האַנדשוהע און העלע שיך מיט לאַקירענע שפּיצען. די גאַסען זיי־נען געווען ווי אָנגעברענט. די פּיס האָבען זיך ווי צוגעקלעפּט צו די ווייך געוואָרענע טראָטואַרען. גרויסע פּעסער וואַסער, פון וועל־כע מען האָט די גאַסען בעגאָסען, האָבען אָנגעמאַכט מיסט אויפ'ן ברוק. דאָ און דאָרטען האָבען גאַסען קעהרער צוזאַמענגענומען גרויסע קופּעס פון דעם דאָזיגען וואַרימען, עפּעס אַזוי ווי קינסטלי־כען שמוץ און עס אריינגעקעהרט אין די רינשטאָקען אריין. איך האָב געטראַכט בלויז פון מיין אוידיענץ און בין געגאַנגען שנעל, ווען איך האָט אָנגעטראָפען איינעם פון אָט די רינשטאָקען; איך האָב געוואָלט אריבערשפּרינגען, — בין זיך פונאַנדערגעלאָפען... איינס... צוויי... און פּלוצים האָט א שרעקליכער געשריי מיר א שניט געטהאָן דעם אויער: „קאָקוס, קאָקוס, ווער וויל קאָקוס!“ ניט ווילענדיג האָב איך געמאַכט א פערוואונדערטע בעוועגונג... און האָב זיך אויסגעגליטשט... עס האָט פּאַסירט עטוואָס שרעק־ליכעס, א רחמנות געווען צו קוקען: איך בין געזעסען אין דער שמוציגער לוזשע... מיינע הויזען זיינען טונקעל געוואָרען, מיין ווייסע העמד איז געווען פערשפּריצט מיט בלאָטע און מיין הוט האָט געשוואומען צוזאַמען מיט מיר. און א בענומענער, הייזערי־נער פון שטענדיגען שרייען קול, האָט פאַרטגעזעצט: „קאָקוס, קאָקוס!“ און פאַר מיר האָבען א מענשען צוואַנציג זיך געטריי־טעלט פאַר געלעכטער, געמאַכט פערשיעדענע גרימאַסען און זיך געהאַלטען פאַר די זייטען, קוקענדיג אויף מיר.

„איך האָב זיך געלאָזט לויפען אהיים, האָב זיך איבערגעטהאָן, אָבער די שטונדע פון דער אוידיענץ איז שוין געווען אריבער.“

דער מאַנוסקריפּט האָט זיך געענדיגט אַזוי:

„ווער דער פריינד פון א הענדלער מיט קאָקוסנים, מיין קליי־נער פיער; און וואָס אנבעלאַנגט מיר, וועל איך אוועקגעהן א צו־

„און שוין אפילו זיצענדיג אין עקיפּאַזש האָב איך איהם נאָך אַלץ געהערט.

„אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען מיר זיינען אויף נעיעג אוועק, האָב איך פון די חיות גאָר נישט געקענט דערשיסען, אָבער איך האָב דער'הרג'עט א פערביילויפענדיגען הינטעל, ווענען איך האָב אָנגענומען פאַר א האָז; א יוננע היהנדעל, וואָס' האָט זיך מיר אויסגעוויזען ווי א קוראָפּאַטקע; א קליין פויגעלע האָט זיך אוועק־געזעצט אויף א פּאַרקאַן, איך האָב אויסגעשאָסען, זי איז אוועק־געפלויגען, אָבער א שרעקליכער רעוועו האָט מיך צוגעשמידט צום אָרט. דאָס רעוועו האָט אָנגעהאַלטען ביז אין דער נאַכט אריין... אַך! מיין אָרימער פּאָטער האָט געבאַך געמוזט בעצאָהלען אַן אָרי־מען פּאַרמער פאַר א קוה.

„ווען איך בין אַלט געווען א יאָהר פינף־און־צוואַנציג, האָב איך עפּעס איין מאָל אַן אין דער פריה דערזעהן א הענדלער מיט קאָקוסנים. ער איז געווען שרעקליך צוקאָרטשעט, איינגעבויגען, האָט זיך קוים געשלעפּט, אָנשפּאַרענדיג זיך אויפ'ן שטעקען, עפּעס אַזוי ווי צודריקט פון דער שווערער משא אויף זיך. מיר האָט ער אויסגעזעהן, ווי עפּעס א מין סימבאָל, א פּאַטריאַרך, דער קאָפּ פון אַלע הענדלער מיט קאָקוסנים. איך האָב אויסגעטרונקען א גלאָז קאָקוס זאַפט און בעצאָהלט צוואַנציג סו. א טיעפער קול, וועל־כער איז דאַכט זיך ארויסגעקומען גיכער פון דער בלעכענער כלי, ווי פון דעם מענשען, וואָס האָט זי געטראָגען, האָט אויסגעקרעכצט: „דאָס וועט אייך בריינגען גליק, טהייערער הערר".

„אין יענעם טאָג בין איך בעקאַנט געוואָרען מיט מיין צוקינפ־טינער פרוי, וועלכע האָט מיר גראָד גליקליך געמאַכט.

„און צום סוף, אָט ווי אַזוי א הענדלער מיט קאָקוסנים האָט מיר געשטערט צו ווערען א פּרעפעקט.

„עס איז געווען גלייך נאָך דער רעוואָלוציאָן, איך האָב גע־זאָלט ווערען א געזעלשאַפטליכער טהוער, ווייל איך בין געוועזן רייך, געאַכטעט און געהאַט בעקאַנטשאַפט מיט א מיניסטער. ביי איהם האָב איך געבעטען אַן אוידיענץ, אָנווייזענדיג אויף דעם צוועק פון

„ווען איך בין אַכט יאָהר אַלט געווען און געגאַנגען מיט מיין ניאַנקע אין די עליסעער פעלדער, האָט איינער פון די דאָזיגע הענד־לער פּלוצים גענומען קלינגען הינטער מיין רוקען. מיין ניאַנקע איז אין דער מינוט געווען שטאַרק פערטהאָן קוקענדיג אויף דעם פערבייגעהענדען פאָלק. איך האָב זיך אומגעקעהרט אַ קוק צו טהאָן אויפ׳ן הענדלער. אַ בליסטשענדע קאַרעטע, מיט צוויי פערד געשפּאַנט, איז שנעל ווי אַ בליץ געפלויגען גלייך אויף אונז. דער קוטשער האָט געשריען, אָבער ניט איך און ניט די ניאַנקע האָבען געהערט. איך בין געוואָרען אומגעשליידערט, אַבגעשלעפּט און צו קוועטשט... איך געדיינק ניט, ווי אַזוי איך האָב זיך פּלוצים געפינען אויף די הענד פון דעם הענדלער מיט קאַקוסנים, וועל־כער, אום מיך צו ברייננגען צו זיך, האָט אונטערגעשטעלט מיין מויל אונטער איינעם פון זיינע קראַנען, האָט איהם געעפענט און די פרישע זאַפט פון די קאַקוסנים האָט מיך אָבגעפרישט. דאָס האָט מיך אין גאַנצען ווידער אויף די פיס געשטעלט.

„מיין ניאַנקע האָט דאַן צובראָכען דעם נאָז און אויב זי האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף די סאָלדאַטען, האָבען זיי אָבער אויף איהר שוין מעהר ניט געקוקט.

„אַ יאָהר זעכצעהן אַלט, ווען איך האָב נור וואָס געקויפט מיין ערשטען יעגער ביקס, מיט אַ טאָג פאַר דעם ווי דער געיעג האָט זיך אָנגעפאַנגען, בין איך אוועק אין דער קאַנטאָר פון דיליזשאַנסען מיט מיין אַלטינקער מוטער, וועלכע איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם צוליעב איהר רעוומאַטיזם. פּלוצים דערהער איך הינטער אונז אַ געשריי: „קאַקוסנים, פרישע קאַקוסנים!“ דער קול איז צוגעקו־מען נעהנטער, איז געגאַנגען נאָך אונז, האָט אונז פערפאָלגט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שרייט ער צו מיר, אַז דאָס לאַכט ער אָב פון מיר, בעליידיגט מיך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען קוקט אויף מיר, אַז די פערבייגעהער שפּאָטען פון מיר און דער מענש האָט נאָכאַנאַנד געהאַלטען אין איין שרייען: „פרישער קאַקוסנים!“ עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אויסגעלאַכט מיין בליסטשענדיגען שווערד, די נייע יעגער סומקע, מיין גאַנץ נייעם יעגער אַנצוג פון ברוינעם סאַמעט.

און הונדערט פראַנק וועט ער אָבגעבען פון מיר דעם ערשטען הענד־
לער מיט קאַקוסנים, וועלכען ער וועט בעגעגענען !...“

דאָס האָט אַלעמען פערוואונדערט. אָבער די פערשריעבענע
בלעטלעך האָבען מיר ערקלעהרט די דאָזיגע מערקווירדיגע צואה.

איך גיב זיי איבער וואָרט אין וואָרט:

„דער מענש האָט אַלע מאָל געלעבט אונטער דעם דרוק פון
אַבערגלויבען. אמאָל האָט מען געדענקט, אז אַ שטערן ווערט אָנ־
געצונדען אין דעם מאָמענט, ווען אַ קינד ווערט געבאָרען און אַז
דער דאָזיגער שטערן בעגלייט איהם אויף זיין גאַנץ לעבען אומע־
טום, בעצייכענענדיג זיין גליק מיט אַ העלען פינקלען, און בלייך
ווערענדיג ביי זיינע אונגליקען. איצט גלויבט מען אין דעם איינ־
פלוס פון קאָמעטען, אין עבור־יאָהרען, אין פרייטאג, אין דעם
נומער דרייצעהן. מען דענקט, אז געוויסע מענשען קענען אַן עין
הרע געבען. מע זאָגט: „ווען איך טרעף זיך מיט איהם פּאַסירט
מיר אַן אונגליק.“ דאָס אַלעס איז אמת. איך גלויב אין דעם.
איך וועל עס ערקלעהרען: איך גלויב ניט אין דעם געהיימניספו־
לען איינפלוס פון זאַכען אָדער מענשען, נור איך גלויב אין דער
מאַכט פון צופאַל. עס איז בעוואוסט, אז דער צופאַל האָט ארויס־
גערופען וויכטיגע פּאַסירונגען אין דער צייט, ווען קאָמעטען האָבען
זיך אויפ׳ן הימעל בעוויזען, אז ער, דער צופאַל, האָט אָנגעפילט
מיט זיי די עבור־יאָהרען, אז געוויסע אונגליקען האָבען צופעליג
פּאַסירט פרייטאג אָדער דעם דרייצעהנטען, אז דאָס לעבען פון גע־
וויסע מענשען איז פערבונדען מיט דער ווידערהאָלונג פון געוויסען
און אַזוי ווייטער. פון דעם אַלעמען נעהמט זיך דער אַבערגלויבען.
ער קומט ארויס פון אַן אויבערפלעכליכער בעאָבאַכטונג, וועלכע
זעהט די אורזאַכע אין אַן איינפאַכען צופאַל, און זוכט שוין ניט
ווייטער.

„און מיין שטערן, מיין קאָמעטע, מיין פרייטאג, מיין דריי־
צעהנטער, מיין בייז אויג, איז אָהן צווייפעל געווען דער הענדלער
מיט קאַקוסנים.

„מען זאָגט, אז אין דעם טאָג וואס איך בין געבאָרען געוואָרען
האָט איינער פון זיי געשריען אונטער אונזערע פענסטער.

קאַקאַנים, קאַקאַנים, פּרישע קאַקאַנים!

איך האָב געהערט ווי מען דערצעהלט פונ׳ם טויט פון מיין אָנקעל אָל. וויער.

איך האָב געוואוסט, אז אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט שטיל און רוהיג געזאָלט אויסהויכען זיין לעצטען אָטהעם אין שאָטען פון זיין גרויס צימער, וואו די לאָדענס זיינען פערמאכט געווען צוליעב דער ברענענדיגער זון, האָט זיך אין דער שטיקענדיגער שטילקייט פון דעם דאָזיגען הייסען זומערדיגען נאָכמיטאָג, פּלוצים דער־הערט אין גאס דאָס קלינגען פון א קליין גלעקעלע. גלייך נאָכ־דעם האָט א הילכיגע שטימע דורכגעשניטען די שווערע לופט: „פרישער קאַקוסנים, דערפרישט זיך, ווער עס וויל, קאַקוסנים, קאַקוס־נים, ווער וויל קאַקוסנים!“. דער אָנקעל האָט געמאכט א בעוועגונג, עטוואס עהנליכעס צו א שמייכעל האָט א שוועב געטהאָן אויף זיי־נע ליפּען, דער לעצטער שטראהל פון פרייד האָט א בליץ געטהאָן אין זיינע אויגען, וועלכע זיינען באלד אויף אייביג פערלאָשען גע־וואָרען.

איך בין געווען דערביי, ווען מען האָט געעפענט זיין צוואה. מיין קאָזין זשאק האָט, פערשטעהט זיך, גע׳ירשנ׳ט דאָס גאנצע איי־גענס פון זיין פאָטער. מיינע עלטערן איז, אלס אן ערינערונג, אָב־געזאָגט געוואָרען געוויסע שטיקער מעבעל, אָבער דער שלוס פון דער צוואה איז געווען געווענדעט צו מיר: „מיין קליינעם פּלי־מעניק פּיער, לאָז איך איבער א מאנוסקריפּט פון עטליכע בויגעלאך פּאַפּיער, וועלכע מען וועט געפינען אין דעם לינקען שופלאָד פון מיין שרייבטיש, דאָן 500 פראנק אויף צו קויפען א יעגער ביקס

אינהאַלטס-פערצייכנים:

צאָהל פון
פיידזשעס.

גי דע מאָפּאַסאַן'ס

געזאַמעלטע ווערק

איבערזעצט פון

לעאָן קאָברין.

X.

ארויסגעגעבן פון
„פאָרווערטס"
1923

